STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03050

# DER YAM-VOLF

Jack London

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דזשעק לאָנדאָן

# דער ים־וואלף

פון ענגליש: ז. מ. בלאט

פארלאַג מ. יערוכעמזאָן

ווארשע 1929

The Sea-Wolf
by
Jack London

Printed in Poland

JACK LOODON
Wilk Morski
Przełożył Z. M. Blat
Wydawca M. Jeruchemson
Warszawa, Miodowa 20/37

Zakł. Graf. „GLORIA" Warszawa, Solna 9

# דער
# ים־וואלף

# קאַפּיטל איינס.

אייגנטלעך ווייס איך נישט ווי אָנצוהייבן, הגם צייטנ־ווייז שטעל איך דאָס, אין שפּאַס, אויפן חשבון פון טשאַרלי פּערוסעט. ער האָט געהאַט אַ זומער־וווינונג אין מילוועללי, אין שאָטן פון באַרג טאַמאַלפּייז, ווי ער האָט אָבער זעלטן פאַר־בּרענגט, סיידן ווען ער איז אַרומגעגאַנגען ליידיק אין די ווינ־טער־חדשים און געליינט ניטשען און שאָפּנהויערן, כּדי זיך אָפּצורוען. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער זומער, האָט ער ליבערשט געשוויצט אין שטאָט און געפּראַצעוועט אָן אויפהער. ווען נישט מיין געוווינהייט אַריבערצופאָרן צו אים יעדן שבת נאָכמיטאָג און בלייבן דאָרט ביז מאָנטיק אינדערפרי, וואָלט איך נישט אין יענעם יאַנואַר מאָנטיק געשווימען אויף די כוואַליעס פון סאַנפראַנציסקאָ־אויסגוס.

דאָס מיינט אָבער נישט צו זאָגן, אַז איך בין געשווי־מען אויף אַ זיכערער שיף, ווייל די מאַרטינעז איז געווען אַ נייער פּראָם, וועלכער האָט דעמאָלט אַדורכגעמאַכט זיין פירטן אָדער פינפטן קורס צווישן סאַוסאַליטאָ און סאַן־פראַנציסקאָ. די סכנה האָט געשטעקט אין דעם שווערן ים־נעפּל, וועלכער האָט איינגעהילט דעם אויסגוס, אָבער וועגן דעם האָב איך, אַלס יבשה־איינוווינער, געהאַט אַ גאָר קנאַפּע השגה. איך געדענק נאָך, אין וואָס פאַר אַ געהויבענער שטימונג איך האָב פאַרנו־מען מיין אָרט אויפן פאָדערשטן אויבערדעק, גלייך אונטערן פּילאָטס שטיבל און ווי דער געהיימנישפולער נעפּל האָט באַ־הערשט אַלע מיינע געדאַנקען. ס׳האָט געבלאָזן אַ פריש ווינטל און אַ געוויסע צייט בין איך געווען אַליין אין דער פייכטער פינצטערניש — אָבער דאָך נישט אַליין, ווייל כ׳האָב ווי אומ־באַוווסטזיניק געשפּירט די אָנוועזנהייט פונם פּילאָט און פון

נאָך עמעצן, מסתמא פֿון דעם קאַפּיטאַן, אינם גלעזערנעם ביידל איבער מיין קאָפּ.

כ׳געדענק, אַז כ׳האָב דעמאָלט געטראַכט וועגן דער באַקוועמלעכקייט פֿון דער אַרבעטס פֿאַרטיילונג, וועלכע מאַכט פֿאַר מיר אומנויטיק דאָס שטודירן נעפּלען, ווינטן, שטראָמען און נאַוויגאַציע, כּדי צו באַזוכן מיין פֿריינט, וועלכער וווינט אויף דעם אַנדערן ברעג. כ׳האָב מיר געקלערט: ווי גוט איז דאָס, וואָס מענטשן דאַרפֿן זיך ספּעציאַליזירן. די ספּעציעלע ידיעות פֿונם פּילאָט און קאַפּיטאַן זענען גענוגנדיק פֿאַר אַ סך טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן אַזאַ ידיעה אין ים און שיפֿעריי, ווי איך. פֿון דער צווייטער זייט, אַנשטאָט אויסצונוצן מיין גאַנצע ענערגיע אויף אויסצולערנען אַ סך זאַכן, האָב איך זי קאָנצענטרירט בלויז אויף עטלעכע, ווי למשל, אַנאַליזירן דאָס אָרט, וואָס פּאָע פֿאַרנעמט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור — מיינס אַן עסיי, וואָס איז, אגב, אָפּגעדרוקט אין לויפֿנדיקן נומער פֿונם זשורנאַל אַ ט ל אַ ט נ י ק. ווען כ׳בין אַרויפֿגעקומען אויפֿן דעק, האָב איך, פֿאַרבייגייענדיק פֿאַר אַ קאַיוטע, מיט גיריקע אויגן באַטראַכט אַ קרעפּטיקן דזשענטלמען, וועלכער האָט גראָד געלייענט מיין אַרטיקל אין אַ ט ל אַ ט נ י ק. דאָ האָבן מיר ווידער, הייסט עס, די אַרבעטס-פֿאַרטיילונג: די ספּעציעלע ידיעות פֿונם פּילאָט און קאַפּיטאַן דערלויבן דעם קרעפּטיקן דזשענטלמען בשלום צו פֿאָרן פֿון סאַוסאַליטאָ קיין פֿראַנציסקאָ און לייענען מיינע ספּעציעלע ידיעות וועגן פּאָע.

גראָד בעת דער קאָפּ מיינער איז געווען פֿאַרנומען מיט דער טעמע פֿון עסיי, וועלכער האָט געדאַרפֿט הייסן: „די פֿרייהייט — אַ נויטווענדיקער תּנאי פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿונם קינסטלער“, האָט אַ רויט-פּנימדיקער הער, פֿאַרהאַקנדיק אונטער זיך די טיר בעתן אַרויפֿגיין אויפֿן דעק, איבערגעריסן מיינע געדאַנקען. ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויפֿן פּילאָטס-ביידל, אַרומגעקוקט זיך אין נעפּל, שווער געשפּרייזט איבערן דעק הין און צוריק (ער האָט משמעות, געהאַט קינסטלעכע פֿיס), און געבליבן שטיין שטיל לעבן מיר, די פֿיס צעשפּרייט, און מיט

אָן אויסדרוק פון אַ שטאַרקער הנאה אויפן געזיכט. כ׳האָב נישט געהאַט קיין טעות, באַשליסנדיק ביי זיך, אַז ער האָט פאַרבראַכט זיינע יאָרן אויפן ים.

„ס׳איז דאָ אַזאַ שרעקלעך וועטער, אַז די האָר ווערן גראָ פאַר דער צייט", האָט ער געזאָגט, ווינקנדיק צום פּילאָטקס ביידל.

„כ׳מיין, אַז עס פאָדערן זיך נישט קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען" האָב איך געענטפערט. „עס איז דאָך אַזוי פשוט, ווי אלף-בית. זיי קענען וויסן די ריכטונג לויטן קאָמפּאַס, לויטן מהלך און לויט דער שנעלקייט. ביי מיר הייסט דאָס נישט מער ווי מאַטעמאַטישע גענויאיקייט.

„אָנשטרענגונג!" האָט ער אויסגעבראָכן. פשוט ווי אלף-בית! מאַטעמאַטישע גענויאיקייט!

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך איינגעצויגן און אָנגעלענט פון הינטן אויפן ווינט, בעת ער האָט זיך מיט זיינע אויגן איינגעגעסן אין מיר.

„און וואָס איז מיט יענעם אָפּפלייץ, וואָס לויפט ארויס דורכן גאָלדענעם טויער?" האָט ער געפרעגט, גיכער געשריגן. ווי שנעל פליסט ער אָפּ? און ווי איז דער טעמפּ, האַ? איר הערט, צי ניין? אַ פעסל-גלאָק און מיר דערויף! זעט: זיי ענדערן די ריכטונג!"

ווי פון נעפּל אַפער האָט זיך געהערט דאָס טרויעריקע קלינגען פון אַ גלאָק, און איך האָב געזען ווי דער פּילאָט דרייט דאָס ראָד מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט. דער גלאָק, וועלכער האָט פריער געקלונגען גלייך איבער אונזערע קעפּ, האָט זיך איצט געלאָזט הערן פון דער זייט. אונזער סירענע האָט געפייפט הייזעריק, און פון צייט צו צייט איז צו אונזערע אויערן דערגאַנגען פונם נעפּל אַ קלאַנג פון אַנדערע סירענעס.

„דאָס איז אַ מין פּראָם-שיפל", האָט געזאָגט דער פריש-געקומענער, אָנווייזנדיק אין דער ריכטונג צו רעכטס, פונ-וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דאָס פייפן. „אָט! איר הערט? מען פייפט מיטן בלויזן מויל. העכסט וואַרשיינלעך, עפּעס אַ סקונער.

היט אייך די ביינער. אָ! כ'האָב דען נישט געוווּסט? איצטער וועט ער עמעצן איבערדרייען!"

דאָס נישט זעבאַרע פּראָם־שיפל האָט געהאַלטן אין איין גוואַלדעווען און דער פייפנדיקער האָרן האָט זיך געריסן ווי אַ אַרומגענומען פון פּאַנישן שרעק.

„איצט גיבן זיי זיך אָפּ כּבוד איינער דעם צווייטן און אַלץ וועט באַלד קלאָר ווערן", האָט ווייטער גערעדט דער רויט־פּנימדיקער, ווען ס'האָט אויפגעהערט דאָס שנעלע געפייפעריי.

זיין פּנים האָט געלויכטן, די אויגן האָבן געברענט פון אויפרעגונג, ווען ער האָט איבערגעזעצט אויף אַ פאַרשטענדלעך לשון די קולות פון די האָרנס און סירענעס. „יענץ איז אַ דאַמפּער־סירענע, וואָס גייט דאָרט צו רעכטס־צו. איר הערט יענעם פאַרשוין מיט אַ זשאַבע אין דער קעל — אַ דאַמפּער־סקונער, ער איז נענטער, ווי ס'דאַכט זיך. ער קריכט אַריין אין אויסגוס פון דער זייט פון ה ע ד.

גאָר נאָענט לעבן אונדז האָט זיך געהערט אַ קליין, גרילצנדיק פייפערל, וואָס האָט געשריגן ווי אַ משוגענער. אויפן מ אַ ר ט י נ ע ז האָבן געקלונגען די גאָנגען. אונזערע רודער־רעדער זענען געבליבן שטיין, ס'האָט אויפגעהערט דאָס קלאַפּן זייערס, אָבער באַלד האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן רוישן. דאָס קליינע, גרילצנדיקע פייפערל, איצט ענלעך צום גרילן פון אַ גריל צווישן די געשרייען פון גרויסע חיות, האָט אַדורכגעהילכט אין דער זייט פון דעם נעפּל און גאָר גיך געוואָרן שוואַכער. איך האָב אַ קוק געטון אויף מיין וועג־חבר, ווי בעטנדיק אַ דערקלערונג.

„דאָס איז איינע פון יענע אימפּעטיק־דרייסטע שאַלופּעצס" האָט ער געזאָגט. „הלוואי וואָלטן מיר זי געוועזן דערטרונקען, די קליאַטשע. זיי טוען נאָר אָפּ צרות. און וואָס פאַר אַ נוצן האָט מען פון זיי? אַ פּאָר משוגענע מאַטראָזן האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן דעק, לויפן אַרום און פייפן, כּדי צו זאָגן דער רעשט וועלט, אַז מען זאָל זיך היטן פאַר אים, ווייל ער גייט און קען זיך נישט אַליין אויסהיטן! ווייל ער גייט! און איר

מוזט זיך היטן! אַוועק אָן אַ זייט! פּשוטע העפלעכקייט! זיי ווייסן נישט מיט וואָס מען עסט דאָס!"

ס'האָט מיך אַמוזירט דער אויסברוך פון זיין נישט איינגעהאַלטענעם טעמפּעראַמענט, און בעת ער האָט מיט כּעס אונטערגעהינקט אַהער און צוריק, האָב איך אָנגעהויבן צו וועבן אַ ראָמאַן פונם ים-נעפּל. צי איז ער נישט געווען ראָמאַנטיש,— דער נעפּל, פּונקט ווי די גראָע שאָטנס פון דער אומענדלעכער מיסטעריע, וואָס שוועבט פאַרטיפט אין זיך איבער דעם ווירבלנדיקן פּלעק, די ערד; און די מענטשן, בלויזער שטויב פון ליכט און פונקען, פאַרשאָלטן דורך אַ קרענקלעכער תּאווה צו אַרבעט, וואָס יאָגן מיט זייערע פערד פון האָלץ און שטאָל דורכן סאַמע האַרץ פון דער מיסטעריע, טאַפּנדיק בלינדערהייט דעם וועג אין דעם אומזעבאַרן, און זיי שרייען און קלאַמערן זיך איינער אָן צווייטן אין אַ פאַרטרוילעכן שמועס, בעת זייערע הערצער זענען איינגעפאַלן פאַר נישט זיכערקייט און שרעק.

די שטימע פון מיין מיטרייזנדיקן האָט מיך אויפגעוועקט און מיט אַ שמייכל בין איך געקומען צו זיך. איך האָב אויך געטאַפּט אין דער פינצטערניש, בעת געדאַנקלעך האָב איך מיט אָפענע אויגן געשוועבט איבער דער מיסטעריע.

„האַלאָ! עמעצער פאָרט אויף אונזער ליניע", האָט ער געזאָגט. „איר הערט? ער קומט שנעל. ער גייט גלייך אויף אונז. כ'בין מיך משער, אַז ער הערט אונז נאָכנישט. דער ווינט איז אין דער פאַרקערטער ריכטונג"...

אַ פרישער ים-ווינטל האָט געבלאָזן גלייך אויף אונז, און איך האָב בפירוש געהערט דאָס פייפן פון דער זייט און פון פאָרנט.

„אַ פּראָם-שיפל?" האָב איך געפרעגט.

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און דערנאָך צוגעגעבן:

„ער וועט זיך נישט קענען האַלטן אויף אַזאַ קורצן שטח. ער האָט זיך אַ ווײַלע לאַכנדיק פאַרקייכט." זיי ווערן דאָרט אומגעדולדיק אין דער הויך.

כ'האָב אַרויסגעקוקט. דער קאַפּיטאַן האָט אַרויסגעשטופּט

דעם קאָפּ און די פּלייצעס פון פּילאָטס-ביידל און אָנגעשטרענגט געקוקט אין נעפּל, גלייך ווי ער וואָלט מיט דער בלויזער קראַפט פון זיין ווילן געקענט אים צעדורכדרינגען. זיין פּנים האָט אויסגעדרוקט שרעק, פּונקט ווי דאָס פּנים פון מיין מיטרייזנדן, וועלכער האָט איבערגעהינקט צום אָנשפּאַר און מיט דערזעלבער אָנגעשטרענגטקייט זיך איינגעקוקט אין דער ריכטונג פון דער אומגעזעענער געפאַר.

דאַן איז עס געשען, מיט אַן אומגלויבלעכער שנעלקייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער נעפּל האָט זיך צעשפּרייט און צעשפּאָלטן, ווי געשטויסן פון אַ קליין, און ס'האָט אויפגעטויכט דער קאָפּ פונם פּראָם-שיפל, באַקשלעפּנדיק אויף זיינע ביידע זייטן זיילן-נעפּל, פּונקט ווי ים-גרעזער אויפן פּיסק פונם לויתן. איך האָב געזען דעם פּילאָטס-ביידל און אויך אַ ווייס-בערדיקן מענטש, וואָס האָט זיך טיילווייז איבערגעבויגן, אָנלענענדיק זיך אויף זיינע עלנבויגנס. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ בלאָען מונדיר, און איך געדענק, אַז ער איז געווען אַ שלאַנקער און רויקער. זיין רויקייט אין דידאָזיקע אומשטענדן איז געווען אַ שוידערהאַפטיקע. ער האָט שלום געמאַכט מיטן גורל, מאַרשירט מיט אים האַנט-ביי-האַנט און קאַלטבלוטיק געמאָסטן דעם קלאַפּ. אַרויסבייגנדיק זיך, האָט ער אונז באַטראַכט מיט זיינע רויקע, פאָרשנדיקע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט באַשטימט דעם גענויעם פּונקט פונם צוזאַמענשטויס. און האָט גאָרנישט געלייגט קיין אַכט, ווען אונזער פּילאָט, אַ בלייכער פון כעס, האָט אויסגעשריגן: „נו, איר האָט שוין געמאַכט!"

אומקוקנדיק זיך צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרשטיי איך, אַז יענע באַמערקונג איז געווען גאָר ריכטיק, אַז ס'איז איבעריק געווען יעדער ענטפער.

„כאַפּט עפּעס און האַלט זיך אָן דערין", האָט צו מיר געזאָגט דער רויטפּנימדיקער. זיין גאַנצע צעהיצטקייט איז ווי אַוועק, און ס'האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטעקט מיט אַן איבערנאַטירלעכער רויקייט. „און הערט, ווי די פרויען קוויטשען" האָט ער פינצטער געזאָגט, כמעט מיט ביטערני-

פּ׳מיין, אַז דאָס האָט ער שוין געוווּסט פון דערפאַרונג.

„איידער כ׳האָב נאָך געקאָנט פאָלגן זיין עצה, האָבן זיך
די צוויי שיפלעך צונויפגעטראָפן. אונזער שיפל האָט מסתמא
באַקומען אַ קלאַפּ אין סאַמע מיטן, ווייל איך האָב גאָרנישט גע-
זען, און דאָס פרעמדע שיפל איז מיר נעלם געוואָרן פון אונ-
טער די אויגן אַפּער. די מאַרטינעז האָט זיך געבויגן אַהין
און צוריק, וואָס אַמאָל שטאַרקער, און באַלד האָט זיך דער-
הערט דאָס ברעכן זיך פונם געהילץ. ס׳האָט מיך אומגעוואָרפן
אויפן נאַסן דעק, און איידער כ׳האָב זיך געקענט שטעלן אויף
די פיס, האָב איך געהערט די קולות פון די פרויען. זיכער,
דאָס איז עס געווען, די אומבאַשרייבלעכע בלוט פאַרגליווערנדי-
קע קולות, — וואָס האָבן מיך אַריינגעטריבן אין אַ פּאַניק.
כ׳האָב געדענקט, אַז די רעטונגס-גאַרטלען ליגן אין דער קאַיו-
טע, אָבער ביי דער טיר האָט מיך געטראָפן אַ ווילדער המון
פון מענער און פרויען, וועלכע האָבן מיך צוריק אָפּגעשטויסן.
כ׳קען זיך נישט דערמאָנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די
נאָענטסטע פינף מינוט, הגם איך געדענק קלאָר, אַז כ׳האָב אַראָפּ-
געשלעפּט רעטונגס-גאַרטלען פון די אויבערשטע פּאָליצעס, און
דער רויט-פּנימדיקער האָט זיי צוגעבונדן צו די קערפּערס פון
אַ גרופּע היסטערישע פרויען. דאָס געדעכעניש דערפון איז אַזוי
בולט און קלאָר, ווי דאָס בילד, וואָס כ׳האָב דאַן געזען. דאָס איז
געווען אַ שוידערלעך בילד און אויך איצט זע איך עס, — די נישט-
גלייכע ראַנדן פונם לאָך אין דער קאַיוטע, דורך וועלכן ס׳האָט
געווירבלט און געשלענגלט זיך דער גראָער נעפּל; די ליידיקע
אויסגעבעטע שטולן, אָנגעוואָרפן מיט אַלע סימנים פון פּלוצ-
לינגער פליטה. די פּעקלעך, האַנט-בײַטלעך, שירעמען און מאַנט-
לען: דעם קרעפּטיקן דזשענטלמאַן, וועלכער האָט געלייענט
מיין עסיי, אַרומגענומען פון קאָרקן און שטיקער לייוונט, נאָך
אַלץ מיטן מאַגאַזין אין דער האַנט, און ער פרעגט מיך מיט
אַ מאָנאָטאָנער שטימע, צי עס איז טאַקע אַזאַ סכּנה; דעם
רויט-פּנימדיקן פּאַרשוין, חינקנדיק אַזוי געשיקט אויף זיינע קינסט-
לעכע פיס, און ווי ער בינדט-צו די רעטונגס-גאַרטלען צו יעדן

נייעם אָנקומער; און ענדלעך, די שרייענדיקע קולות פון די פרויען.

און טאַקע די קולות פון די פרויען האָבן מיך שטאַרק דערנערווירט. זיי האָבן, ווייזט אויס, אויך דערנערווירט דעם רויט־פּנימדיקן פאַרשוין, ווייל עס שטייט פאַר מיינע אויגן אַן אַנדער בילד, וואָס וועט קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון מיין זיכּרון. דער קרעפּטיקער דזשענטלמען שטופּט אַריין דעם מאַגאַזין אין דער קעשענע פונם פּאַלטן און קוקט זיך נייגעריק אַרום. אַ צעטומלטע פרויען־מאַסע מיט אויסגעצויגענע בלייכע פּנימער און אָפענע מיילער, וואָס שרייען ווי אַ כאָר פון פאַרלוירענע מענטשן: און דער רויט־פּנימדיקער, מיט אַ פּנים פּור־פּור־רויט פון כּעס, מיט פאַרלייגטע הענט איבערן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט שליידערן מיט דונערס, געוואַלדעוועט: פאַרמאַכט די מיילער! אָ, פאַרמאַכט שוין די מיילער!

כ׳געדענק, ווי דידאָזיקע סצענע האָט מיך געשטויסן צו אַן אומגעריכטן געלעכטער, און באַלד האָב איך דערזען, אַז איך ווער אַליין היסטעריש: ווייל דאָס זענען געווען פרויען פון מיין שטייגער, ווי מיין מוטער און שוועסטער, מיט דער מורא פאַרן טויט אויף זייערע פּנימער און מיט אומווילן צום טויט. און איך געדענק, אַז די קולות זייערע האָבן מיך דערמאָנט אָן דעם קוויטשען פון חזירים אונטערן מעסער פון קיילער, און די לעבעדיקע אַנאַלאָגיע דערפון האָט מיך אַרומגענומען מיט אַ פּחד — דידאָזיקע פרויען, פּעיק אויף די דערהויבנסטע עמאָציעס, אויף די צערטלעכסטע סימפּאַטיעס, זענען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און געגוואַלדעוועט. זיי האָבן געוואָלט לעבן, זיי זענען געווען אומבאַהאָלפן, ווי מייז אין אַ פּולאַפּקע, און זיי האָבן געשריגן.

דידאָזיקע אימהדיקע סצענע האָט מיך אַרויסגעיאָגט אויפן דעק צוריק. עס האָט מיך געעקלט און גענודיעט, כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. אַזוי ווי אין אַ נעפּל האָב איך געזען און געהערט ווי מענטשן לויפן און שרייען, בעת זיי שטרענגען זיך אָן אַראָפּצולאָזן די רעטונגס־שיפלעך. ס׳איז געווען

ענלעך ווי צו די באַשרייבונגען, וואָס איך האָב געהאַט געלייענט פון אַזעלכע סצענעס. די שטריק זענען צעפלויגן. קיין שום זאַך האָט נישט פונקציאָנירט. איין שיפל האָט מען אַראָפּגע־לאָזט אָן די פאַרשטאָפּערס, אָנגעפּאַקט עס מיט פרויען און קינדער, דערנאָך איז דערין אַריין וואַסער און עס האָט זיך איבערגעקערט. מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט אַ צווייט שיפל, איין זייט איז געווען נאָרמאַל, און די צווייטע איז געבליבן פאַרשטעקט אין די שטריק, און מען האָט עס איבערגעלאָזט אין אַזאַ צוש־טאַנד. דאָס פרעמדע דאַמפּער־שיפל, וואָס האָט געברענגט דאָס גאַנצע אומגליק, האָט מען נישט געזען. הגם מ׳האָט געזאָגט, אַז עס וועט בלי־ספק אַרויסשיקן שיפלעך אונז אַרויסצוהעלפן.

כ׳בין אַראָפּ אויפן נידעריקן דעק. די מאַרטינעז איז שנעל געזונקען, ווייל דאָס וואַסער איז געווען זייער נאָענט. א סך פּאַסאַזשירן זענען געשפּרונגען אין וואַסער אַריין. אַנדע־רע ווידער, וואָס זענען שוין געווען אין וואַסער, האָבן גע־שריגן, אַז מען זאָל זיי צוריק אַרויפנעמען אויפן דעק. אָבער קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. ס׳האָט זיך דער־הערט אַ געשריי, אַז מיר טרינקען זיך. בעת דער אַלגעמיינער פּאַניק בין איך פאַרשלעפּט געוואָרן דורכן קנויל פון די קער־פּערס און כ׳האָב מיך געפונען אין דער צווייטער זייט. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳בין דאָרט אַהינגעקומען, הגם כ׳האָב באַלד פאַרשטאַנען פאַרוואָס די יעניקע, וועלכע זענען געווען אין וואַ־סער, האָבן אַזוי געוואָלט צוריק אַרויף אויפן דעק. דאָס וואַסער איז געווען קאַלט — אַזוי קאַלט, אַז עס איז געווען שמערצלעך אָנצורירן עס. דעם ווייטיק, וואָס כ׳האָב געפילט, ווען כ׳בין אַריין אין וואַסער, איז געווען אַזאַ שאַרפער און שנעלער ווי דאָס אָנרירן פייער. עס האָט געביסן דעם מאַרך פון די ביי־נער. דאָס איז געווען ענלעך צום אַרומנעם פון טויט. פון פחד און אויפּט־ייסלונג האָב איך גענומען שווער אָטעמען אַרבעטנ־דיק מיט די לונגען, איידער דער רעטונגס־גאַרטל האָט מיך אַרויפגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך. דאָס מויל מיינס איז פול געווען מיטן ביטערן טעם פון זאַלץ, און ס׳האָט מיך גע־שטיקט אין האַלז און די לונגען פון דעם בייסנדיקן שטאָף.

אָבער צום ערגסטן איז געווען די קעלט. כ׳האָב געשפּירט, אַז כ׳וועל לעבן נאָך אַ פּאָר מינוט. אַרום מיר אין וואַסער האָבן זיך מענטשן געראַנגלט און געוואָרפן זיך קראַמפּהאַפּטיק. כ׳האָב געהערט ווי זיי שרייען איינער צום צווייטן. כ׳האָב געהערט דאָס גערויש פון די וויעסלעס, משמעות, דאָס פרעמדע דאַמפּער-שיפל האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע רעטונגס-שיפלעך. די צייט איז זיך געגאַנגען און כ׳האָב זיך געוווּנדערט, וואָס איך לעב נאָך. כ׳האָב גאָרנישט געשפּירט מיינע איברים, בעת אַ פּאַר-גליווערטקייט האָט אַרומגענומען מיין האַרץ און זיך דאָרטן אַהין אַריינבאַקומען. קליינע כוואַליעס מיט צאָרניקע שוימענדיקע רוקנס האָבן אָן אויפהער געקלאַפּט איבער מיין קאָפּ און אין מויל אַריין, אַרויסרופנדיק נאָך מער שטיקנדיקע פּאַראָקסיזמען.

די קלאַנגען זענען געוואָרן נישט דייטלעך, כאָטש כ׳האָב געהערט פונדערווייטנס אַ לעצטן און פאַרצווייפלטן כאָר פון געשרייען, און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די מאַרטינעז איז אונטערגעגאַנגען. שפּעטער — וויפל שפּעטער האָב איך קיין אַנונג נישט — בין איך געקומען צו זיך מיט אַ שטאַרק געפיל פון שרעק. כ׳בין געווען איינער אַליין. כ׳האָב נישט געהערט קיין אויסרופן, קיין קולות — בלויז די קלאַנגען פון די כוואַליעס. אַ פּאַניק אין אַ מאַסע, וועלכע איז געבונדן מיט זיך צוליב אינטערעסן-געמיינזאַמקייט, איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי די פּאַניק, ווען מ׳איז איינער אַליין: און איך האָב געליטן פון אַזאַ פּאַניק. וווּהין האָט מיך דער שטראָם געטראָגן? דער רויט-פּנימדיקער האָט געזאָגט, אַז דער אָפּפלייץ גייט דורך דעם גאָלדענעם טויער. צי טראָגט עס מיך, אַלזאָ, אין ים-אַריין? און וואָס וועט זיין מיטן רעטונגס-גאַרטל? צי איז ער נישט אונטערגעוואָרפן דער סכנה אַ ליאַדע מינוט צוריסן ווערן אויף פּיצלעך? כ׳האָב געהערט, אַז מ׳מאַכט אַזעלכע זאַכן פון פּאַפּיר און הוילע ראָרן און זיי ווערן שנעל אָנגעזאַפּט און פאַרלירן זייער גאַנצע לופט-לייכטקייט. און איך האָב נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן שווימען. און דאָ בין איך איינער אַליין, טראָגנדיק

ויך איבערן וואַסער, אין סאַמע מיטן פון אַ גראָער אוראַלטער
וויסטעניש. כ׳בין זיך מודה, אַז ס׳האָט מיך באַהערשט אַ משוגעת.
כ׳האָב גענומען הויך שרייען פונקט ווי די פרויען האָבן געשריגן
און כ׳האָב געפּאַטשט איבערן וואַסער מיט מיינע געליימטע
הענט. ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, ווייס איך נישט, ווייל עס
איז אַריינגעטרעטן אַ ליידיקייט, וועגן וועלכער כ׳געדענק אויף
אַזוי פֿיל, וויפֿיל איינער געדענקט אַ שווערן און פֿיינפולן חלום.
ווען כ׳בין אויפגעקומען, האָט זיך מיר געדאַכטן, אַז ס׳זענען
שוין אַוועק יאָרהונדערטער, און כ׳האָב געזען ווי כמעט האַרט
איבער מיר פון נעפּל אַרויס טויכט-אויף דער פאָדערשטער טייל
פון אַ שיפֿל און דרייקאַנטיקע זעגלען, אָנגעבלאָזענע מיט וואַ־
סער, האָבן פאַרביסן געקלאַפּט איינע אָן דער אַנדערער. דאָרט
ווו דער פאָדערשטער טייל שניידט אַדורך דאָס וואַסער, האָט עס
געשוימט און געשפּריצט און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז איך גע־
פין זיך אינדערמיט. כ׳האָב געפּרוווט שרייען, אָבער כ׳בין גע־
ווען דערשעפּט. דער פאָדערשטער טייל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט
טיפער, אויסמיידנדיק מיך און פאַרשפּריצנדיק מיך פון קאָפּ ביז
פוס. דאַן האָט זיך דער לאַנגער, שוואַרצער עק פונם שיפֿל
אַדורכגעשלייכט לעבן מיר אַזוי נאָענט, אַז איך האָב אים גע־
קענט אָנרירן מיט די הענט.

כ׳האָב געפּרוווט צוצוקומען, אין אַ משוגענעם באַשלוס
אַריינצודראַפּן זיך מיט מיינע נעגל אין האָלץ, אָבער מיינע הענט
זענען געווען שווער און פאַרשטאַרט. ווידער האָב איך געוואָלט
שרייען, אָבער נישט געקענט אַרויסבאַקומען קיין קלאַנג. דער
הינטערשטער טייל פון שיפֿל איז אַדורכגעלאָפן, אַראָפּלאָזנדיק
זיך אין אַ טיפן אָרט צווישן די כוואַליעס; דאַן האָב איך דער־
זען דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש ביים רודער, און פון נאָך איי־
נעם, וואָס האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געטון נאָר געריכערט אַ
פּאַפּיראָס. כ׳האָב געזען ווי דער רויך גייט אַרויס פון זיין מויל,
בעת ער האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געקוקט
אויפן וואַסער אין מיין ריכטונג. דאָס איז געווען אַ זאָרגלאָזער,
נישטבאַטראַכטער בליק, איינע פון יענע באַוועגונגען, וואָס מענטשן

מאַכן, ווען זיי האָבן נישט עפּעס אַנדערש צו טון, נאָר זיי טוען דאָס, ווייל זיי לעבן און זיי מוזן עפּעס טון.

אָן דעמדאָזיקן בליק האָט זיך געווענדט מיין לעבן און טויט. כ׳האָב געזען ווי דאָס שיפל ווערט אַרומגענומען פונם נעפּל; כ׳האָב געזען די פּלייצע פונם מענטש ביים רודער, און ווי דער צווייטער מענטש דרייט אויס דעם קאָפּ, בעת זיין בליק דרינגט אַדורך דאָס וואַסער און צופעליק ווענדט ער אים אין מיין ריכטונג. זיין פּנים האָט געהאַט דעם אויסדרוק פון אַ צעטראָגענעם, ווי אַ פאַרטיפטער אין די געדאַנקען, און איך האָב מורא באַקומען, אַז ווען אַפילו זיינע אויגן וועלן קוקן אויף מיר, וועט ער פונדעסטוועגן מיך נישט זען. אָבער זיינע אויגן האָבן יאָ געקוקט אויף מיר, גלייך אויף מיינע, און ער האָט מיך יאָ געזען, ווייל ער איז צוגעשפּרונגען צום רודער, אַוועקשטופּנדיק דעם אַנדערן, און געדרייט דאָס ראָד און געדרייט, פאַרלייגט איין האַנט אויף דער צווייטער, געבנדיק גלייכצייטיק אויפן הויכן קול באַפעלן. דאָס שיפל, האָט זיך געדאַכט, גייט צוריק אויף זיין ערשטער ריכטונג, און עס איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן אינם נעפּל.

כ׳האָב געשפּירט, אַז כ׳פאַל אַריין אין אַ צושטאַנד פון באַוווסטלאָזיקייט און מיט מיין גאַנצער ווילנסקראַפט האָב איך געקעמפט מיט דער דערשטיקנדיקער פינצטערניש און לעערקייט, וואָס האָט מיך אַרומגענומען. אַביסל שפּעטער האָב איך דערהערט דאָס קלאַפּן פון די וויעסלעס, וואָס זענען צוגעקומען וואָס אַמאָל נענטער און נענטער, און די שטימע פון אַ מענטש. ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָב איך געהערט ווי ער שרייט אין אַן אויפגערייצטן טאָן. „פאַרוואָס שרייט איר נישט, צו אַלדע טייוול?״ דאָס מיינט מען מיך, האָב איך זיך געטראַכט, און דאַן בין איך איינגעהילט געוואָרן אין פינצטערניש.

## קאַפּיטל צוויי

ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הוידע זיך מיט אַ מעכאַניקן ריטם אין דער אַרביטע פון אין-סוף. פונקען ליכט האָבן געשפריצט און געשוועבט אַרום מיר. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען שטערן און ברענענדיקע קאָמעטן, וואָס פילן אָן מיין פּלי צווישן די זונען. און ווען כ'האָב דערגרייכט די גרענעץ פון מיין הוידען זיך און גרייט געווען צוריקצופליען אויפן צווייטן ברעג, האָט אָנגעהויבן צו קלינגען און דונערן אַ גרויסער גאָנג. אין משך פון אַן אומאויסמעסטבאַרן פעריאָד, איינגעוויגט אין די כוואַליעס פון גליקלעכע יאָרהונדערטער, האָב איך מיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַנטציקונג און מיינע געדאַנקען זענען פול געווען מיטן וווּנדערבאַרן פּלי.

אָבער פּלוצלונג איז פאָרגעקומען אַ שנוי: אין מיין חלום מחמת אַ חלום איז דאָס געווען. און דער ריטם פונם פּלי איז געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער און קלענער.

מיט אַ ווילדער שנעלקייט האָט עס מיך געוואָרפן פון איין עק צום צווייטן, און איך האָב קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם, אַזוי שרעקלעך בין איך געשליידערט געוואָרן דורך די הימלען. דער גאָנג האָט געקלונגען אַלץ העכער און העכער, ווילדער און ווילדער. מיט אַן אומבאַשרייבלעכער אימה האָב איך דערוואַרט דאָס קלינגען פונם דאָזיקן גאָנג. דאַן האָט זיך מיר געדאָכטן, אַז מ'שלעפּט מיך איבער צעגליטע זאַמדן אין דער זון.

כ'האָב געפילט אויסערגעוויינלעכע שמערצן אין מיין גאַנצן גוף. די הויט מיינע האָט זיך געזעגנט אין דער היץ פונם

צעגליטן פּייער, און דער גאַנג האָט אומעטיק געקלונגען ווי צו אַ לויה. אַרום מיר האָבן אַדורכגעשוועבט פּונקען ליכט אין אַן ענדלאָזן שטראָם, גלייך ווי די גאַנצע זון-סיסטעם וואָלט אַריינגעפאַלן אין תהו-ובהו. כ'האָב שווער געסאַפּעט, מיט שוועריקייט געכאַפּט דעם אָטעם, און ענדלעך געעפנט די אויגן. לעבן מיר האָבן געקניט צוויי מענטשן און מיך געמינטערט. מיין מעכטיקער ריטם — דאָס איז געווען דאָס שטייגן און אַראָפּלאָזן זיך פון אַ שיף אין מיטן ים.

דער אימהדיקער גאַנג—אַ בראָטפּאַן, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, און זי האָט געהאַקט און גערוישט ביי יעדן שפּרונג פון דער שיף. דאָס גליענדיקע, בריענדיקע זאַמד—דאָס זענען געווען די גראָבע, שווערע הענט פון אַ מענטש, וועלכער האָט געריבן מיין נאַקעטע ברוסט. פאַר ווייטיק האָב איך מיך געדרייט ווי אַ שלאַנג און כ'האָב אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די ברוסט איז געווען צעדראַפּעט און רויט, און איך האָב געזען ווי קליינטשיקע בלוט-קייקעלעך לויפן דורך דער צעריסענער און פאַרוווּנדערטער אויבערהויט.

„יאַנסאָן, ס'וועט שוין גענוג זיין", האָט איינער פון די צוויי געזאָגט. „צי זעט איר דען נישט, אַז איר האָט שוין כמעט אָפּגעריבן די הויט פונם דזשענטלמען?"

דער, וועמען מ'האָט גערופן יאַנסאָן, אַ טיפּ פון אַ שווער-לייביקן סקאַנדינאַווער, האָט אויפגעהערט מיך צו רייבן, און אומגעלומפּערט זיך געשטעלט אויף די פיס. דער, וואָס האָט גערעדט צו אים, איז באַשיינפּערלעך געווען אַ קאָקני, מיט קלאָרע פּנים-שטריכן און מיט אַ שוואַך, כמעט פרויען-געזיכט פון אַ מענטש, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך איינגעזאַפּט אין זיך דעם קלאַנג פון דעם גלאָקן-טורם באָו. אַ ברודיק, אָפּגעקראָכן מושלין-היטל אויפן קאָפּ און אַ שמוציק גראָב שטיק לייוונט אַרום זיינע מאָגערע לענדן, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז דער קוכער פון דער העכסט-שמוציקער קיך אין דער שיף, אויף וועלכער איך האָב זיך געפונען.

„און ווי שפּירט איר זיך איצט, סיר?" האָט ער מיך גע-

פרעגט, מיט יענעם „קריכערישן טאָן, וועלכער קומט בירושה פון דורות לאָקייאישע נשמות.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָב איך זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ זיצענדיקער פּאָזע, און דערנאָך האָט מיר יאַנסאָן צוגעהאָלפן שטעלן זיך אויף די פיס. דאָס קלאַפּן און גרילצן פון דער בראָטפאַן האָט שרעקלעך געררייצט מיינע נערוון.

כ'האָב נישט געקענט צענויפנעמען מיינע געדאַנקען. אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די הילצערנע ווענט — און כ'בין זיך מודה, אַז פון דעם אויסגעשמירטן שמוץ האָב איך געקריצט מיט די ציין — בין איך דורך אַ גליטשנדיקער בלאָך צוגעקומען צו יענער פּלי, אַראָפּגענומען זי פונם טשוואָק און רויק אַוועקגעלייגט אין קוילן־קעסטל אריין.

דער קוכער האָט זיך פאַרקרימט ביי דעמדאָזיקן באַווייז פון נערוועזישקייט און אַריינשטופנדיק אַ רויכנדיק קריגל האָט ער געזאָגט:

„פון דעם וועט אייך בעסער ווערן".

דידאָזיקע שיפס־קאַווע — אַן עקלהאַפט געטראַנק — האָט מיך דערקוויקט. איינמיטן זיפּן דעם צעגאָסענעם שטאָף האָב איך אַ קוק געטון אויף מיין צעריסענער, בלוטנדיקער ברוסט און זיך געווענדעט צום סקאַנדינאַווער.

„אַ דאַנק אייך, מר. יאַנסאָן", האָב איך געזאָגט, „אָבער צי מיינט איר נישט, אַז אייערע מיטלען זענען געווען צו העראָאישע?"

ער האָט גיכער פאַרשטאַנען דעם פאָרוואורף אין מיין בליק איידער אין מיינע ווערטער, ווייל ער האָט אויסגעשטרעקט די דלאָניע און זי געגומען באַטראַכטן. זי איז געווען מערקווירדיק פאַרהאַרטעוועט, כ'האָב אַ ריר געטון מיט מיין האַנט איבער די אַרויסשטאַרנדיקע וואָרצלען, און ווידער אַמאָל האָב איך

געקריצט מיט די ציין פאַר דעם שרעקלעכן שמערצלעכן געפיל וואָס דאָס אָנרירן האָט אַרויסגערופן.

„כ'הייס דזשאָנסאָן, נישט יאָנסאָן, האָט ער געזאָגט אין אַן אויסגעצייכנטן ענגליש, הגם ער האָט גערעדט פּאַמעלעך און אַביסל מיט אַן אַקצענט.

זיינע בלאַסע בלאָע אויגן האָבן ווי אויסגעדריקט פּראָ־טעסט און נישט דרייסטע אָפּנהערציקייט און מענלעכקייט, וואָס האָט מיך באַלד געוווּנען אויף זיין זייט.

„כ'דאַנק אייך, מר. דזשאָנסאָן", האָב איך פאַרבעסערט און אים אויסגעשטרעקט מיין האַנט.

ער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, נישט געשיקט און שעמעוודיק, איבערגעלייגט די משא פון איין פוס אויפן אַנדערן און דאַן האָט ער בלינדערהייט האַרציק געדריקט מיין האַנט.

צי האָט איר נישט עפּעס טרוקענע מלבושים, וועלכע איך זאָל קענען אָנטון? האָב איך געפרעגט דעם קוכער.

„יאָ, סיר" האָט ער געענטפערט מיט אַ פריינטלעכער גרייטקייט „כ'וועל אַראָפּלויפן און אַ קוק טון אין מיין קלו־מעקל, אויב איר, סיר, מיאוסט זיך נישט אָנצוטון מיינע בגדים."

ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון דער קיך־טיר, אָדער זיך אַדורכגעגליטשט מיט אַ שנעלן און גלאַטיקן געגנגל, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק נישט ווי קעצישס, נאָר ווי עפּעס אַ בוימלדיקס, באמת אָבער איז דידאָזיקע בוימלדיקייט אָדער אויסגעשמירטקייט, וואַרשיינלעך געווען דער בולטסטער אויסדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט.

„און ווו געפין איך זיך?" האָב איך געפרעגט דזשאָנסאָ־נען, וועלכן כ'האָב געהאַלטן, און מיט רעכט, פאַר אַ מאַטראָז. וואָס פאַר אַ שיף איז דאָס און וווהין גייט זי?"

„דרום־מערב פון די פאַראַלאָנס אינזלען", האָט ער גע־ענטפערט פּאַמעלעך און מעטאָדיש, גלייך ווי ער וואָלט געזוכט זיין בעסטן ענגליש, און שטייף זיך געהאַלטן ביי דער ריי פון מיינע פראַגן: „דער סקונער געשפּענסט, באַשטימט צו פּאַ־קעס־געיעג אין די יאַפּאַנישע וואַסערן".

„און ווער איז דער קאַפּיטאַן? כ׳מוז אים זען, ווי נאָר איך טו זיך אָן.

דזשאָנסאָן האָט געקוקט אַ געפּלעפּטער און פֿאַרלעגן. ער האָט זיך געקווענקלט בעת ער האָט געזוכט אין זיין ווערטער-אוצר און צענויפגעשטעלט אַ פֿולשטענדיקן ענטפֿער.

„דער קאַפּיטאַן הייסט וואָלף לאַרסן, אָדער אַזוי לכל הפּחות רופֿט מען אים. כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט זיין צווייטן נאָמען. אָבער ס׳איז גלייכער, אַז איר זאָלט מיט אים ווייך רעדן, ווייל ער איז היינט חסר-דעה, דער באַצמאַן —

ער האָט נישט פֿאַרענדיקט, דער קוכער האָט זיך אַריינגעשלייכט.

„אַנטלויפֿט בעסער פֿון דאַנען, יאָנסאָן,״ האָט ער געזאָגט „דער אַלטער דאַרף אייך האָבן אויפֿן דעק, און פֿאַלט אים נישט היינט אין זיינע הענט אַריין.״

דזשאָנסאָן איז געהאָרכזאַם צוגעגאַנגען צו דער טיר, און אין דער זעלבער צייט האָט ער איבער דעם קוכערס פּלייצע באַוויליקט צו שענקען מיר אַ וווּנדערבאַר-פֿייערלעכן און וואָרנענדיקן בליק, גלייך ווי ער וואָלט אונטערגעשטראָכן זיין איבערגעריסענע באַמערקונג און די נויטווענדיקייט, אַז איך זאָל ווייך רעדן מיטן קאַפּיטאַן.

איבער דעם קוכערס אָרעמס האָט געהאָנגען אַ לויזע צעקנייטשטע און שטינקנדיקע פּאָר מלבושים.

„מ׳האָט זיי אַוועקגעלייגט נאַסערהייט״, האָט ער אויסגעטייטשט. „אָבער איר מוזט זיי טראָגן, ביז אייערע וועלן זיך אויסטרוקענען ביים פֿייער.״

אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די הילצערנע ווענט, וואַקלנדיק זיך אויף די פֿיס, בעת די שיף האָט זיך געשאָקלט, בין איך, ביי דער מיטהילף פֿון קוכער, אַריינגעקראָכן אין אַ גראָב וואָלן אונטער-העמד. אין זעלבן מאָמענט האָט מיין גוף אָנגעהויבן צו קראַטשען זיך און צעקריכן פֿון דעם ברוטאַלן צורירן זיך. דער קוכער האָט באַמערקט מיין נישטווילנדיק ציטערן און גרימאַסן, און חניפֿהדיק געזאָגט:

„כ'מיין, אַז איר זענט קיינמאָל נישט געווינט געווען צו אַזעלכע זאַכן, ווייל איר האָט אַזאַ ווייסע הויט, ווי אַ ליידי. אַזוי ווי כ'האָב אייך נאָר אָנגעקוקט, האָב איך דערזען, אַז איר זענט אַ דזשענטלמען."

כ'האָב פון ערשטן מאָמענט אָן דערפילט אַן אַנטיפּאַטיע צום דאָזיקן מענטש, און ווען ער האָט מיר געהאָלפן זיך אָנטון, איז מיין אַנטיפּאַטיע געוואָרן נאָך גרעסער. עפּעס איז געווען אָפּשטויסנדיקס אין זיין באַרירונג. איך האָב מיך אָפּגערוקט פון זיין האַנט, מיין גוף האָט זיך געבונטעוועט, און זייענדיק צווישן אים און די ריחות פון די פאַרשידענע טעפּ, וואָס האָבן געקאָכט און געפּרעגלט אויפן פייער, האָב איך זיך געאיילט אַרויס אויף דער פרישער לופט. ווייטער האָב איך זיך געדאַרפט זען מיטן קאַפּיטאַן אַדורכצושמועסן מכּוח דעם ווי אַזוי כ'זאָל אַרויפזעצן זיך אויף אַ ברעג.

דערווייַלע האָט מיך דער קוכער, רעדנדיק און פאַרענטפערנדיק זיך, אָנגעטון אין אַ בייליק בייוועלנעם העמד, מיט אַן אויסגעריבענעם קאָלנער, מיט פלעקן און מיט אַ פאַרהעמדל אויסגעשמירט מיט פאַרטרוקנטע בלוט פלעקן. אויף די פיס האָב איך געהאַט אַ פּאָר באַסאַקעס פון אַן אַרבעטער, און אַנשטאָט הויזן האָט מען מיך באַזאָרגט מיט אַ פּאָר טונקל-בלאָע, אויסגעוואַשענע פלודערן, איין פוס פון וועלכע איז געווען מיט צען צאָל קלענער פון צווייטן, און דער פאַרקירצטער פוס האָט אויסגעזען גלייך ווי דער טייוול האָט זיך אַריינגעריסן אין דער נשמה פון אַ קאָקני, און בטעות אָנגענומען זיין שאָטן פאַר דעם גוף.

„און וועמען האָב איך צו פאַרדאַנקען פאַר דער דאָזיקער פריינטלעכקייט? האָב איך געפרעגט, ווען כ'בין געשטאַנען פולשטענדיק אָנגעטון מיט אַ היטעלע פון אַ קליינעם יינגל אויפן קאָפּ, און אַנשטאָט אַ מאַרינאַרקע האָב איך געטראָגן אַ שמוציקן געשטרייפטן זשאַקעט, וועמעס אַרבל האָבן דערגרייכט ביז צו די עלנבויגנס.

דער קוכער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ צופרידן

קריכערישער פּאָזע, מיט אַ בעטנדיק געצוווּנגענעם שמייכל אויפן פּנים. אויבן גרונט פון מיין דערפאַרונג מיט די שיף-קוכער אויף די אַטלאַנטישע שיפן, האָב איך געקענט שווערן, אַז ער וואַרט אויף ביער-געלט. נאָך אַ נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דעמדאָזיקן פאַרשוין ווייס איך איצט, אַז דידאָזיקע פּאָזע זיינע איז געווען אַן אונטערבאַוווסטזיניקע. דאָס האָט ער, בלי ספק, געהאַט צו פאַרדאַנקען דער ירושהדיקער קריכערישקייט.

„מאַגרידזש, סיר", האָט ער זיך אונטערגעחנפנט מיט אַ פעטן שמייכל אויף זיינע ווייבערישע פּנים-שטריכן. „טאָמאַס מאַגרידזש, סיר, און כ'שטיי צו אייער באַפעל".

„גוט, טאָמאַס", האָב איך געזאָגט. „כ'וועל נישט פאַרגעסן אָן דיר, ווען מיינע מלבושים וועלן זיין טריקן".

אַ לייכטע פאַרדרויטלטקייט האָט באַגאָסן זיין פּנים און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט, גלייך ווי ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיין וועזן זענען זיינע אורעלטערן לעבעדיק געוואָרן און באַוועגט זיך מיט נעפּלהאַפטע זכרונות פון ביער-געלט, וואָס זיי האָבן באַקומען.

כ'דאַנק אייך, סיר", האָט ער געזאָגט זייער דאַנקבאַר און זייער קריכעריש. פּונקט ווי די טיר האָט זיך אָפּגערוקט, אַזוי האָט ער זיך אָפּגערוקט. און איך בין אַרויף אויפן דעק. איך בין נאָך געווען שוואַך פון מיין לאַנגדויערנדיקן נאַסזיין. אַ ווינט האָט מיך געטריבן, און איך האָב זיך געוואַקלט איבער דעם זיך-באַוועגנדיקן דעק צו אַ ווינקל אין דער קאַיוטע, ווו כ'האָב זיך אָנגעשפּאַרט. דער סקונער, שטאַרק אַרויסגעבויגן פון דער ווערטיקאַלער ליניע, האָט זיך געבויגן און געטונקען זיך אין די לאַנגע כוואַליעס פון שטילן ים.

אויב די שיף גייט צו דרום-מערב, ווי דזשאָנסאָן האָט געזאָגט, האָב איך אויסגערעכנט, אַז דער ווינט בלאָזט כמעט פון דרום. ס'איז שוין געווען נאָכן נעפּל און די זון האָט געפינקלט אויף דער געקרייזלטער וואַסער-אויבערפלאַך. כ'האָב מיך אויסגעדרייט צו מזרח-צו, ווו ס'דאַרף זיין קאַליפאָרניע, כ'האָב אָבער גאָרנישט געקענט זען, אחוץ די נידעריק-ליגנדיקע פאַר-

עפּלטע בּרעגן — בּלי־ספק דער זעלבער נעפּל, וואָס האָט גורם געווען דאָס אומגליק מיט דער מ אַ ר ט י נ ע ז און מיך געבּרענגט צו מיין איצטיקן צושטאַנד.

צו צפון־צו, נישט ווייט פון דאָרט, האָט איבּערן ים אַרויסגעשטאַרט אַ גרופּע נאַקעטע פעלזן, און אויף איינעם פון זיי האָב איך געקענט אונטערשיידן אַ לייכט־טורם. אין דרום־מערב, במעט אין אונזער ריכטונג, האָב איך געזען די פּיראַמידע געשטאַלט פון זעגלען פון עפּעס אַ שיף.

נאָכדעם ווי כ׳האָב פאַרענדיקט אָבּסערווירן דעם האָריזאָנט, האָב איך מיך אויסגעדרייט צו מיין נאָענטען אַרום. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז אַ מענטש, וואָס איז אַרויס גאַנץ פון אַזאַ צוזאַמענשטויס, זיך געזען פּנים אל פּנים מיטן טויט, האָט פאַרדינט אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט. אָבער אַחוץ דעם מאַטראָז ביים רודער, וועלכער האָט נייגעריק געקוקט אויף מיר, וואַרפנדיק צו מיר בּליקן אראָפּ פון שפּיץ פון דער קאַיוטע, האָט זיך קיינער אויף מיר נישט אומגעקוקט.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער איינער איז פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אינמיטן פון דער שיף. דאָרטן, אויף אַ טיש, איז זיך געלעגן אויפן רוקן אַ שטאַרקער מענטש. ער איז געלעגן אין אַלע זיינע מלבושים, נאָר דאָס העמד איז געווען אויפגעריסן ביי דער בּרוסט; דאָך האָט מען נישט געזען קיין בּרוסט, ווייל זי איז געווען בּאַדעקט מיט אַ בּינטל שוואַרצע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי דער פוך פון אַ הונט. זיין פּנים און האַלז זענען געלעגן באַהאַלטן אונטער אַ שוואַרצער באָרד געמישט מיט גראָקייט, וועלכע וואָלט געווען שטייף און קודלאַטע, ווען זי וואָלט איצט נישט געווען צעווייקט, צעפּאַטלט און ס׳וואָלט נישט גערונען פון איר וואַסער. די אויגן זיינע זענען געווען פאַרמאַכט. ער איז, משמעות, געווען בּאַחוסטלאָז. אָבער זיין מויל איז געווען בּרייט־אָפן, די בּרוסט האָט זיך שווער געהויבן, גלייך ווי ער וואָלט זיך געשטיקט, בעת ער האָט הויך געסאַפּעט כדי צו כאַפּן דעם אָטעם.

פון צייט צו צייט האָט אַ מאַטראָז רעגלמעסיק פאַרוואָרפן

אין ים אַריין אַ לייוונטענעם קיבל אָנגבינדנדיק אים ביים עק פון אַ שטריק, אַרויפגעצויגן אים מיט ביידע הענט, און אויסגע־גאָסן דאָס וואַסער אויפן אויסגעצויגענעם מענטש.

לענג־אויס דעם דעק־לאָך האָט געשפּרייזט הין און צוריק, קייענדיק שטאַרק אויפגערעגט דעם שפּיץ פון אַ ציגאַר, דער מענטש, וועמענס צופעליקער בליק האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון ים. ער איז, וואַרשיינליך, געווען הויך פינף פוס צען צאָל אָדער צען און אַ האַלבע צאָל, אָבער מיין ערשטער איינדרוק, אָדער געפיל, פון דעם מענטש, איז נישט געווען פון דעם, נאָר פון זיין קראַפט. און דאָך, כאָטש ער איז געווען מאַסיוו געבויט, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ טיפער ברוסט, האָב איך אים נישט געקענט שילדערן אַלס אַ מאַסיוון. מ׳האָט עס געקענט אָנרופן אַן אָדערדיקע. שטאַרקייט, פון דעם מין, וואָס מיר שרייבן־צו מאָ־גערע און בויגזאַמע מענטשן, אָדער אַזאַ שטאַרקייט, וואָס האָט אין אים, צוליב זיין מאַסיווקייט, געהאַט די סימנים פון אַ פאַר־גרעסערטן גאָרילאַ־מין, ס׳הייסט אָבער נישט, אַז ער האָט אין דער קלענסטער מאָס אויסגעזען ווי אַ גאָרילאַ. וואָס איך וויל דאָ אויסדריקן — איז די שטאַרקייט גופא, גיכער ווי אַ זאַך, וואָס איז ווייט פון זיין פיזישער געשטאַלט. דאָס איז געווען אַ שטאַרקייט, וועלכע מיר זענען געוווינט צו פאַרבינדן מיט פרי־מיטיווע זאַכן, מיט ווילדע חיות, מיט די באַשעפענישן וועלכע, ווי מיר שטעלן זיך פאָר, עס זענען געווען אונזערע פּראָטאָטיפּן וואָס האָבן געוווינט אויף ביימער — אַ ווילדע, גרויזאַמע שטאַר־קייט, אַ לעבעדיקע פאַר זיך גופא, דער קווינט־עסענץ פון לעבן, אין דעם זין, וואָס עס איז די פּאָטענץ פון דער עמאָציע, דער עלעמענטאַרער שטאָף גופא, פון וועלכן עס האָבן זיך געפו־רעמט אַ סך לעבנס־פאָרמען, קורץ גערעדט: דאָס וואָס עס דרייט זיך אינם גוף פון אַ שלאַנג, ווען זיין קאָפּ איז אַראָפּגעהאַקט, און דער שלאַנג אַלס שלאַנג איז טויט, אָדער דאָס, וואָס בלייבט אין דעם געשטאַלטלאָזן שטיק פון אַ טויטן שנעק און ס׳ציטערט און ס׳וואַרפט זיך ביים אַריינשטעקן אַ פינגער.

אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וועלכן כ׳האָב באַקו־

מען פונם מענטש, וועלכער האָט געשפּרייזט הין און צוריק. ער
איז פעסט געשטאַנען אויף די פיס, וועלכע האָבן פעסט און זי-
כער געטרעטן אויפן דעק. יעדע באַוועגונג פון אַ מוסקול, אָנ-
הייבנדיק ביי די אַקסלען ביז צום איינקורטשן זיך פון די ליפּן
ביים ציגאַר, איז געווען אַנטשלאָסן, און ס'האָט זיך געדאַכט,
אַז די באַוועגונג שטאַמט פון אַן איבערפליסיקער דערדריקנדי-
קער קראַפט. פּאַקטיש, כאָטש די דאָזיקע קראַפט האָט באַהערשט
יעדע טאַט זיינע, האָט זי אויסגעזען ווי אַן אָנזאָג פון אַ גרע-
סערער קראַפט, וואָס דרימלט אינעווייניק, וואָס לאָקערט, און
וועלכע באַוועגט זיך נאָר פון צייט צו צייט, נאָר וועלכע וואָלט
געקענט זיך אויפהייבן צו עדער צייט, אַ שרעקלעכע און אַ צווינ-
גענדיקע, ווי דער כעס יפון אַ לייב אָדער ווי די ווילדקייט
פון אַ שטורם.

דער קוכער האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון דער קיך
טיר און צ ו מ ו נ ט ע ר נ ד י ק געשטשירעט צו מיר מיט די ציין,
און אין דער זעלבער צייט געטייטלט מיטן פינגער אויפן מענטש
וואָס האָט געשפּרייזט אַרויף און אַראָפּ נעבן דעק-לאָך.
אַזוי אַרום בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז דער
קאַפּיטאַן, „דער אַלטער”, ווי דער קוכער האָט אים גערופן, דער
פּאַרשוין, מיט וועלכן כ'האָב געדאַרפט זיך אַדורכשמועסן און
אים מטריח זיין, אַז ער זאָל מיך ווי עס איז אַרויסזעצן אויפן
ברעג.

כ'האָב שוין געהאַט געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס, כּדי
איבערצוקומען, ווי כ'בין געווען זיכער, אַ פינפמינוטיקן שטורמ'
ווען אַ גוואַלדיקער שטיקנדיקער פּאַראָקסיזם האָט אָנגעכאַפּט דעם
אומגליקלעכן, וואָס איז געלעגן אויפן רוקן. ער האָט זיך גע-
וואָרפן און געוואַלגערט אין קאָנוווּלסיעס. די גאָמבע, מיט דער
פייכטער שוואַרצער באָרד, האָט העכער אַרויסגעשטאַרט אין דער
לופטן, בעת די מוסקולן פון רוקן זענען שטייף געוואָרן און די
ברוסט איז געשוואָלן געוואָרן אין אַן אומבאַוווסטזיניקער און
אינסטינקטיווער אָנשטרענגונג צו באַקומען מער לופט. כאָטש
מ'האָט אים גאָרנישט אַרויסגעזען פון אונטער זיינע וואָנסעס

אַפּער און פון אונטער דער באָרד, האָב איך געוווסט, אַז זיין
הויט באַקומט אַ טויט-בלאָען קאָליר.
דער קאַפּיטאַן, אָדער וואָלף לארסן, ווי מענטשן האָבן אים
גערופן, ד'האָט אויפגעהערט צו שפּאַנען און געקוקט אויפן
שטאַרבנדיקן. אַזוי שרעקלעך איז געוואָרן דער האָזיקער לעצטער
געראַנגל, אַז דער מאַטראָז איז געבליבן שטיין אינמיטן גיסן
דאָס וואַסער און נייגיריק געקוקט. דער ליידיקער קיבל האָט
זיך געשאָקלט און דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן איבערן דעק.
דער שטאַרבנדיקער האָט מיט די פּיס-זוילן געקלאַפּט אי-
בער דער טיר, אויסגעגלייכט די פּיס און ער איז פאַרשטאַרט
געוואָרן אין איין גרויסער אָנשטרענגונג, און געוואָרפן דעם
קאָפּ פון איין זייט אויף דער צווייטער. דאַן זענען די מוסקולן
לויז געוואָרן, דער קאָפּ האָט אויפגעהערט צו וואַרפן זיך, און
אַ טיפער זיפץ, ווי אַ דערלייכטערונג, האָט זיך ארויסגעריסן פון
זיינע ליפּן. די אונטערשטע באַק איז אַראָפּגעפאַלן, די אויבער-
שטע האָט זיך אויפגעהויבן און ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי שרעג-
געס פאַרבלאָזע פון טיטון ציין. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע
פּנים-שטריכן זענען פאַרפרוירן געוואָרן אין טייוולאָנישן קריצן
אויף דער וועלט, וואָס ער האָט פאַרלאָזן און איבערגעכיטרעוועט.
דאַן איז געשען אַ העכסט-ווונדערלעכע זאַך. דער קאַפּי-
טאַן האָט זיך עלאָזט מיט קללות אויפן טויטן, ווי אַ דונער.
קללות האָבן זיך ןאָן אויפהער געשאָטן און דאָס זענען נישט
געווען גלאַט אַזוי קללות, אָדער בלויז. נישט פּאַסיקע אויס-
דרוקן. יעדעס וואָרט איז געווען אַ לעסטערונג, און ער האָט
נישט געקאַרגט קיין ווערטער. זיי האָבן געקנאַקט און געטראַס-
קעט ווי עלעקטרישע פונקען. כ'האָב קיינמאָל אין מיין לעבן
נישט געהערט עפּעס ענלעכס צו דעם, און כ'האָב נישט גע-
קענט באַגרייפן, אַז אַזאַ זאַך זאָל מעגלעך זיין. האָבנדיק אַ
נייגונג צו ליטעראַרישע אויסדרוקן און צו קרעפטיקע געשטאַלטן
און פראַזן, האָב איך, זיכער ווי קיין שום אַנדערער צוהערער,
געקענט אָפּשאַצן די באַזונדערע לעבעדיקייט, קראַפט און די אַב-
סאָלוטע לעסטערונג פון זיינע בילדלעכע ווערטלעך, די סיבה

פון די אלע קללות איז געווען, אויף וויפיל כ'האָב געקענט פאַרשטיין, וואָס דער מענטש, וועלכער איז געווען אַ באַצמאַן, האָט זיך באַטייליקט אין אַן אָרגיע איידער ער האָט פאַרלאָזן סאַן-פראַנציסקאָ, און דאַן האָט זיך אים פאַוואָלט צו שטאַרבן אין אָנהייב פון דער רייזע און איבערלאָזן וואָלף לאַרסענען אָן אַן אַרבעטער.

ס'איז איבעריק פעסטצושטעלן, לכל הפחות פאַר מיינע פריינט, ווי שאָקירט איך בין געווען. קללות און כלערליי מיאוסע ווערטער זענען שטענדיק געווען אָפשטויסנד פאַר מיר. ס'האָט מיך געאיבלט, ס'האָט מיר געקלעמט דאָס האַרץ און איך קען זאָגן, אַז דער קאָפּ איז מיר געוואָרן פאַרדרייט. פאַר מיר איז דער טויט שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט פייערלעכקייט און חשיבות. ער קומט רויק, און זיינע צערעמאָניעס זענען פאַרהייליקט.

אָבער דער טויט און זיינע שמוציקערע און שרעקלעכע אָנבליקן איז ביז דאַן געווען פאַר מיר אַן אומבאַקאַנטע זאַך.

ווי כ'האָב שוין געזאָגט, האָט עס מיך אומבאַשרייבלעך שאָקירט, בעת איך האָב אָפּגעשאַצט די קראַפט פון די שרעקלעכע קללות, וואָס זענען אַרויס פון וואָלף לאַרסענס מויל. דער גליענדיקער שטראָם, האָט זיך געדאַכט, איז גענוג געווען, אַז ער זאָל פאַרברענען דאָס פּנים פונם מת.

כ'וואָלט מיך גאָרנישט געחידושט, אויב די נאַסע שוואַרצע באָרד וואָלט זיך געקרייזלט אין לאָקן און אויפגעפלאַמט אין אַ רויך. אָבער דעם בר-מינן האָט דאָס גאָרנישט געאַרט. ער האָט ווייטער געשטשירעט מיט זיין ביטערן הומאָר, מיט אַ ציניש חוזק און אַרויסרוף. ער איז געווען הער פון דער סיטואַציע

# קאַפּיטל דריי

חאָלף לארסען האָט אויפגעהערט צו זידלען אַזוי אומגעריכט ווי ער האָט אָנגעהויבן. ער האָט ווידער פאַררויכערט דעם ציגאַר און זיך אומגעקוקט. זיינע אויגן האָבן צופעליק געטראָפן דעם קוכער.

„נו, קוכער?" האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ קאַלטער העפלעכקייט און מיט דעם טעמפעראַמענט פון אַן אייזערנעם כאַראַקטער.

„יאָ, סיר", האָט גיריק אָפּגעענטפערט דער קוכער, מיט אַ שלום-מאַכנדיקער און זיך פאַרענטפערנדיקער קריכערישקייט.

צי האָסטו נישט צופיל אַרויסגעשטעקט דיין האַלז? ווי מיינסטו? דער באַצמאַן איז שוין נישטאָ, און כ'קען מיר נישט פאַרגינען אויך דיך צו פאַרלירן. דו מוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, זייער פאָרזיכטיק, מיטן געזונט. פאַרשטאַנען?

דאָס לעצטע וואָרט, אין אַ שטאַרקן קאָנטראַסט מיט דער גלאַטיקייט פון פריערדיקן אויסדרוק, האָט געקנאַקט ווי דער שמיץ פון אַ בייטש. דער קוכער האָט אינגאַנצן געציטערט.

„יאָ, סיר", האָט זיך געהערט אַ חניפהדיקער ענטפער, בעת דער באַליידיקטער איז שוין געהאַט פאַרשוואונדן אין דער קיך.

אָבער דערדאָזיקער שניידיקער פאָרוואורף האָט נישט פאַראינטערעסירט די איבעריקע מאַנשאַפט און יעדער איינער האָט זיך גענומען צו זיין אַרבעט. אָבער אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט צווישן דער קיך און דעם דעק-לאָך, און וועלכע זענען, ווייזט אויס, נישט געווען קיין מאַטראָזן, האָבן ווייטער שטיל געשמועסט צווישן זיך. ווי כ'בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, זענען דאָס געווען די יעגער, די וואָס האָבן געשאָסן

פּאָקעס און זיי זענען אַ פּיל העכערע ראַטע ווי די פּשוטע מאַטראָזן.

„דזשאַהאַנסען! האָט וואָלף לאַרסען אויסגערופן. אַ מאַט־ראָז איז געהאָרכזאַם אַרויסגעטרעטן. „נעם אַ נאָדל־פּאָדים און פאַרניי דעם קבצן. אין דער זעגל־קאַמער וועסטו געפינען אַ פּאָר אַלטע לייילעכער. מאַך, עס זאָל גוט זיין".

„וואָס זאָל איך אים אַרויפלייגן אויף די פיס, סיר?" האָט ער געפרעגט נאָכן געוויינלעכן „יאָ, יאָ, סיר".

„מירן שוין זען", האָט וואָלף לאַרסען געענטפערט. און אויפגעהויבן זיין קול שרייענדיק „קוכער!".

טאָמאַס מאַגרידזש איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער קיך, ווי דאָס מענטשעלע אין אַ פידעלע.

„גיי אַראָפּ אונטן און פיל אָן אַ זאַק מיט קוילן".

„האָט ווער פון אייך חברה, אַ ביבל אָדער אַ געבעט־בוך? האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט, ווענדנדיק דאָס מאָל זיך צו די יעגער, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער קאַיוטע.

זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף ניין, און עמעצער האָט געמאַכט אַ וויציקע באַמערקונג, וועלכע כ'האָב נישט דער־הערט, אָבער וועלכע האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם גע־לעכטער.

מיט דערזעלבער פראַגע האָט זיך וואָלף לאַרסען געווענ־דעט צו די מאַטראָזן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביבלס און גע־בעט־ביכער זענען דאָ זעלטענע אַרטיקלען, אָבער איינער האָט זיך אונטערגענומען נאָכצופרעגן אונטן ביי דער וואַך. אין אַ מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט דער מעלדונג, אַז יענ־ע האָבן אויך נישט.

דער קאַפּיטאַן האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען. „דאַן וועלן מיר אים אַראָפּלאָזן אָן שום נאַרישע פּלוידערייען, סיידן אונזער אַרויסגעראַטעוועטער, וואָס זעט אויס ווי אַ גלח, וועט אָפּריכטן די קבורה־צערעמאָניע פון אויסנווייניק.

דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט און מיך אָנגעקוקט.

איר זענט אַ פּרעדיקער, נייַן? האָט ער געפרעגט.

די יעגער—זעקס זענען זיי געווען—האָבן זיך אויסגעדרייט ווי איינער און מיך אָנגעקוקט.

מיט ווייטיק אין האַרצן האָב איך געפילט, אַז כ'בין ענלעך צו אַ סטראַשידלע. ביי מיין אָנבליק זענען זיי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, — אַ געלעכטער, וואָס איז נישט קלענער אָדער אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב דעם מת, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן מיט פאַרשטשירעטע ציין אויפן דעק; אַ געלעכטער, וואָס איז געווען אַזוי גראָב, רוי און אָפּנהאַרציק, ווי דער ים אַליין; אַ געלעכטער, וואָס האָט געשטאַמט פון גראָבע געפילן און טעמפּע חושים, פון כאַראַקטערן, וואָס האָבן נישט געוווסט, וואָס עס איז אַזוינס העפלעכקייט אָדער איידלקייט.

וואָלף לאַרסען האָט נישט געלאַכט, הגם זיינע גראָע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ לייכטן בליק פון הנאה. און אין יענעם מאָמענט, שטייענדיק נאָענט נעבן אים, האָב איך באַקומען דעם ערשטן איינדרוק וועגן דעמדאָזיקן מענטשן, וועגן דעם מענטש, אָפּגעטיילט פון זיין קערפּער און פונם מבול לעסטערונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

זיין פּנים, מיט גרויסע געזיכטס-שטריכן און שטאַרקע צייבענס, איז געווען אַ פּירקאַנטיקס און אַ פולס, און האָט אויפן ערשטן קוקן אויסגעזען צו זיין מאַסיוו; אָבער פונקט ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט זיין קערפּער, אַזוי האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַסיווקייט פאַרשווינדט און ס'האָט זיך געשטאַרקט די איבערצייגונג אין דעם גרויסן און ריזיקן גייסטיקן כח, וואָס ליגט אונטן, וואָס דרימלט אין דער טיפעניש פון זיין וועזן. די קינבאַק, די גאָמבע, די ברעמען, וואָס זענען געווען הויך און שווער געלעגן איבער די אויגן—די דאָזיקע איברים, שטאַרקע פאַר זיך גופא, אומגעוויינלעך שטאַרקע, האָבן ווי גערעדט וועגן דער ריזיקער קראַפט אָדער מענלעכקייט פונם גייסט, וואָס איז געלעגן אונטער, ווייטער און אַריבער פון יענעם בליק. ס'איז נישט מעגלעך צו דערגרונטעווען אַזאַ נשמה, אויסצומעסטן, צו באַשטימען די גרעניצן, אָדער קלאַסיפיצירן מיט אַנדערע, לויט אַן ענלעכן טיפּ.

די אויגן—און ס׳איז מיר באַשערט זיי גוט צו קענען! — זענען געווען גרויסע און שיינע, ווייט אָפּגעטיילט, ווי בײַ אמתע קינסטלער, געשיצט אונטער שווערע ברעמען און באַדעקט מיט דיקע שוואַרצע אויגן-וויעס.

די דאָזיקע אויגן זענען געווען פון יענעם מין זיך-בייטנדיקע גראָע אויגן, וואָס זענען קיינמאָל נישט די זעלבע: אויגן וועלכע האָבן אין זיך אַ סך שאָטנס און פאַרבן, ווי געמישט זייד אין זון-שיין: אויגן וועלכע זענען גראָ, טונקל און העל, און גרינלעך-גראָ און טיילמאָל קלאָר-בלאָ ווי דער טיפער ים. דאָס זענען אויגן, וואָס האָבן פאַרשטעלט די לבנה מיט טויזנטער מאַסקעס, און וואָס האָבן זיך טיילמאָל, אין זעלטענע מאָמענטן געעפנט און געלאָזט דער נשמה לויפן, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט אַרומלויפן אַ נאַקעטע אין דער וועלט און זוכן וווּנדערלעכע פּאַסירונגען, — אויגן, וועלכע האָבן זיך געקענט פאַרטראַכטן מיט דער האָפנונגסלאָזער מעלאַנכאָלישקייט פון בלייערנע הימלען: אויגן, וועלכע האָבן געקענט שפּריצן מיט פונקען פייער, פונקט ווי די פונקען פון אַ פאָכנדיקער שווערד: אויגן, וועלכע האָבן געקענט קאַלט ווערן ווי אַן אַרקטישע לאַנדשאַפט און דאָך האָבן זיי ווידער געקענט ווערן וואַרים און ווייך און זיי שפּרינגען אַרום מיט ליבלעכע בליקן, אָנגעשטרענגטע, מענלעכע, לויערנדיקע, און צווינגנדיקע, וועלכע פאַרכּישופן און באַהערשן אין דערזעלבער צייט פרויען, ביז צום איבערגעבן זיך אין אַ עקסטאַז פון צופרידנקייט, פון פאַרלייכטערונג און אָפּפערונג.

אָבער לאָמיר רעדן צו דער זאַך.

איך האָב אים געזאָגט, אַז צום אומגליק פאַר דער קבורה-צערעמאָניע, בין איך נישט קיין גלח. און ער האָט גראָב געפרעגט:

„פון וואָס מאַכט איר אַ לעבן?”

כ׳מוז זאָגן דעם אמת, אַז מ׳האָט מיר קיינמאָל נישט געשטעלט אַזאַ קשיא, און איך אַליין האָב זיך קיינמאָל נישט באַטראַכט. כ׳בין כמעט געווען ווי געפּלעפּט און איידער כ׳בין גע-

קומען צו זיך, האָב איך נאַריש אַרויסגעשטאַמלט: „איך—איך בין אַ דזשענטלמען".

ער האָט פאַרשנורעוועט די ליפּן אין אַ האַסטיקן חוזק.

„כ'האָב געאַרבעט, כ'אַרבעט שטענדיק", האָב איך געשריגן מיט אימפּעט, גלייך ווי ער וואָלט געווען מיין שופט און איך פאָדער פון אים גערעכטיקייט, און אין דערזעלבער צייט האָב איך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען מיין גרויסן אידיאָטיזם, דיסקוסירנדיק אויף דער דאָזיקער טעמע.

„אויף אייער חיונה?"

עפּעס איז געווען אין אים באַפעלעריש און תקיפדיקס, אַז כ'בין געוואָרן אויסער זיך ··· „צעקנאַקט" ווי פּערוסעט וואָלט עס אָנגערופן, ווי אַ ציטעריק קינד פאַר אַ שטרענגן לערער.

„ווער גיט אייך צו עסן?" האָט געקלונגען די צווייטע פראַגע.

„כ'האָב הכנסות", האָב איך דרייסט געזאָגט און באַלד פאַרביסן די צונג. „אָבער דאָס אַלץ, אַנטשולדיקט מיר פאַר מיין באַמערקונג, האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם, וואָס איך וועל דאָ רעדן מיט אייך".

ער האָט אָבער נישט גענומען אין אַכט מיין פּראָטעסט.

„ווער האָט עס פאַרדינט? האַ? כ'מיין טאַקע אייער פאָטער. איר שטייט אויף די פּיס פון אַ טויטן מענטש. איר האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם גראָשן. איר וואָלט נישט געקענט גיין אַליין צוויי טאָג און פאַרדינען אויף פלייש פאַר אייער בויך אויף דריי מאָלצייטן. לאָמיך נאָר אַ קוק טון אויף אייער האַנט".

זיין שרעקלעכע, איינגעשלאָפענע קראַפט האָט זיך אין אים געמוזט אַ באַוועג טון, פלינק און האַסטיק, אָדער כ'האָב אַ סעקונדע געמוזט דרימלען, ווייל איידער כ'האָב מיך אומגעקוקט, האָט ער אַ שפּאַן געטון צוויי טריט פאָרויס, פּעסט אַריינגענומען מיין האַנט אין זיינע, און געהאַלטן און באַטראַכט זי.

כ'האָב געפּרוווט זי אַרויסצונעמען, זיינע פינגער האָבן זי אָבער צענויפגעדריקט, אָן איבעריקער אָנשטרענגונג, אַז כ'האָב

געמיינט מיין האַנט ווערט צעריבן אויף פּיצלעך.

אין אַזעלכע אומשטענדן איז שווער פאַר אַ מענטש צו האַלטן זיך ווירדיק. כ'האָב דאָך נישט געקענט האַמפּערן זיך און רייסן זיך ווי אַ חדר-יינגל.

איך האָב אויך נישט געקענט אַטאַקירן אַ בריאה, פאַר וועלכער עס איז געגנוג געווען בלויז אָנצונעמען מיין האַנט און זי צעברעכן. ס'איז מיר נישט געבליבן מער צו טון, ווי צו שטיין שטיל און מקבל באהבה זיין די דאָזיקע חרפּה.

כ'האָב דאַן צייט געהאַט צו באַמערקן, ווי אויפן דעק ליי-דיקט מען אויס די קעשענעס פונם מת, ווי מ'האָט אים איינ-געהילט אין לייוונט, וועמעס פאַלדן דזשאָנסאָן, דער מאַטראָז, האָט צוזאַמענגענייט מיט גראָבן ווייסן פֿאָדים, האַלטנדיק די נאָדל אויף אַ שטיקל לעדער, וועלכעס ער האָט געהאַלטן אויף דער דלאָניע.

מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק האָט וואָלף לאָרסען אַרויסגע-לאָזט מיין האַנט.

— „די הענט פון טויטע מענטשן האָבן זי ווייך געמאַכט. זי טויג נישט מער ווי צו וואַשן דאָס געפעס און צו פאָרען זיך ביי דער קיך.

— „כ'וויל, מ'זאָל מיך אַרויסזעצן אויפן ברעג", האָב איך פעסט געזאָגט, ווייל איצט האָב איך זיך גוט באהערשט. „כ'וועל אייך באַצאָלן, וויפיל איר וועט רעכענען פאַר דער צייט און דער טירחה".

ער האָט נייגיריק געקוקט אויף מיר. דער שפּאָט האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

„איך שטעל אַקעגן-פאָרשלאַג, און דאָס לטובת אייער נשמה. מיין באַצמאַן איז אַוועק, און אַ סך וועלן דעריבער אַוואַנסירן. אַ פשוטער מאַטראָז וועט פאַרנעמען דעם באַצמאַנס אָרט, דער קאַיוטע-משרת דעם מאַטראָזס אָרט, און אז וועט איצט זיין דער קאַיוטע-משרת; שרייבט אונטער דעם אָפּמאַך אויף אַ גאַנצן קורס, צוואָנציק דאָלאַר אַ חודש און באַקעסטיקונג. נו, וואָס זאָגט איר דערצו? און באַטראַכט אויך, דאָס איז פאַרן וויל פון אייער

נשמה. דאָס וועט אייך מאַכן פֿאַר אַ מענטש. מיט דער צייט וועט איר זיך אויסלערנען צו שטעלן זיך אויף די פֿיס און אפֿשר אַ ביסל אונטערהײנקען".

איך האָב אָבער נישט גענומען אין אַכט זײַנע רייד.

די זעגלען פֿון דער שיף, וועלכע כ'האָב געזען ווייט אין דער דרום-מערב ריכטונג, זענען געוואָרן לענגער און בולטער דאָס זענען געווען זעגלען פֿון זעלבן טיפּ, ווי פֿון געשפּענסט, הגם דער קאָפּ פֿון שיפֿל איז געווען קלענער.

זי האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ שיין בילד, שפּרינגענדיק און לויפֿנדיק צו אונזער ריכטונג, און זי איז שוין ווײַרשײַנלעך געווען נישט-ווייט פֿון אונז. דער ווינט איז צײַטנווייז געוואָרן שטאַרקער, און די זון, נאָך אַ פּאָר בייזע בליקן, איז פֿאַרשוווּנדן. דער ים איז געוואָרן שטורמיש, ווי אַ טעמפּע גראָע בלײַערנע משא, און געוואָרפֿן שוימענדיקע ווײַסע-היטלעך צום הימל.

מיר זענען געפֿאָרן שנעלער און די שיף האָט זיך געוויגט אַהין און צוריק. איינמאָל, בעת אַ שטאַרקן ווינט, האָט דער פֿאָרענטש זיך געטונקען אין וואַסער, און דער דעק האָט אויפֿן יענעם אָרט זיך געבאָדן אין וואַסער, צוליב וואָס עטלעכע יעגער האָבן האַסטיק אויפֿגעהויבן זייערע פֿיס.

„יענק שיפֿל וועט באַלד פֿאַרבײַ פֿאָרן", האָב איך געזאָגט נאָך אַ קורצער הפסקה. אַזוי ווי עס גייט אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג, קערעוועט עס זיך העכסט ווײַרשײַנלעך קיין סאַן-פּראַנציסקאָ.

„העכסט-ווײַרשײַנלעך", האָט וואָלף לאַרסען געענטפֿערט, אַוועקדרייענדיק זיך אַ ביסל פֿון מיר און שרײַענדיק „קוכער, קוכער!"

דער קוכער האָט אַרויסגעקוקט פֿון דער קיך.

„וווּ איז יענץ ייִנגל? זאָג אים, אַז איך דאַרף אים האָבן.

„יאָ, סיר" און טאָמאַס מאַגרידזש איז שנעל אַוועק און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַן אַנדער ריכטונג לעבן דעם רודער. אַ ביסל שפּעטער האָט יענער אויפֿגעטויכט, אַ פֿעסט-געבויטער ייִנגער בחור פֿון אַ יאָר אַכצן אָדער נײַנצן מיט אַ צעגליט פּנים

פון אַ געמיינעם חברה־מאַן, נאָכשלעפנדיק זיך נאָך דעם קוכער.
„אַט איז ער דאָ", האָט דער קוכער געזאָגט.
אָבער וואָלף לאַרסען האָט אים איגנאָרירט. ווענדנדיק זיך תיכף צום קאַיוטע־משרת.
„ווי הייסט דו, משרת?"
„דזשאָרזש ליטש, סיר" האָט זיך געהערט אַ מרוטשענדי־קער ענטפער, און דעם ייִנגלס האַלטונג האָט קלאָר געוויזן, אַז ער איז זיך משער פאַרוואָס מען האָט אים אַריינגערופן.
„דאָס איז נישט קיין אירלענדישער נאָמען", האָט דער קאַפּיטאַן קורץ געזאָגט. „אָ'טול אָדער מעק'קאַרטי וואָלט גיכער צום טייוול געפּאַסט פאַר דיין פּיסק. סיידן, אַן אירלענדער האָט זיך זייער וואַרשיינלעך אַריינבאַקומען אין דיין מוטערס שטאַם־בוים".
דעם בחורס הענט האָבן זיך געבײַלט בעת דער דאָזיקער באַליידיקונג און דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין.
„אָבער גענוג וועגן דעם", האָט וואָלף לאַרסען ווייטער געזאָגט. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דו האָסט וויכטיקע סיבות צו פאַרגעסן דיין נאָמען, אָבער איך וועל דיר גאָרנישט טון דער־פאַר, כּל־זמן דו וועסט מיך האָרכן. טעלעגראַף הילל, נאַטיר־לעך, איז געווען דיין לאַנדונגסאָרט, ניין? מ'דערקענט דאָס אָן דיין נאָז. כאָטש ביסט פון דאָרטן אַרויס טאָפּלט ערגער ווי דו ביסט געווען. כ'קען אייך גוט, ליידאַקעס. נו, היט דיך אַז זאָלסט נישט באַווייזן די קונצן דאָ אויפן שיף. פאַרשטאַנען? ווער האָט דיר פאַרדינגען אויפן שיף?"
„מעק'קרעדי און סוואַנסאָן".
זאָג „סיר!" האָט וואָלף לאַרסען געדונערט.
מעק'קרעדי און סוואַנסאָן, „סיר" האָט דער בחור פאַרבע־סערט און די אויגן זיינע האָבן געברענט מיט אַ בייז פייערל.
ווער האָט באַקומען דעם אַוואַנס פון דיין פּענסיע?
„זיי, סיר".
„כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען". און דו ביסט נאָך געווען טייוולאָניש צופרידן, וואָס זיי האָבן עס צוגענומען פאַר זיך, ווען

רו האָסט דערהערט, אַז עטלעכע דזשענטלמענען ווילן זיך אומ־
קוקן אויף דיר, ביסטו צוגעפאַלן צו זיי ווי צו אַ הייס ברויטל.

אין דערזעלבער רגע האָט זיך דער בחור פאַרוואַנדלט
אין אַ ווילדע חיה. דער גוף זיינער האָט זיך איינגאַנצן איינגע־
קאָרטשעט, ווי גרייט צום שפּרינגען, און דאָס פּנים האָט באַ־
קומען דעם אויסזען פון אַ צעיושעטער חיה, בעת ער האָט אַרויס־
געריטשעט:

„דאָס איז אַ — —

„אַ וואָס?״ האָט וואָלף לאַרסען געפרעגט מיט אַ באַזונ־
דערער ווייכקייט אין זיין שטימע, גלייך ווי ער וואָלט גאָר
שטאַרק נייגיריק געווען צו הערן דאָס נישט־אַרויסגערעדטע
וואָרט.

דער בחור האָט זיך געקווענקלט און דאַן זיך באַהערשט.

„גאָרנישט, סיר. כ׳נעם עס צוריק״.

„דו האָסט געוויזן, אַז כ׳בין געווען גערעכט״. דאָס האָט
ער אַרויסגערעדט מיט אַ צופרידענעם שמייכל. „ווי אַלט ביסטו?״

„גאָר וואָס זעכצן, סיר״

„אַ ליגן. דו וועסט שוין קיינמאָל נישט אַלט זיין אַכצן״.
„ביסט צו גרויס פאַר דעם עלטער, מיט אַזעלכע מוסקולן
ווי אַ פערד. פּאַק דיר איין דיין פּעקל און מאַרש אויפן פאָ־
דערשטן דעק. איצט ביסטו אַ ווייטסלער. דו פאַרשטייסט, פאַר־
שטאַנען?

נישט וואַרטנדיק אויף דעם משרתס איינשטימונג, האָט זיך
דער קאַפּיטאַן געווענדט צום מאַטראָז, וואָס האָט נאָר וואָס
פאַרענדיקט די טרויעריקע אַרבעט פון צודייען דעם גוף. „דזשאָ־
האַנסן צי האָסטו עפּעס אַ ידיעה אין שיפעריי?״

„ניין, סיר!״

גוט, ס׳מאַכט נישט אויס; דו ווערסט אַ באָצמאַן. נעם דיי־
נע חפצים און גיי אַריין אין באָצמאַנס קאַיוטע.

„יאָ, יאָ, סיר״. האָט דזשאָנסאָן פריילעך געענטפערט,
רייסנדיק זיך פאַרויס.

אין דער צווישנצייט האָט דער בחור זיך נישט קיין ריר געגעבן.

„אויף וואָס וואַרטסטו?" האָט וואָלף לאַרסען געפרעגט.

„כ'האָב מיך נישט אונטערגעשריבן אַלס וויעסלער, סיר" האָט ער געענטפערט, „איך האָב מיך אונטערגעשריבן אַלס קאַיוטע-משרת. איך וויל נישט זיין קיין וויעסלער".

„נעם דאָס פעקל און גיי ווייטער".

דאָס מאָל איז וואָלף לאַרסענס קול געווען אַדורכנעמענדיק באַפעלעריש. דער בחור האָט געקוקט מיט פינצטערע בליקן און זיך אָפגעזאָגט צו פאָלגן.

דאַן האָב איך צום צווייטן מאָל געזען אַ באַווייז פון וואָלף לאַרסענס שרעקלעכער קראַפט. דאָס איז געווען פולשטענדיק אומדערוואַרטעט און ס'האָט נישט מער געדויערט ווי אַ סעקונדע. ער האָט געגעבן אַ שפּרייז אויף זעקס פוס איבערן דעק און אַריין מיט דער פויסט אין דעם בחורס בויך.

אין דער זעלבער צייט האָב איך, גלייך ווי מ'וואָלט מיך עס געשלאָגן, דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטאָק אין בויך. כ'דערמאָן דאָס איצט, כדי צו ווייזן ווי שטאַרק אויפגערייצט ס'זענען דעמאָלט געווען מיינע נערוון, און ווי כ'בין נישט געוווינט געווען צו ברוטאַלע סצענעס. דער קאַיוטע-משרת—און ער האָט געוויגן לכל הפחות הונדערט פופצונזעכציק פונט—איז פשוט צעריבן געוואָרן. דער קערפּער זיינער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין פויסטן ווי אַ נאַסע שמאַטע אויף אַ שטעקן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן, געמאַכט אַ קורצע קרומע ליניע, און אַראָפּגעפאַלן לעבן מת, צעקלאַפּנדיק זיך דעם קאָפּ און די פּלייצעס. און געבליבן ליגן און געוואָרפן זיך ווי אין גסיסה.

„נו?" האָט לאַרסען מיך געפרעגט. צי האָט איר שוין זיך דעצידירט?"

כ'האָב צופעליק אַ קוק געטון אויפן זיך דערנענטערנדיקן סקונער, וועלכער איז געווען כמעט לעבן אונז נישט

מער ווי אַ פּאָר הונדערט יאַרד. דאָס איז געווען אַ ריין, גוט געהאַלטן שיפל.

אויף איינעם פון די זעגל האָב איך געזען אַ גרויסע שוואַרצע ציפער, און כ׳האָב מיך דערמאָנט, אַז כ׳האָב אַמאָל געזען בילדער פון באַצמאַנשע שיפלעך.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ שיפל?״ האָב איך געפרעגט.

דאָס באַצמאַן שיפל „ליידי מיין״, האָט וואָלף לאַרסען פינצטער געענטפערט.

„פּטור געוואָרן פון אייערע פּילאָטן און עס לויפט איצט קיין סאַן-פראַנציסקאָ. אין פינף—זעקס שעה אַרום וועט עס דאָרט זיין״

„צי וועט איר אַזוי גוט זיין סיגנאַליזירן, אַז מען זאָל מיך אַרויפזעצן אויפן ברעג.״

„ליידער, כ׳האָב אָבער פאַרלוירן דאָס סיגנאַליזאַציע-בוך.״ האָט ער באַמערקט, און די גרופּע יעגער האָבן געשמייכלט מיט די ציין פאַר געלעכטער.

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט אַ מאָמענט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין. כ׳האָב געזען די שרעקלעכע באַהאַנדלונג פונעם קאַיוטע-משרת. און כ׳האָב געוווסט, אַז ס׳איז זייער וואַרשיינלעך, אַז ער וועט מיך באַהאַנדלען אויפן זעלבן אופן, אויב נישט נאָך ערגער.

ווי געזאָגט, האָב איך זיך פאַרטראַכט, און דאַן האָב איך געטון אַ זאַך, וועלכע איך האָב געהאַלטן אַלס די העלדישסטע טאַט אין מיין לעבן. כ׳בין צוגעלאָפן צום עק פון דעק, געמאַכט מיט די הענט און געשריגן:

„ליידי מיין״, העי! נעמט מיך אַרויף! טויזנט דאָלאַר, אויב איר נעמט מיך אַרויף!״

כ׳האָב געוואַרט, צוקוקנדיק זיך צו די צוויי מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען ביים רודער. איינער האָט געקערעוועט דאָס ראָד, דער אַנדערער האָט צוגעטראָגן אַ מעגאַפאָן צו די ליפן.

כ׳האָב נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, הגם כ׳האָב דער-

ווארט, אז א ליאדע מינוט וועט מיר די מענטשלעכע חיה, וואס איז געשטאנען אונטער מיר, געבן א טויט-קלאפ.

ענדלעך, נאך א ווייל, וואס האט פאר מיר אויסגעזען ווי גאנצע יארהונדערטער, נישט זייענדיק שוין בכוח לענגער אויסצוהאלטן די שפאנונג, האב איך מיך ארומגעקוקט. ער האט זיך נישט גערירט פון זיין ארט. ער איז געשטאנען אין דער זעלבער פאזע, לייכט שאקלענדיק זיך צום טאקט פון דער שיף און געצרויכערט א פרישן ציגאר.

„וואס איז? צי איז עפעס נישט אין ארדנונג?"

דאס האט מען געשריגן פון „ליידי מיין".

„יא," האב איך געשריגן, אנשטרענגנדיק מיינע לונגען. „טויט אדער לעבן! טויזנט דאלאר, אויב איר זעצט מיך ארויס אויפן ברעג!"

„מיין מאנשאפט האט צופיל געהוליעט אין פריסקא, דאס שאדט צום געזונט", האט וואלף לארסען געשריגן נאך מיר. „אט דער—טייטלנדיק מיטן פינגער אויף מיר—חלומט פון ים-שלאנגען און ער מאכט זיך נאריש!"

דער פארשוין פון „ליידי מיין" האט צוריקגעלאכט דורכן מעגאפאן. דאס באצמאן-שיפל איז פארבייגעשווימען.

„גיב אים א פארציע פאר מיר" האט זיך דערהערט א געשריי, און די צוויי האבן געמאכט מיט די הענט, געזעגנדיק זיך.

א פארצווייפלטער האב איך מיך אנגעשפארט אן דעם פארענטש, צוזעענדיק ווי דאס קליינע שיפל האט שנעל פארגרעסערט דעם קאלטן ים-ווינט צווישן אונז און עס וועט ווארשיינלעך זיין אין סאן-פראנציסקא אין פינף—זעקס שעה ארום! דער קאפ איז מיר שיער געפלאצט פאר קרענקונג. אין האלז האט מיך געשטיקט, גלייך ווי דאס הארץ וואלט דארט געבליבן שטעקן.

א קרייזלענדיקע כוואליע האט א קלאפ געטון אן דעם עק פון דעק און באשפריצט מיינע ליפן מיט געזאלצן וואסער. דער ווינט האט שטארק געבלאזן, און דאס „געשפענסט" האט

זיך ווייטער געוויגט, אומטערטוקעגדיק אין וואסער איר פּאַ־רענטש פון דער זייט ווי דער ווינט בלאָזט.

כ'האָב געהערט ווי דאָס וואַסער לויפט אַרום אויפן דעק.

ווען כ'האָב מיך שפּעטער אַ ביסל אויסגעדרייט, האָב איך געזען, ווי דער קאַיוטע־משרת וואַקלט זיך אויף די פיס. זיין פּנים איז געווען טויט־בלאַס, פאַרקרימט פון אַן איינגעהאַלטע־נעם ווייטאָק. ער האָט אויסגעזען זייער שוואַך.

„אַלזאָ, ליטש, צי גייסטו?״ האָט וואָלף לאַרסען געפרעגט.

„יאָ, סיר״ האָט זיך געהערט דער ענטפער פון איבער־געשראָקענעם בחור.

„און איר?״ האָט ער מיך געפרעגט.

„כ'גיב אייך טויזנט—האָב איך אָנגעהויבן, ער האָט מיך אָבער איבערגעריסן אין מיטן.

„גענוג זאָל זיין! צי ווילט איר דערפילן די פליכט פון אַ קאַיוטע־משרת? אָדער צי זאָל איך מיך נעמען צו אייך?

וואָס האָב איך געזאָלט טון? ס'וואָלט מיר גאָרנישט גע־האָלפן, ער וואָלט מיך ברוטאַל צעשלאָגן, אָדער אפשר גאָר דערהרגעט. עקשנותדיק האָב איך געקוקט אין זיינע גרויזאַמע גראָע אויגן. זיי וואָלטן געקענט זיין ווי גראַניט, ווען נישט די ליכטקייט און וואַרעמקייט פון אַ מענטשלעכער נשמה, וואָס איז געווען אין זיי. מ'קען אַמאָל זען, ווי די נשמה גיט זיך אַ ריר אין אַ מענטשנס אויגן, אָבער זיינע זענען געווען געפרוירן, קאַלט און גראָ, ווי דער ים גופא.

„אַלזאָ?״

„יאָ״, האָב איך געזאָגט.

זאָגט „יאָ, סיר״.

„יאָ, סיר״, האָב איך פאַרבעסערט.

„ווי הייסט איר?״

„וואַן ווײַדען, סיר״.

דער ערשטער נאָמען?

העמפרי, סיר; העמפרי וואַן ווײַדען״.

„עלטער?״

„פינף־און־דרייסיק, סיר“.

„ס'וועט גוט זיין; גייט אין קיך און לערנט איין אויס אייערע פליכטן“.

אַט ווי אַזוי כ'בין אַריבער אין אַ נישט־פרייוויליקן דינסט צו וואָלף לאַרסענען. ער איז געווען שטאַרקער פון מיר, דאָס איז עס אינגאַנצן. אָבער גלייכצייטיק איז עס געווען זייער נישט־רעאַל. אויך איצט, ווען איך קוק צוריק אין דער פאַר־גאַנגענהייט, איז עס נישט ווינציקער אומרעאַל. דאָס וועט פאַר מיר שטענדיק זיין אַ שווידערלעכע, אומבאַגרייפבאַרע זאַך, אַ שרעקלעכער נאַכט־קאָשמאַר.

„האַלט! גייט נאָך נישט!“

כ'האָב געהאָרכזאַם פאַרהאַלטן מיין גאַנג צו דער קיך.

„דזשאָהאַנסען, רוף אַרויף אַלע הענט. איצט, ווען ס'איז שוין אַלץ אין אָרדנונג, וועלן מיר מאַכן די לויה און אַראָפ־רוימען פונם דעק די אומנוציקע ג'אַטעס.“

בעת דזשאָהאַנסען האָט צוזאַמענגערופן די וואַך פון אונטן, האָבן אַ פּאָר מאַטראָזן, אונטער דער אָנפירונג פונם קאַפּיטאַן, אַוועקגעלייגט דעם אין לייוונט־פאַרנייטן מת אויף דער טיר פון דעק.

אויףביידע זייטן פון דעק, ביי דעם פאָרענטש און אויפן דיל, זענען געווען צוגעבונדן אַ פּאָר קליינע לאָדקעס. עטלעכע מענטשן האָבן אויפגעהויבן די טיר פון דעק מיט דער געשפּענסט־משא, צוגעטראָגן זי צו דער זייט ווו דער ווינט בלאָזט און אַנידערגעלייגט אויף די לאָדקעס מיט די פיס אין וואַסער אַריין.

צו די פיס איז געווען צוגעבונדן דער קוילן־זאַק, וועלכן דער קוכער האָט געבראַכט.

כ'האָב שטענדיק געמיינט, אַז אַ קבורה אויפן ים איז אַ זייער פייערלעכע און שרעק־אָנזאָגנדיקע געשעעניש, אָבער איך בין שנעל געוואָרן אַנטוישט, לכל הפחות פון דערדאָזיקער קבורה.

איינער פון די יעגער, אַ קליין שוואַרצאויגיק מענטשל וועמעס חברים האָבן אים גערופן „רויך“, האָט דערציילט

מעשיות, נישט קאַרגנדיק דערביי קיין קללות און נבול-פּה, און יעדע רגע האָבן זיי אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, וועלכער האָט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי אַ וועלפישער כאָר אָדער ווי דאָס בילן פון גיהנום-הינט.

די מאַטראָזן האָבן זיך רוישיק צונויפגעזאַמלט, טייל פון דער וואַך האָבן געריבן די אויגן פאַר שלאָף און אין שטילע טענער גערעדט צווישן זיך. אויף זייערע פּנימער האָט מען געקענט זען אַן אויסדרוק פון מידקייט און אַבערגלויבישער מורא.

ס'איז געווען באַשיינפּערלעך, אַז ס'האָט זיי נישט גע-שמעקט די פּערספּעקטיוו צו האָבן מיט אַזאַ קאַפּיטאַן, און אָנ-צוהייבן די רייזע מיט אַזאַ שלעכטן סימן.

פון צייט צו צייט האָבן זיי געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן אויף וואָלף לאַרסענען, און איך האָב געזען, אַז זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אים.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון דעק און אַלע האָבן אויסגעטון די היטלען.

כ'האָב זיי איבערגעציילט מיט די אויגן—צוואַנציק זענען זיי געווען: געניווער—צוויי-און-צוואַנציק, אַריינגערעכנט דעם מענטש ביים רודער און מיך. מ'דאַרף מיר אַנטשולדיקן פאַר מיין נייגיריקע באַאָבאַכטונג, ווייל ס'האָט אויסגעזען אַז מיין גורל איז, ווער ווייסט אויף וויפיל וואָכן און חדשים, פאַרבונדן מיט זיי, אויפן קליינעם שווימנדיקן וועלטל. די מאַטראָזן זע-נען אין דער מערהייט געווען ענגלענדער און סקאַנדינאַווער, און זייערע פּנימער זענען, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, שווערע און אידיאָטישע. דאַקעגן די יעגער האָבן געהאַט שטאַרקע און מער פאַרשידנאַרטיקע פּנימער, מיט האַרטע שטריכן און שפּורן פון פריי-צעלאָזענע ליידנשאַפטן. אַ מערקווירדיקע זאַך! איך האָב באַלד באַמערקט, אַז וואָלף לאַרסענס פּנים האָט נישט געהאַט אַזעלכע שלעכטע שפּורן.

ס'האָט אויסגעזען ווי אין אים שטעקט נישט קיין שום געמיינס.

אמת, ס'זענען דאָרט געווען שטריכן, אָבער דאָס זענען געווען שטריכן פון אַנטשלאָסנקייט און פעסטקייט, ס'האָט גיבער אויסגעזען ווי אַן אָפּנהערציק און אויפריכטיק פּנים, וועמעס אָפנהערציקייט אָדער אויפריכטיקייט האָט אויסגעזען נאָך גרעסער צוליב זיין גלאַט-גערויזירטקייט. כ'האָב קוים געקענט גלויבן —ביזן צווייטן אינצידענט, וואָס איז פּאַרלאָפן אַ ביסל שפּעטער—אַז דאָס איז דאָס פּנים פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געקענט אַזוי אויפפירן, ווי ער האָט זיך אויפגעפירט בעתן שלאָגן דעם קאַיוטע-משרת.

אינם מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט אַ ווינט אָנגעהויבן צו וואַרפן דעם סקונער און צום סוף אים אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט. דער ווינט האָט זיך צעשריגן מיט זיינע ווילדע זמירות צווישן די מאַסטבוימער.

אַ טייל יעגער האָבן מיט שרעק געקוקט אין דער הייך אַרויף. דער פּאָרענטש פון לינקס, וווּ ס'איז געלעגן דער מת, איז געווען פּאַרשטעקט אין ים און בעת דער סקונער האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, האָט דאָס וואַסער פּאַרפלייצט דעם דעק, פּאַרנעצנדיק אונז איבער די לידקעס. ס'האָט איבער אונז געגאָסן אַ רעגן, און יעדער טראָפּן איז געווען גרויס ווי האָגלשטיינער. ווען ס'האָט אויפגעהערט, האָט וואָלף לאַרסען אָנגעהויבן צו רעדן, און די מענטשן מיט די אַנטבלויזטע קעפּ האָבן זיך געשאָקלט אוניסאָן צום טאַקט פונם דעק, וואָס האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט.

„כ'געדענק נאָר איין טייל פון דער קבורה-צערעמאָניע", האָט ער געזאָגט, אָט איז ער: „און דער גוף וועט אַריינגעוואָרפן ווערן אין ים אַריין". וואַרפט-זשע אים אַריין.

ער האָט אויפגעהערט צו רעדן. די מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן די טיר פון דעק, האָבן אויסגעזען צו זיין געפּלעפט, בלי ספק צעטומלט פון דער קורצער צערעמאָניע. ווי אַ ווילדער איז ער אַרויפגעפאַלן אויף זיי.

„הייבט אויף יענעם עק, איר פּאַרשאָלטענע! וואָס איז, צום טייוול, מיט אייך?"

זיי האָבן אויפגעהויבן דעם עק פון דער דעק-טיר מיט אַן אומעטיקער האַסטיקייט, און פּונקט ווי מ'שליידערט אַוועק אַ הונט, האָט דער מת צום ערשט אַראָפּגעלאָזט די פּיס אין וואַסער אַריין.

דער זאַק-קוילן ביי די פּיס האָט אים אַראָפּגעשלעפּט. ער איז געגאַנגען צום גרונט.

„דזשאָהאַנסען", האָט וואָלף לאַרסען לעבהאַפּט געזאָגט צום נייעם באָצמאַן, „זאָלן אַלע הענט בלייבן אויפן דעק. נעמט די אויבערשטע זעגלען און דעם דרייקאַנטיקן זעגל און מאַכט אַלץ אין אָרדנונג. מיר גרייטן זיך צו פאָרן אין דרום-מזרח. וויקלט צענויף אין איינוועגס דעם דרייקאַנטיקן זעגל און די אויבערשטע זעגלען.

אין אַ ווייל אַרום איז דער דעק געווען אין באַוועגונג. דזשאָהאַנסען האָט אויפן קול געגעבן באַפעלן און די מאַטראָזן האָבן געשלעפּט אָדער אַראָפּגעצויגן פאַרשידענע מינים שטריק. — דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, געווען אומבאַקאַנט פאַר מיר, דעם יבשה-מענטש. אָבער אין דעם אַלעם האָט מיך באַזונדערס אײַבעררַאשט די האַרצלאָזיקייט פון דידאָזיקע מענטשן. דער טויטער מענטש איז פאַר זיי געווען אַן עפּיזאָד פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַן אינצידענט, וועלכער איז ליקווידירט געוואָרן ביים אַראָפּלאָזן אים מיטן זאַק קוילן, בעת די שיף איז זיך געלאָפן און די אַרבעט איז זיך ווייטער געגאַנגען, די גאַנצע זאַך האָט קיינעם נישט באַרירט.

די יעגער האָבן געלאַכט, אויסהערנדיק די מעשיות פונם „רויך"; די מאַטראָזן האָבן געצויגן און אַראָפּגעשלעפּט די שטריק און צוויי פון זיי האָבן געקלעטערט אין דער הייך; וואָלף לאַרסען האָט שטודירט דעם פאַרוואָלקנטן הימל פון דער ריכטונג פונם ווינט; און דער טויטער מענטש, וואָס איז אַזוי עקלהאַפט געשטאָרבן און באַגראָבן געוואָרן אויף אַזאַ געמיינעם אופן, ער זינקט אין אָפּגרונט, זינקט—זינקט. —

דאַן האָב איך דערפילט די גרויזאַמקייט פון ים, זיין אומברחמנותדיקייט און שוידערלעכקייט. דאָס לעבן איז געוואָרן

בילִיק און געשמאַקלאָז, אַ חיהשע און אומפאַרשטענדלעכע זאַך אַ נשמהלאָזע באַוועגונג פון מול און שליים. כ׳האָב מיך געהאַלטן ביי דער ווינט־זייט, לעבן די קאַנאַטן, און דורך די וויסטע שוימענדיקע כוואַליעס געקוקט צו די נידעריק—ליגנדיקע פאַרנעפּלטע ברעגן, וואָס האָבן פאַרשטעלט סאַן־פראַנציסקאָ און קאַליפאָרניע. אין מיטן האָט גענומען גיסן אַ רעגן און פאַרשטעלט דעם נעפּל.

און דידאָזיקע משונהדיקע שיף, מיט אירע שרעקלעכע מענטשן, געטריבן פון ווינט און די כוואַליעס, שפּרינגנדיק אַריין און אַרויס, האָט זיך געריסן צו דרום־מערב, צום גרויסן און איינזאַמען שטח פון שטילן אָקעאַן.

## קאַפּיטל פיר

דאָס וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין די ווייטערדיקע טעג אויפן פאָקע־סקונער ג ע ש פ ע נ ס ט, בעת איך האָב מיך אָנגעשטרענגט צוצופּאַסן זיך צו מיין נייער אַרומיקער סביבה, דאָס אַלץ איז געווען דערנידערונג און פּיין.

דער קוכער, וועמען די מאַנשאַפט האָט גערופן „דאָקטער" און די יעגער — „טאָמי" און וואָלף לאַרסען, — „קוקי", איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין לאַגע, האָט גורם געווען אַן ענדערונג אין זיין האַלטונג בנוגע מיר. אַזוי ווי ער איז פריער געווען חניפהדיק און קריכעריש, אַזוי איז ער איצט געווען הערשעריש און קריגעריש.

וואָס אַן אמת, כ׳בין שוין מער נישט געווען דער עלעגאַנטער דזשענטלמען מיט דער צאַרטער הויט פון אַ „ליידי",

נאָר אַ פּשוטער און ווערטלאָזער קאַיוטע־משרת.

ער האָט אַלץ אײנאײגעם געפֿאָדערט, אַז כ׳זאָל אים רופֿן מר. מאַגרידזש און בעת ער האָט מיך אויסגעלערנט מײנע פֿליכטן, איז זײַן האַלטונג און באַנעמונג געװען אומדערטרעגלעך. אויסער דעם, וואָס איך בין געווען פֿאַרנומען אין דער קאַיוטע, מיט די פֿיר קלײנע קאַבינעס, בין איך נאָך געווען זײַן געהילף, און מײַן געוואַלטיקע עם־הארצות אין די ענינים פֿון שײלן קאַרטאָפֿל אָדער וואַשן די שמוציקע טעפּ איז געווען פֿאַר אים אַ קוואַל פֿון אומענדלעכער שטױנונג און סאַרקאַסטישע באַמערקונגען. ער האָט גאָרנישט געוואָלט אין אַכט נעמען דאָס וואָס איך בין פֿריער געווען, און וואָס פֿאַר אַ לעבן איך האָב געפֿירט.

אָט אַזאַ איז געווען זײַן האַלטונג לגבי מיר, און איך בין זיך מודה, אַז אײדער ס׳איז פֿאַרבײַ דער טאָג, האָב איך אים געהאַסט, ווי קײן שום זאַך אין דער וועלט.

דערדאָזיקער ערשטער טאָג איז נאָך שווערער געווען צוליבן פֿאַקט, וואָס דאָס געשפּענסט אונטער פֿאַרקלענערטע זעגלען (טערמינען, וואָס איז כ׳האָב מיך שפּעטער אויסגעלערנט זײער באַטײַט) האָט זיך געטוקט דורך, ווי מאַגרידזש האָט עס אָנגערופֿן „געהײַל אין דרום־מזרח ווינט". האַלב־זעקס האָב איך אונטער זײַן אָנפֿירונג געגרײט דעם טיש אין דער קאַיוטע מיט שווערן פּאַזאַנס און דאַן אַרויפֿגעבראַכט טײ און געבעקס פֿון דער קיך.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, קען איך מיך נישט אײַנהאַלטן צו דערצײלן מײַן ערשטע דערפֿאַרונג מיט אַ פֿאַרגעסענעם דעק.

„האַלט אײַך שטאַרק צו, אַז נישט וועט איר פֿאַרגאָסן ווערן", האָט מיך מר. מאַגרידזש געוואָרנט, בעת איך האָב פֿאַרלאָזט די קיך מיט אַ גרויסן טשײַניק אין דער האַנט, און אונטערן צווײטן אָרעם האָב איך געטראָגן אַ פּאָר פֿרישע געבאַקענע ברויטלעך.

אײנער פֿון די יעגער, אַ הויכער, צעשוווּמענער בחור, הענדערסאָן, איז גראָד אַרויסגעגאַנגען פֿון רודער (אַזוי האָבן די יעגער אין שפּאַס אָנגערופֿן זײערע ערטער אין צווישנדעק,

ווי זיי זענען געשלאָפן) אין דער ריכטונג צו דער קאַיוטע.

וואָלף לאַרסען איז געשטאַנען ביים אונטערשטן דעק רוי־כערנדיק זיין שטענדיקן ציגאַר.

„דאָ קומט עס. אַוועק אָן אַ זייט", האָט דער קוכער גע־שריגן.

כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט, ווייל כ׳האָב נישט געוווּסט וואָס עס קומט. און געזען ווי די קיך־טיר האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ קלאַפּ. דאַן האָב איך געזען ווי הענדערסאָן איז ווי אַ משוגענער געלאָפן צו די הויפּט־זעגלען, זיך אַרויפגעדראַפּעט אין דער הייך, און ער איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר קעפּ העכער פון מיר.

כ׳האָב אויך געזען אַ גרויסע כוואַליע, אַ קרייזלנדיקע און שוימענדיקע, וועלכע האָט זיך געהויבן איבערן פאַרענטש. איך בין געווען גלייך אונטער איר. מיין מח האָט שוואַך געאַרבעט, אַלץ איז פאַר מיר געווען אַזוי ניי און פרעמד. כ׳האָב מיך געכאַפּט, אַז כ׳בין אין אַ סכנה, אָבער דאָס איז עס איינגאַנצן.

כ׳בין געשטאַנען שטיל און געציטערט. דאַן האָט וואָלף לאַרסען אַרויסגעשריגן פון אונטערשטן דעק.

„האַלט זיך אָן אָן עפּעס, דו — דו העמפּ!"

איך בין צוגעשפּרונגען צו די זעגלען אָן וועלכע כ׳האָב מיך געקענט קלאַמערן, און ס׳איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַן אַראָפּ־פאַלנדיקע וואַנט פון וואַסער.

דאָס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען דערנאָך, האָט מיך איינגאַנצן צעטומלט. איך בין געלעגן אונטערן וואַסער, שטיקנדיק זיך און טרינקנדיק זיך.

מיינע פיס זענען ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן און ס׳האָט מיך איבערגעדרייט און געשלעפּט, כ׳ווייס אַליין נישט וווהין.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן הארטע זאַכן, און איינמאָל האָב איך מיר אַ שטאַרקן זעץ געטון אין דער רעכ־טער קני. דאַן האָט דער מבול, ווייזט אויס, אָפּגעלאָזן און כ׳האָב צוריק באַקומען דעם אָטעם. כ׳בין פאַרשלעפּט געוואָרן צו דער קיך, דערנאָך צו דעם רודער.

די פארוואונדעטע קני האט מיר זייער וויי געטון. כ׳האב איך נישט געקאנט רירן, לכל הפחות האט זיך מיר אזוי גע־דאכט—און כ׳בין געוועזן זיכער, אז כ׳האב מיר צעבראכן דעם פוס. אבער דער קוכער איז שוין געשטאנען הינטער מיר, שריי־ענדיק דורך דער קיך־טיר פון לינקס: העי, דו! פארע דיך נישט א גאנצע נאכט מיט דעם! ווו איז דער טשייניק? פארלוירן אין ים אריין? האסט געהאט גליק, וואס דו האסט נישט צעבראכן דעם קארק".

כ׳האב זיך אנגעשטרענגט צו שטעלן זיך אויף די פיס. אין דער האנט האב איך אלץ געהאלטן דעם גרויסן טשייניק.

כ׳בין הינקענדיק צוגעגאנגען צו אים און אים דערלאנגט דעם טשייניק. אבער ס׳האט אין אים געברענט דער כעס, א גע־מאכטער אדער אמתער.

„שטראף מיך גאט, צי כ׳האב ווען געזען אזא שלים־מזל. כ׳וואלט געוואלט וויסן צו וואס איר טויגט? צו וואס טויגט איר? איר קענט אפילו נישט טראגן א ביסל טיי נישט אויס־גיסנדיק. איצט וועל איך מוזן נאכאמאל אפקאכן".

און וואס שמעקט איר זיך ארום? האט ער זיך צעלאזט קעגן מיר מיט כעס.

„ווייל איר האט א ביסל צעראצט אייער ארעם פיסל, ארעם מאמעס זונדעלע".

כ׳האב מיך נישט ארומגעשמעקט, הגם מיין פנים האט זיך געדארפט קארטשען און קרומען פאר ווייטאק. איך האב אבער זיך אנגעשטרענגט מיט אלע כוחות, געקריצט מיט די ציין, און אוועקגעהינקעט פון דער קאיוטע צו דער קיך, און פון דער קיך צו דער קאיוטע אן ווייטערדיקן פארפאל. צוויי זאכן האב איך באקומען א דאנק דעמדאזיקן אינצידענט.

א פארוואונדעטע קני־ביין, וואס איז נישט פארבאנדאזשירט געווארן און פון וועלכע כ׳האב געליטן גאנצע חדשים און דעם נאמען „העמפ", ווי וואלף לארסען האט מיך גערופן.

פון דעמאלט אן האט מען מיך גערופן נאר ביי דעמדא־זיקן נאמען, ביז דערדאזיקער טערמין איז געווארן א טייל פון

מיין געדאַנקען-גאַנג און כ׳האָב אים אידענטיפיצירט מיט מיר, געדענקט וועגן זיך אַלס העמפּ, גלייך ווי העמפּ וואָלט געווען איך און איז שטענדיק געווען איך.

ס׳איז נישט געווען קיין גרינגע אַרבעט צו באַדינען דעם טיש, ווו ס׳זענען געזעסן וואָלף לאַרסען, דזשאָהאַנסען און די זעקס יעגער. גענוג צו זאָגן, אַז די קאַיוטע איז געווען קליין און ס׳איז נישט לייכט געווען צו רירן זיך צוליב דעם וואָס דער סקונער האָט זיך געוואָרפן און געהויבן.

אָבער מער פאַר אַלעם האָט מיך איבערראַשט דער פאַקט, וואָס ביי דידאָזיקע מענטשן האָט לחלוטין געפעלט דאָס געפיל פון סימפּאַטיע.

איך האָב געשפּירט ווי די קני ווערט געשוואָלן און איך בין געווען אָפּגעשוואַכט פון ווייטאָק.

אינם שפּיגל האָב איך געזען מיין טויט בלאַס פּנים, אויסגעקרומט פון ווייטאָק. די אַלע מענטשן האָבן געזען מיין לאַגע, אָבער קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר, און שפּעטער א ביסל, ווען כ׳האָב געוואַשן דאָס געפעס, בין איך כמעט געווען דאַנקבאַר וואָלף לאַרסענען, ווען ער האָט געזאָגט:

„דערלאָזט נישט, אַז אַזאַ קלייניקייט זאָל אייך קווען. איר וועט זיך מיט דער צייט צוגעוויינען צו דעם. עס וועט אייך א ביסל מאַכן פאַר א קאַליקע, אָבער איר וועט זיך דערפאַר אויסלערנען גיין".

„דאָס הייסט ביי אייך א פּאַראַדאָקס, האַ?" האָט ער צו-געגעבן.

ס׳האָט אויסגעזען ווי ער איז צופרידן, ווען כ׳האָב צוגע-שאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגנדיק מיין געוויינלעכן „יאָ, סיר".

„כ׳בין מיך משער, אַז איר האָט א שטיקל אַנונג אין לי-טעראַטור. האַ? גוט. מיר וועלן זיך אַמאָל אַדורכשמועסן וועגן דעם.

נאָכדעם, שוין מער נישט אומקוקנדיק זיך אויף מיר, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן און אַרויף אויפן דעק.

יענע נאַכט, נאָכן פאַרענדיקן מיין אַרבעט, האָט מען מיך

געהייסן גיין שלאָפן אין דעם נידעריקן טייל, ווו איך האָב מיר ווי-עס־איז געמאַכט אַ געלעגער.

כ׳בין געווען צופרידן, וואָס כ׳וועל פּטור אָנצוקוקן דעם עקלהאַפטן קוכער און וואָס כ׳קען אויסגלייכן די ביינער. צו מיין איבעררעשונג זענען מיינע מלבושים אויף מיר שוין געווען טרוקן און כ׳האָב נישט געפילט קיין צייכן פון פאַרקילונג, נישט פון דעם לעצטן מאָל איינגענעצט ווערן, נישט פון יענעם איינגענעצט ווערן בעת די מארטינעז איז אונטערגעגאַנגען.

אין געוויינלעכע אומשטענדן וואָלט איך, נאָך אַזעלכע איבערלעבענישן, געדאַרפט ליגן צו בעט אונטער דער אויפזיכט פון אַ געניטער קראַנקן-שוועסטער.

אָבער די קני האָט מיך זייער געקוועלט.

אויף וויפיל כ׳האָב פאַרשטאַנען, איז דער קני-ביין אויסגעלענקט געוואָרן און געהאַלטן אין איין אָנשוועלן. זיצנדיק אין מיין נאָרע, באַטראַכטנדיק די פאַרוווּנדעטע קני (די זעקס יעגער האָבן זיך געפונען אין דעם אונטערשטן טייל, רויכערנדיק און רעדנדיק צווישן זיך הויך), האָט הענדערסאָן געוואָרפן אַ פאַרבייגייענדיקן בליק.

עס זעט אויס שמוציק, האָט ער געזאָגט.

„בינדט אַרום אַ שמאַטע, און ס׳וועט אַלץ גוט זיין”.

דאָס איז עס געווען אינגאַנצן. און אויף דער יבשה וואָלט איך געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן, אַ דאָקטער וואָלט אַכטונג געגעבן אויף מיר, שטרענג אָנזאָגנדיק, אַז איך זאָל גאָרנישט טוען נאָר רוען. אָבער איך מוז געבן גערעכט די דאָזיקע מענטשן, ווי האַרטהערציק זיי זענען נישט געווען צו מיינע יסורים, זענען זיי אין אַ גלייכער מאָס געווען האַרטהערציק צו זייערע אייגענעליידן, ווען ס׳איז עפּעס פאָרגעקומען מיט זיי און דאָס איז געווען, גלויב איך, אַ דאַנק, ערשטנס, דער געוווינהייט, און צווייטנס, דאָס וואָס זיי זענען געווען ווייניקער פילבאַר געשטימט. כ׳גלייב אין אמתן, אַז אַ סובטעלפילנדיקער, הויך-קולטערעלער מענטש, וואָלט געליטן צוויי-דריי מאָל מער, ווי זיי פון איין און דעמזעלביקן ווייטאָק.

ווי מיד כ׳בין געווען — פּאַקטיש דערשעפּט — האָט מיך דער ווייטאָק אין דער קני נישט געלאָזט שלאָפן.

כ׳האָב ווי ווייט מעגלעך זיך איינגעהאַלטן נישט צו קרעכצן, אינדערהיים וואָלט איך, בלי ספק, געלאָזט אויסדריקן מיין שמערץ אָבער הידאָזיקע נייע, פּרימיטיווע סביבה האָט ווי אויפגעפּאָדערט קעגן אייגענעם ווילן אונטערצודריקן דעם ווייטאָק. פּונקט ווי ביי די ווילדע, איז די האַלטונג פון דידאָזיקע מענטשן געווען אַ סטאָאישע אין וויכטיקע זאַכן, און אַ קינדערשע אין קלייניקייטן. כ׳דערמאָן מיך ווי שפּעטער בעת אונזער נסיעה האָב איך געזען קערפּוטן, איינעם פון די יעגער, ווי ער האָט פאַרלאָרן אַ פינגער, צערייבנדיק אים ביי אַ גאַלאַרעטע און ער האָט אַפילו נישט געגעבן קיין מרוק און נישט געענדערט דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט. דאָך האָב איך אַ סך מאָל געזען, ווי דערדאָזיקער מענטש איז געוואָרן שרעקלעך אין כעס ביי דער מינדסטער נאַרישקייט.

ער האָט דאָס איצט געטון שרייענדיק, ריטשענדיק, מאַכנדיק מיט די הענט, זידלענדיק ווי אַ טייוול — און אַלץ דערפאַר, וואָס ער איז נישט מסכים מיט דער מיינונג פון אַן אַנדערן יעגער, ״מכוח דעם צי אַ קינד פון אַ פּאָקע קאָן אינסטינקטיוו שווימען.״ ער האָט געהאַלטן, אַז יאָ, אַז עס קאָן שווימען מיטן מאָמענט, ווען עס ווערט געבוירן. דער אַנדערער יעגער, לאַטימער, אַ דאַרער בחור, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יענקי פּיט דורכדרינגענדיקע, ענג-אַריינגעזעצטע אויגן, האָט געהאַלטן פאַרקערט, אַז דאָס קינד פון אַ פּאָקע ווערט געבוירן אויף דער יבשה, טאַקע דערפאַר ווייל עס קען נישט שווימען, אַז די מוטער מוז עס לערנען שווימען, פּונקט ווי פייגל לערנען זייערע קינדער פליען.

די איבריקע פיר יעגער זענען טיילווייז געזעסן אָנגעלעגט אויפן טיש, אָדער געלעגן אין זייערע נאָרעס און געלאָזט די צוויי קעגנער ווייטער פירן דיסקוסיע. זיי זענען אָבער געווען אין דער העכסטער מאָס פאַראינטערעסירט, ווייל יעדע ווײַלע האָבן זיי זיך אויף אַ היציקן אופן צערייגעמישט. און טייל-

מאָל האָבן אַלע גערעדט מיט אַמאָל, און זייערע שטימען האָבן זיך צוריקגעקייקלט אין די כוואַליעס, ווי די קלעפּ פון דונערס אויף אַ באַגרענעצטן שטח.

ווי קינדיש און אינהאַלטסלאָז די טעמע איז נישט געווען, זענען זייערע טענות געווען נאָך קינדישער און אינהאַלטסלאָזער. אין אמתן, דאָס זענען גאָרנישט געווען קיין טענות. זייער מעטאָדע איז באַשטאַנען אין פאַרזיכערונגען, השערות און דענונציאַציעס. זיי האָבן אויפגעוויזן, אַז אַ קינד פון אַ פּאָקע קען שווימען אָדער נישט שווימען באַלד ווי עס ווערט געבוירן, פעסטשטעלנדיק זייער השערה אויף אַ קריגערישן אופן און פאַרענדיקנדיק מיט אַן אָנפאַל אויפן אָפּאָנענטס אורטייל, אויף זיין גלייכן שכל, אויף זיין נאַציאָנאַליטעט אָדער אויפן עבר פון זיין געשיכטע. דער ענטפער פונם אָפּאָנענט איז געהאַלטן געוואָרן אין זעלבן טאָן.

איך דערצייל דאָס אַלץ, כדי צו ווייזן דעם גייסטיקן ביוואָ פון די מענטשן, מיט וועלכע כ׳האָב געדאַט צו טון. אינטעלעקטועל זענען זיי קינדער, וואָס האָבן אָנגענומען די פּיזישע געשטאַלט פון דערוואַקסענע מענטשן.

זיי האָבן געררייכערט, געררייכערט אָן אויפהער, באַנוצנדיק גראָבן, ביליקן, און שטינקנדיקן טיטון.

די לופט איז געווען געדיכט און פאַרנעפּלט פונם רויך; און דאָס, צוזאַמען מיט דער גוואַלטיקער באַוועגונג פון דער שיף, בעת זי האָט זיך געראַנגלט מיטן שטורעם, וואָלט געוויס גורם געווען, אַז כ׳זאָל ליידן פון דער ים־קראַנקהייט, ווען איך וואָלט געהאַט אַ נייגונג צו איר. אַזוי ווי די לאַגע האָט אויסגעזען, האָט עס מיך געאיבלט, הגם דאָס ד״האָט געקענט זיין צוליבן וויטאָק אין פוס און צוליב דערשעפּונג.

ווי כ׳בין אַזוי געלעגן פאַרזינקען אין מיינע געדאַנקען, האָב איך, נאַטירלעך, זיך אָפּגעשטעלט אויף מיין לאַגע. ס׳איז געווען אַן אומדערהערטע זאַך, נישט צו פאַרגלייכן, אַז איך העמפּרי וואַן ווײדען, אַ שטודירנדיקער און דילעטאַנט, כ׳בעט אייך איבער, אין ענינים פון קונסט און ליטעראַטור, זאָל ליגן

דא אין א סקונער, א פאקע-יעגער, אלס קאיוטע-משרת!

כ'האב קיינמאל אין מיין לעבן נישט אריינגעטון א פינגער אין קאלטן וואסער, נאך דערצו פארען זיך אין א קיך.

כ'האב געפירט א רויק, אומגעשטערט פון וואסערע-עס-איז פאסירונגען, נישט-אקטיוו לעבן, — געלעבט ווי א שטודירנדיקער און איינזאמער מענטש פון א זיכערער און גענוגנדיקער הכנסה. א גוואלטזאם לעבן און אטלעטישע ספארטן האבן קיינמאל נישט גערעדט צו מיין הארץ.

כ'בין שטענדיק געווען א ביכער-ווארם, אזוי האבן מיך גערופן מיינע שוועסטערס און פאטער בעת איך בין געווען א יינגל. נאר איינמאל אין לעבן בין איך געווען אין אן אבאז, און אויך דאן האב איך פארלאזט די קאמפאניע באלד אין אנהייב און צוריקגעגאנגען צו די באקוועמלעכקייטן און קאמפארטן פונם הויז-לעבן.

און דא, אויף דער שיף, זיץ איך מיט די טרויעריקע און אומענדלעכע פערספעקטיוון פון טיש-גרייטן, קארטאפל-שיילן און געפעס-וואשן.

און איך בין נישט קיין שטארקער מענטש. די דאקטוירים האבן שטענדיק געזאגט, אז איך האב א מערקווירדיקע קאנסטיטוציע. איך האב זי קיינמאל נישט אנטוויקלט, נישט געמאכט קיין איבונגען.

כ'האב געהאט קליינע, ווייכע מוסקולן, פונקט ווי פרויען-מוסקולן; אזוי האבן די דאקטוירים אלע מאל איבערגעחזרט, פרווונדיק מיך איבערצייגן אין דער נויטווענדיקייט פון פיזישע איבונגען.

איך האב אבער ליבערשט געוואלט באנוצן מיין קאפ אײדער מיין גוף; און איצט געפין איך זיך דא, לחלוטין נישט צוגעפאסט צום פארשטייענדיקן רויען לעבן.

אט דאס זענען נאר א פאר פון מיינע געדאנקען, וועלכע האבן זיך דאן געפלאנטערט אין מיין קאפ, און כ'דערמאן דא וועגן זיי כדי צו פארענטפערן זיך פאר דער הילפלאזער, אומבאהאלפענער ראל, וואס איז מיר באשערט געווען צו שפילן.

כ׳האָב אָבער אויך געטראַכט וועגן מיין מוטער און שוועס־טער, און מיר פאַרגעשטעלט זייער צער. כ׳האָב פיגורירט צווישן די פאַרלוירענע טויטע פון דער קאַטאַסטראָפע אויפן מאַרטי־נעז. כ׳האָב אין געדאַנק געזען די קעפּלעך פון די צייטונגען, כ׳האָב געזען ווי מיינע חברים אין אוניווערסיטעט־קלוב און אין דער געזעלשאַפט „ביבּלטאָט״ שאָקלען מיט די קעפּ, זאָגנ־דיק „אָרעמער בחור!״. און איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיין פריינט טשאַרלי פּערוסעט, בעת איך האָב מיך געזעגנט מיט אים אין יענעם פאַטאַלן טאָג; ער איז זיך געלעגן אין אַ פּי־זשאַמע אויפן אויסגעבעטן מיט אַ קישן פענצטער און געשיט מיט פּעסימיסטישע עפּיגראַמען אויפן חשבון פון זיין רעדנערשן טאַלענט.

און דער סקונער „געשפּענסט״ האָט די גאַנצע צייט, — וואַרפנדיק זיך, טוקנדיק זיך, קלעטערנדיק אויף די באַוועגלע־כע בערג, אַראָפּפאַלנדיק און וויגנדיק זיך אין די שווימענדיקע טאָלן, — אויסגעקעמפּט זיך אַ וועג וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער אינם האַרץ פונם שטילן ים, און איך שווים אויפן דאָ־זיקן ים. כ׳האָב געהערט ווי דער ווינט רוישט. דער גערויש איז דערגאַנגען צו מיינע אויערן ווי אַ פאַרטויבטער געשריי.

ווידער און ווידער האָבן זיך געהערט ווי טריט קלאַפּן אויפן דעק. אַרום מיר האָבן זיך געהערט אומענדלעכע גריל־צנ־דיקע קולות, דאָס געהילך האָט געסקריפּעט און די אויסשטאַ־טונג האָט געקרעכצט, געשריען, געקלאָגט אין טויזנטער טענער. די יעגער האָבן נאָך אַלץ דיסקוטירט און געבּרומט פּונקט ווי האַלב־מענטשלעכע בּרואים פון דער אַמפיביע־ראַסע. די לופט איז פול געווען מיט קללות און נישט פּאַסיקע אויסדרוקן.

איך האָב געזען זייערע פּנימער, פאַררויטלטע און בייזע, אויסגעקרומטע פון ברוטאַליטעט און פאַרשאַרפטע דורך דער איבלדיקער געלקייט פון די ים־לאָמפּן, וועלכע האָבן זיך גע־וויגט אַהין און צוריק צוזאַמען מיט דער שיף.

דורכן טונקעלן רויך־נעפּל האָבן די געלעגערס אויסגע־זען ווי די נאָרעס פון די חיות אין אַ מענאַזשעריע.

אויף די ווענט האָבן געהאָנגען גומענע מאַנטלען און ים־שטיוול, און דאָ און דאָרט זענען זיך רויק געלעגן אויף די פּאָליצעס געווער און יעגער־ביקסן דאָס איז געווען אַן אויסשטאַטונג, וועלכע האָט געפּאַסט פאר די פּיראַטן און ים־רויבער פון פּאַרצייטנס. די פאַנטאַזיע מיינע האָט זיך שטאַרק צעהיצט און איך האָב נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן.

די נאַכט האָט זיך געצויגן אָן אויפהער. דאָס איז געווען אַ לאַנגע, מידמאַכנדיקע און אומעטיקע נאַכט.

## קאַפּיטל פינף.

אָבער מיין ערשטע נאַכט אין די יעגערס קאַבינע איז אויך געווען די לעצטע. צומאָרגנס איז דזשאָהאַנסען, דער נייער באַצמאַן, אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער קאַיוטע דורך וואָלף לאַרסענען, און פון דאַן אָן איז ער, דזשאָהאַנסען, געשלאָפן אין דעם רודער־שטיבל, בעת איך האָב מיך באַזעצט אין דער קליינער קאַבינע, וועלכע האט שוין פון ערשטן טאג אָן פון דער נסיעה געהאַט צוויי באַוווינער. די יעגער האָבן אין גיכן זיך דערוווּסט די סיבה פון דערדאָזיקער ענדערונג, און דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ שטאַרק געמורמל.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין שלאָף לעבט דזשאָהאַנסען איבער אַלע פּאַסירונגען פונם טאָג.

זיין אומאויפהערלעך רעדן, זיינע קולות און די באַפעל־אויסגעשרייען האָבן צופיל דערקוטשעט וואָלף לאַרסענען, וועלכער האָט טאַקע צוליב דעם באַשאָנקען די יעגער מיטן דאָזיקן אָנשיקעניש.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, בין איך אויפגעשטאַנען אַן

אָפּגעשוואַכטער און פֿאַרמאַטערטער, כּדי אָפּצוקומען מײַן צווייטן טאָג אויפֿן „געשפּענסט“. טאָמאַס מאַגרידזש האָט מיך אַרויסגעיאָגט אַרום האַלב-זעקס, אויפֿן זעלבן אופֿן ווי ער האָט אַרויסגעטריבן זײַנע הינט; אָבער פֿאַר זײַן ברוטאַלער באַציִונג צו מיר האָט מר. מאַגרידזש באַקומען אַ פֿאַרגעלטונג מיט פּראָצענט. דעם אומנויטיקן לאַרעם, וואָס ער האָט אַרויסגערופֿן (איך בין סײַ-ווי געלעגן אַ גאַנצע נאַכט מיט אָפֿענע אויגן), האָט מסתּמא אויפֿגעוועקט איינעם פֿון די יעגער; ווײַל אין די האַלב-פֿינצטערניש איז אַדורכגעפֿליגן אַ שווערער שטיוול, און מר. מאַגרידזש האָט, מיט אַ שאַרפֿן געשריי פֿאַר ווייטאָק, הכנעדיק געבעטן בײַ יעדן איינעם אַנטשולדיקונג.

שפּעטער, אין דער קיך, האָב איך באַמערקט, אַז זײַן אויער איז פֿאַרוווּנדעט און געשוואָלן. דאָס דאָזיקע אויער האָט שוין מער נישט באַקומען זײַן נאָרמאַלן אויסזען, און די מאַטראָזן האָבן עס אָנגערופֿן „קאַלאַפֿיאָרן-אויער“.

דער גאַנצער טאָג איז פֿול געווען מיט פֿאַרשידענע טרויעריקע געשעענישן. אַ נאַכט פֿריער האָב איך אַראָפּגענומען מײַנע אויסגעטרוקנטע מלבושים פֿון דער קיך, און כ'האָב באַלד זיי אָנגעטון, אָנשטאָט דעם קוכערס. כ'האָב געזוכט מײַן טייסטער. אַ חוץ אַ ביסל קליינגעלט (און איך האָב גוט געדענקט אַזעלכע זאַכן) איז דאָרט געלעגן 185 דאָלאַר אין גאָלד און פּאַפּיר. דעם טייסטער האָב איך געפֿונען, אָבער זײַן אינהאַלט, מיטן אויסנאַם פֿון די פּאָר זילבערנע מטבעות, איז פֿאַרשוווּנדן. ווען כ'בין אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם דעק, כּדי דערפֿילן מײַנע פֿליכטן, האָב איך איבערגעשמועסט מיטן קוכער מכּוח דעם, און הגם כ'האָב דערוואַרט אַ שטורמישן ענטפֿער, דאָך האָב איך זיך נישט געריכט אויף דעם קריגערישן ענטפֿער, וואָס כ'האָב פֿון אים באַקומען.

„היט אײַך, העמפּ, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ בייז פֿײַערל אין די אויגן און אַ כאָרכלען אין האַלז.“ צי ווילט איר, כ'זאָל אײַך צעפּלאַטשן די נאָז? אויב איר מיינט, כ'בין אַ גנבֿ, האַלט עס בײַ זיך, אויב איר ווילט נישט איינזען, אַז איר האָט אַ

גרויסן טעות. זאָל איך בלינד ווערן, אויב דאָס איז נישט אייער דאַנקבאַרקייט! איר זענט אַרויף אויף דער שיף, אַלס אַ נעבעכדיקער מוסטער פון אַ מענטשעלע, און איך האָב אייך אַריינגענומען אין מיין קיך, פיין אייך באַהאַנדלט, און אָט דאָס איז מיין באַלוינונג. ביי אַ צווייט מאָל, מעגט איר גיין צום טייוול, און כ'האָב אַ גוטע סיבה אייך אַ ביסל אָנצולערנען".

רעדנדיק אַזוי, האָט ער אויפגעהויבן די פויסטן און זיך געלאָזט צו מיר. צו מיין שאַנדע, זאָל עס דאָ געזאָגט ווערן, בין איך אַנטרונען פונם קלאַפּ, אַרויסלויפנדיק פון דער קיך. וואָס האָב איך געזאָלט טון? קראַפט, נאָר רויע קראַפט, איז נויטיק געווען אויף דערדאָזיקער ברוטאַלער שיף. מאָראַלישע איבערצייגונגס-קראַפט איז דאָ געווען אַן אומבאַקאַנטע זאַך. שטעלט אייך פאָר: אַ מענטש פון אַ געוויינלעכן קערפער-בוי, אַ דאַרער, מיט שוואַכע, נישטאַנטוויקלטע מוסקולן, וועלכער האָט זיך געפירט אַ רויִק, געמיטלעך לעבן, נישט צוגעווינט צו קיין שום גוואַלט-אַקטן — וואָס האָט אַזאַ מענטש געקענט טון?

ס'איז נישט געווען קיין סיבה פאַרוואָס איך זאָל מיך אַקעגנשטעלן דערדאָזיקער מענטשלעכער בעסטיע, פונקט ווי איך האָב נישט געקענט אַקעגנשטעלן זיך אַ צעווילדעוועטן אָקס.

אַזוי האָב איך מיר דאַן געטראַכט, פילנדיק אַ נויטווענדיקייט אין פאַרענטפערן זיך, ווילנדיק לעבן בשלום מיט מיין געוויסן.

אָבער דערדאָזיקער פאַרענטפער האָט מיך נישט צופרידן געשטעלט. און אַפילו ביזן היינטיקן טאָג קען איך נישט צוריקקוקן אויף יענע געשענישן און פילן זיך אינגאַנצן רעהאַביליטירט.

די סיטואַציע איז געווען אַזאַ, וואָס האָטווירקלעך איבערגעשטיגן אַלע ראַציאָנעלע כללים פון אויפפירונג און געפאָדערט מער ווי קאַלטע באַשלוסן פון שכל. אין ליכט פון דער פאָרמעלער לאָגיק איז נישט פאַראַן קיין זאַך, פאַר וועלכער מען זאָל זיך דאַרפן שעמען; אָבער דאָך שעם איך זיך אינערלעך בעתן דערמאָנען זיך אָן יענע געשעענישן, און אין

זיין שטאָלצער מענלעכקייט פיל איך, אַז מיין מענלעכקייט איז אויף אומבאַשטימטע אופנים געוואָרן באַשמוצט און באַשפּיגן.

אָבער דאָ איז נישט געווען נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס לעצטע.

די איילעניש, אין וועלכער כ׳בין אַנטלאָפן פון דער קיך, האָט גורם געווען גסיסהדיקע ווייטאָקן אין מיין קני, און כ׳בין אומבאַהאָלפן אַנידערגעפאַלן ביים ראַנד פון אונטערשטן דעק. אָבער דער קאָקני האָט מיך נישט נאָכגעיאָגט.

„זעט נאָר ווי ער לויפט! זעט נאָר ווי ער לויפט!" האָב איך אים געהערט שרייען, „און מיט אַזאַ פאַרקריפלטן פוס! „קומט אַהער, איר נעבעכדיק טאַטנס זינדל. כ׳וועל אייך גאָר-נישט טון; האָט נישט קיין מורא."

כ׳בין צוריקגעגאַנגען און פאָרגעזעצט מיין אַרבעט; און דאָ האָט זיך דערווייל געענדיקט דער עפּיזאָד, הגם ס׳האָבן נאָך געדאַרפט זיך אַנטוויקלען ווייטערדיקע המשכים.

כ׳האָב געגרייט צום טיש אין דער קאַיוטע, און זיבן אַ זייגער האָב איך באַדינט די יעגער און די אָפיצירן.

דער שטורעם האָט זיך, משמעות, געשטעלט ביינאַכט, הגם ס׳זענען נאָך געלאָפן ריזיקע כוואַליעס און ס׳האָט געבלאָזן אַ שטייפער ווינט.

פאַרטאָגס האָט מען געברענגט אין אָרדנונג די זעגלען, אַזוי אַז דאָס געשפּענסט איז זיך געלאָפן מיט דער פולער פאַרע, הגם מ׳האָט נישט באַנוצט די צוויי העכסטע זעגלען און דעם דרייקאַנטיקן זעגל. ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוווסט, האָט מען זיי געדאַרפט ארויפזעצן נאָכן פרישטיק.

כ׳בין אויך געוויר געוואָרן, אַז וואָלף לאַרסענען איז שטאַרק געגאַנגען, אַז ער זאָל וואָס מער אויסנוצן דעם שטורעם-ווינט, וועלכער האָט אים געטריבן אין דער דרום-מערב ריכטונג אין יענעם טייל פון ים, וו ער האָט געהאָפט צו דעריאָגן די צפון-מזרח און טאַקע.

ער האָט געהאָפט אַדורכצומאַכן דעם גרעסטן טייל פונם קורס קיין יאַפּאַן, איידער ס׳וועט אָנקומען יענער געלאַסענער

ווינט, ער וועט אַריינדרינגען אין דרום, אין די טראָפּישע געגנטן, און צו צפון, ווען ער וועט זיך דערנענטערן צו די ברעגן פון אַזיע.

נאָך פרישטיק האָט זיך מיט מיר געטראָפן אַן אַנדער צו־פאַל, פאַר וועלכן מ׳דאַרף מיך נישט מקנא זיין.

ווען כ׳האָב פאַרענדיקט וואַשן דאָס געפעס, האָב איך אויסגערייניקט דעם אויוון און אַוועקגעטראָגן אויפן דעק דאָס אַש כדי עס אויסצושיטן אין ים אַריין.

וואָלף לאַרסען און הענדערסאָן, ביידע שטאַרק פאַרטון אין אַ שמועס, זענען געשטאַנען לעבן ראָד. דזשאָנסאָן, דער מאַט־ראָז, האָט געדרייט ס׳ראָד. בעת כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער זייט פון ווינט, האָב איך דערזען ווי ער מאַכט אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ. בטעות האָב איך דאָס אָנגענומען אַלס אַנערקענונג און באַגריסונג. אין אמתן אָבער האָט ער געפּרוווט מיך וואָרענען, נישט צוּוואַרפן דאָס אַש אין דער ריכטונג פון ווינט. נישט פילנדיק מיין טעות, בין איך פאַרבייגעגאַנגען פאַר וואָלף לאַר־סענען און דעם יעגער, וואַרפנדיק דאָס אש ביים עק פון דעק אין דער ריכטונג פון ווינט. דער ווינט האָט צוריקגעיאָגט דאָס אַש, נישט נאָר אויף מיר, נאָר אויך אויף הענדערסאָנען און וואָלף לאַרסענען.

אין זעלבן מאָמענט האָט מיר דער לעצטער גענומען קאָ־פּען אַזוי גוואַלטיק, ווי מ׳קאָפּעט עפּעס אַ הונט. כ׳האָב ביז דאַן גאָרנישט געוווּסט, אַז קאָפּען קען אַזוי וויי טון.

כ׳האָב מיך אַוועקגעקייקלט פון אים און אַ האַלב־פאַרחלשטער אָנגעלענט זיך אָן דער קאַיוטע. ס׳האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן און ס׳איז מיר נישט גוט געוואָרן.

עס האָט מיך אָנגעהויבן צו איבלען און כ׳בין קוים צו־געקראָכן צום עק פון דער שיף. אָבער וואָלף לאַרסען איז מיר נישט נאָכגעגאַנגען. אָפּווישנדיק דאָס אַש פון זיינע מלבושים, האָט ער צוריק פאַרגעזעצט זיין שמועס מיט הענדערסאָנען. דזשאָהאַנסען, וועלכער האָט אַלץ צוגעזען, שטייענדיק ביים ראַנד

פֿון אונטערשטן דעק, האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָר מאַטראָזן, זיי זאָלן אָפּרייניקן דעם דעק.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך געהאַט אַן איבערראַשונג פֿון אַ גאָר אַנדערן מין.

אויספֿירנדיק דעם קוֹכערס אינסטרוקציעס, בין איך אַרייַנגעגאַנגען אין וואָלף לאַרסענס צימערל, כּדי צו מאַכן דאָרטן אָרדנונג און אויפֿרוימען דאָס בעט. אויף דער וואַנט, לעבן דעם געלעגער, איז געווען אַ פּאָליצע פֿול מיט ביכער. איך האָב געגעבן אַ קוק אויף זיי און מיט דערשטוינונג דערזען די נעמען פֿון שעקספּיר, טעניסאָן, פּאָע און דע קווינסי. ס׳זענען דאָרטן געווען אויך וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, צווישן זיי די ביכער פֿון טינדאַל, פּראָקטאָר און דאַרווין. ס׳זענען דאָרטן געווען פֿאַרשטייער פֿון אַסטראָנאָמיע און פֿיזיק, און איך האָב באַמערקט בולפֿינטש׳ס „דער צייטאַלטער פֿון די פֿאַבעלן“, שאָוס „געשיכטע פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער ליטעראַטור“ און דזשאָנסאָנס „נאַטור־וויסנשאַפֿט“ אין צוויי גרויסע בענדער. דאַן — עטלעכע גראַמאַטיקעס און כ׳האָב געשמייכלט, דערזעענדיק אַ בוך „דאָס ענגלישע לשון פֿון אַ גלח“.

דידאָזיקע ביכער האָבן זיך גאָרנישט געפּאָרט מיט דעם דאָזיקן מענטש און כ׳האָב זיך אין האַרצן געפֿרעגט, צי ער קען זיי לייענען. אָבער ווען כ׳האָב געבראַכט אין אָרדנונג דאָס בעט, האָב איך געפֿונען צווישן די קאָלדרעס, משמעות אַראָפּגעפֿאַלן בעת ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, אַ פֿולע קעמברידזשער אויסגאַבע פֿון בראַונינגס ווערק. דאָס בוך איז געווען אָפֿן בײַם ליד „אויפֿן באַלקאָן“ און כ׳האָב באַמערקט, אַז געוויסע שטעלן זענען אונטערגעשטראָכן מיט אַ בלײַפֿעדער. נאָכדעם ווי דאָס בוך איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַן האַנט, בעת די שיף האָט זיך געגעבן אַ שטאַרקן טרייסל, איז אַרויסגעפֿאַלן אַ בייגעלע פּאַפּיר.

עס איז געווען פֿאַרשריבן מיט געאָמעטרישע דיאַגראַמען און פֿאַרשידענע חשבונות.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז דערדאָזיקער שרעקלעכער מענטש

איז נישט קיין געווײנלעכער עם-הארץ, ווי מ׳האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן פון זיין ברוטאַליטעט. מיט איינמאָל איז ער געוואָרן אַ רעטעניש. איין טייל אָדער דער צווייטער טייל פון זיין כאַראַקטער איז געווען פולשטענדיק פאַרשטענדלעך, אָבער צוזאַמען זענען זיי געווען אומבאַגרייפלעך.

כ׳האָב שוין פריער באַמערקט, אַז ער האָט גערעדט מיט אַן אויסגעצייכנטער שפּראַך, וואָס איז אָבער געווען געמישט מיט צופעליקע קליינע אומפּינקטלעכקייטן. נאַטירלעך, רעדנדיק מיט די מאַטראָזן און יעגער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שפּראַך-פעלערן, אַ דאַנק דעם מאַטראָזן-זשאַרגאָן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט; אָבער אין דעם ווערטער-אויסטויש, וואָס ער האָט געהאַט מיט מיר, האָט ער גערעדט מיט אַקלאָרער און דייטלעכער שפּראַך.

דערדאָזיקער איינבליק אין זיין צווייטער העלפט האָט מיר צוגעגעבן מוט, און איך האָב זיך איינגעשטעלט צו דערציילן אים וועגן מיין פאַרלוירענעם געלט.

„מ׳האָט מיך באַגזלט", האָב איך צו אים געזאָגט אַ ביסל שפּעטער, ווען כ׳האָב אים געטראָפן אַ שפּאַצירנדיקן איינער אַליין הין און צוריק.

„סיר", האָט ער פאַרבעסערט, שוין נישט אַזוי גראָב, אָבער דאָך שטרענג.

„מ׳האָט מיך באַגזלט, סיר", האָב איך פאַרבעסערט.

„ווי אַזוי איז דאָס געשען?" האָט ער געפרעגט.

דאַן האָב איך אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מ׳האָט איבערגעלאָזט מיינע קליידער אויסצוטרוקענען אין דער קיך, און ווי דער קוכער דהאָט מיך שפּעטער צעשלאָגן, בעת איך האָב אים דערמאָנט וועגן געלט.

בשעת כ׳האָב אים דערציילט, האָט ער געשמייכלט.

„געלקחנט" איז ער געקומען צום באַשלוס. די גנבהלען פון קוכער. און צו מיינט איר נישט, אַז אייער נעבעכדיק לעב איז נישט ווערט דעמדאָזיקן פּרייז? אגב, איז דאָס פאַר אייך אַ גוטע לעקציע. מיט דער צייט וועט איר זיך אויסלערנען צו

שאַנעווען אַ גראַשן. כ'בין זיך משער, אַז ביז היינט האָט דאָס פאַר אייך געטון אייער אַדוואָקאַט אָדער האַנדלס-אַגענט".

אין זיינע ווערטער האָב איך געהערט אַ רויקן חוזק, איך האָב אָבער געפרעגט „ווי אַזוי קען איך עס באַקומען צוריק?"

„דאָס איז שוין אייער זאַך. איר האָט דאָ נישט קיין אַד־וואָקאַט אָדער האַנדלס אַגענט און דעריבער מוזט איר זיך פאַר־לאָזן אויף אייערע אייגענע כוחות. ווען איר האָט אַ דאָלאַר, האַלט זיך פעסט אָן אים. דער, וואָס לאָזט איבער זיין געלט אויף גאָטס באַראָט, ווי איר האָט דאָס געטון, פאַרדינט דערויף, אַז ער זאָל עס פאַרלירן. חוץ דעם האָט איר געזינדיקט. איר האָט נישט קיין רעכט צו ברענגען צו אַ נסיון אייערע מיט־מענטשן. איר האָט געבררענגט קוקי צו אַ נסיון, און ער איז גע־פאַלן. איר האָט געשטעלט אין סכנה זיין אומשטערבלעכע נשמה. אגב, צי גלייבט איר אין השארת הנפש?"

בעת דער דאָזיקער פראַגע זיינע, ד'האָט ער נאָכלעסיק אויפגעהויבן זיינע אויגן-ברעמען, און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך קוק אַריין אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, דאָס איז אָבער געווען אַן אילוזיע. ווי ס'האָט זיך נישט געקאָנט אויס־ווייזן, אָבער קיין מענטש האָט קיינמאָל נישט צו שטאַרק אַריינ־געדרונגען אין וואָלף לאַרסענס נשמה, אָדער בכלל גאָרנישט אַריינגעדרונגען אין איר — אין דעם בין איך איבערצייגט. כ'האָב דערזען, אַז דאָס איז אַן איינזאַמע נשמה, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט דעמאַסקירט, כאָטש צייטנווייז האָט עס אויסגע־זען ווי זי טוט עס יאָ.

„כ'זע אין אייערע אויגן אומשטערבלעכקייט", האָב איך געענטפערט, פאַרפעלנדיק דאָס וואָרט „סיר" — אַן עקספּערי־מענט, ווייל איך האָב מיר געטראַכט, אַז די אינטימקייט פונם געשפּרעך דערלויבט מיר דאָס צו טון.

ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם.

„דאָס הייסט, אַז איר זעט עפּעס, וואָס איז לעבעדיק, וואָס דאַרף אָבער נישט לעבן אייביק".

„דאַן האָט איר אַרויסגעלייענט באַוווסטזיין, איר האָט אַרויסגעלייענט דעם באַוווסטזיין פון לעבן, וואָס לעבט. אָבער מער נישט, קיין שום אומענדלעכקייט פון לעבן".

ווי קלאָר ער האָט געטראַכט און ווי אויסגעצייכנט ער האָט אויסגעדרוקט זיינע געדאַנקען!

נאָכן באַטראַכטן מיך נייגיריק, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַריבערגעקוקט צום בלייערנעם ים אין דער זייט פון ווינט. די אויגן זענען קאַלט, און די ליניעס פון זיין מויל זענען געוואָרן גרעבער און שאַרפער. ער איז, ווייזט אויס, געווען אין אַ פּעסימיסטישער שטימונג.

„אויב אַזוי, וואָס איז דער גאַנצער ציל פון לעבן? האָט ער אומגעריכט אַ פרעג געטון, צוריק אויסדרייענדיק זיך צו מיר, „אויב איך בין אומשטערבלעך — נאָך וואָס?

כ'האָב זיך געקווענקלט. ווי אַזוי האָב איך געקענט אויסטייטשן מיין אידעאַליזם פאַר אַזאַ מענטש? ווי אַזוי האָב איך געקענט אויסדרוקן עפּעס אַזוינס, וואָס מען פילט, עפּעס ווי די מוזיק-קלאַנגען, וואָס מען הערט אין שלאָף, עפּעס וואָס איבערציַיגט, אָבער וואָס מען קען נישט אויסדריקן?

„אין וואָס-זשע דען גלויבט איר"? האָב איך אַקעגנגעפרעגט.

„כ'גלויב, אַז דאָס לעבן איז אַקעגנזייטיק פרעסעריי, האָט ער שנעל געענטפערט. „דאָס איז ענלעך צו אַ יערן, צו אַ פערמענט, צו אַ זאַך, וואָס באַוועגט זיך און וואָס קען זיך באַוועגן אַ מינוט, אַ שעה, אַ יאָר, אָדער הונדערט יאָר, אָבער וואָס וועט סוף-כל-סוף אויפהערן צו באַוועגן זיך. די גרויסע עסן אויף די קליינע, כדי צו קענען ווייטער באַוועגן זיך. די שטאַרקע עסן-אויף די שוואַכע, כדי צו בלייבן ביי זייערע כוחות. די גליקלעכע עסן אַממייסטן און זיי באַוועגן זיך צום לענגסטן. אָט דאָס איז עס אינגאַנצן. וואָס זאָגט איר צו דעם?"

מיט דער האַנט האָט ער געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג אין דער זייט פון אייניקע מאַטראָזן, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט אויפן צווישנדעק ביי די שטריק.

„זיי באַוועגן זיך. אַזוי באַוועגן זיך אויך די מעזוזעס. זיי באַוועגן זיך כּדי צו עסן, כּדי צו באַוועגן זיך ווייטער. אָט אַזוי איז עס. זיי לעבן צוליבן בויך, און דער בויך עקסיסטירט צוליב זיי. דאָס איז אַ פאַרכישופט ראָד. נישטאָ קיין אויסגאַנג. ענדלעך קומען זיי צו אַ שטילשטאַנד. זיי באַוועגן זיך שוין מער נישט. זיי זענען טויט.

„זיי האָבן חלומות", האָב איך איבערגעריסן, „שטראַלנדיקע, פלאַמענדיקע חלומות— — —"

„וועגן דער אכילה," האָט ער פאַרענדיקט לאַקאָניש.

„און וועגן מער — — —"

„עסן. וועגן אַ גרעסערן אַפּעטיט און מער מזל ביים צופרי־דענשטעלן אים".

זיין קול איז געוואָרן גראָב, אָן אַ סימן פון ווייכקייט. „ווייל, הערט זיך איין, זיי חלומען וועגן גליקלעכע רייזעס, וואָס וועלן זיי אַריינברענגען מער געלט, וועגן ווערן באַצמענער, וועגן געפינען אוצרות, מיט איין וואָרט: צו געפינען זיך אין אַ בעסערער לאַגע ביים פרעסן, ווי זייערע חברים; וועגן גוטע געכטס, וועגן גוט עסן, וועגן דעם, אַז עמעץ אַנדערש זאָל פאַר זיי טון די נידעריקע אַרבעט. איך און איר זעמיר פונקט ווי זיי. ס'איז נישטאָ קיין שום חילוק, נאָר דער איינער, וואָס מיר האָבן געגעסן מער און בעסער. איך עס זיי איצט. און אייך אויך, אָבער אין די פאַרגאַנגענע יאָרן האָט איר געגעסן מער, ווי איך.

איר זענט געשלאָפן אין ווייכע בעטן, געטראָגן שיינע מלבושים און געגעסן גוטע מאַלצייטן. ווער האָט געמאַכט די בעטן? איר — נישט. איר האָט קיינמאָל גאָרנישט אויסגעאַרבעט מיט אייער אייגענעם שווייס. איר לעבט פון די הכנסות, וועלכע אייער פאָטער האָט פאַרדינט איר זענט ענלעך צום פרעגאַט פויגל, וועלכער פאַלט אָן אויף די ערשטע פייגל און נעמט ביי זיי צו פיש, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט.

איר זענט איינער פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן גע־מאַכט, ווי זיי רופן דאָס, אַ רעגירונג, וועלכע זענען די באַלע־

באטים פון אלע אנדערע מענטשן, און וועלכע עסן־אויף די שפייז, וואס אנדערע האבן צוגעגרייט, — און וועלכע וואלטן אויפגעגעסן איינער דעם צווייטן. איר טראגט די ווארעמע מלבושים, זיי האבן אויפגענייט די קליידער, און זיי ציטערן און שוידערן אין די טראנטעס, און בעטן אייך, דעם אדוואקאט, אדער האנדלס־אגענט, וועלכע דיספאנירן מיט אייער געלט, איר זאלט זיי געבן עפעס באשעפטיקונג״

„אבער דאס געהערט נישט צום ענין,״ האב איך געשריגן.

„ס׳הייבט זיך גארנישט אן.״ ער האט איצט גערעדט שנעל און די אויגן האבן געבלישטשעט. „דאס איז חזירישקייט און דאס איז דאס לעבן. וואס פאר א נוצן, וואס פאר א זין איז פאראן אין אן אומשטערבלעכקייט פון חזירישקייט? וואס איז דער תכלית? צי וואס טויג דער גאנצער עסק? איר האט נישט גע־שאפן קיין שפייז. אבער די שפייז, וואס איר האט געגעסן אדער פארטאכליעוועט, האט אפשר געקענט אפראטעווען דאס לעבן פון צענטליקער ארימע, וועלכע האבן צוגעגרייט די שפייז, אבער זי נישט געגעסן. צו וועלכן אומשטערבלעכן ציל דינט איר? אדער זיי? באטראכט אקארשט אייך און מיך. וואס פאר א ווערט האט אייער בארימערישע אומשטערבלעכקייט, ווען מיין לעבן שטייט אויפן וועג פון אייער לעבן! איר וואלט געוואלט צוריק זיין אויף דער יבשה, וועלכע איז א גינסטיק ארט פאר אייער חזירישקייט. עס איז פון מיין זייט א קאפריז אייך צו האלטן אויף דערדאזיקער שיף, ווו עס געדייעט מיין חזירישקייט. און האלטן וועל איך אייך ווייטער. איך קען אייך לאזן גאנץ אדער צעברעכן. איר קענט שטארבן היינט, אין א וואך ארום, אין א חודש ארום, איך קען אייך איצט טייטן, מיט א זעץ פון מיין פויסט, ווייל איר זענט א נעבעכדיקע שוואכע בריאה. אבער אויב מיר זענען אומשטערבלעך, טא וואס איז דער שכל דערפון? צו זיין אזוי חזיריש ווי איך און איר זענען מיר גע־ווען אין אונזער לעבן, איז נישט, דאכט זיך, דאס, וואס אומ־שטערבלעכע דארפן טוען. ווידער אמאל, צו וואס טויג דאס אלץ? פארוואס האב איך אייך דא פארהאלטן?״ — —

„ווייל איר זענט שטאַרקער,” האָט זיך בײַ מיר אַרויסגע־ריסן.

„אָבער פאַרוואָס שטאַרקער? האָט ער ווידער פאַרגעזעצט זײַנע אומאויפהערלעכע קשיות. „ווייל איך בין אַ גרעסער שטיק פערמענט, ווי איר? צי זעט איר דאָס נישט? צי פאַרשטייט איר עס נישט?”

„אָבער די האָפנונגסלאָזיקייט”, האָב איך פּראָטעסטירט.

„פבין מסכים מיט אײַך.” האָט ער געענטפערט. „דאָן, פאַר־וואָס באַוועגן זיך פאָרט, קוים איז באַוועגונג־לעבן? אָן באַווע־גונג און נישט זײַענדיק קיין טייל פונם יערן, וואָלט נישט גע־ווען קיין האָפנונגסלאָזיקייט. אָבער — און דאָס איז עס — מיר ווילן לעבן און באַוועגן זיך, הגם מיר האָבן נישט קיין שום סיבות דערצו, ווייל עס איז שוין אַזוי, וואָס די נאַטור פון לעבן איז צו לעבן און באַוועגן זיך, צו וועלן לעבן און באַ־וועגן זיך. ווען נישט דידאָזיקע באַוועגונג, וואָלט דאָס לעבן גע־ווען טויט. דאָס איז טאַקי צוליבן לעבן, וואָס איר טרוימט וועגן אײַער אומשטערבלעכקייט. דאָס לעבן, וואָס איז אין אײַך, לעבט און וויל לעבן שטענדיק. באַ! אַן אייביקייט פון הזירישקייט!

ער האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ דריי צוועק און אָפּגע־גאַנגען עטלעכע טריט. ער איז אַרויף אויפן צווישנדעק און מיך צוגערופן.

„אַגב, וויפיל האָט קוקי צוגענומען בײַ אײַך? האָט ער געפרעגט.

„185 דאָלאַר, סיר”, האָב איך געענטפערט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער, ווען איך בין אַראָפּ אויף די שטיגן אין דער קאַיוטע אַרײַן, כדי צו גרייטן צו מיטאָג, האָב איך געהערט ווי ער האָט גערידלט אייניקע מאַטראָזן אויפן צווישנדעק.

# קאַפּיטל זעקס.

צומאָרגנס האָט דער שטורם זיך איינגעשטילט און דאָס געשפּענסט האָט זיך לייכט געוויגט אויפן רויקן ים. ס'האָבן זיך אָבער געשפּירט לייכטע ווינט-בלאָזן, און וואָלף לאַרסען האָט דעריבער געהאַלטן וואַך אויפן צווישנדעק, זייגע אויגן האָבן געזוכט דעם ים פון דער צפון-מזרח-ריכטונג, פונוואַנען ס'האָט געדאַרפט בלאָזן דער גרויסער ריכטונגס-ווינט.

די מאַטראָזן זענען געווען אויפן דעק און צוגעגרייט די פאַרשידענע שיפלעך פאַרן געיעג.

אויפן דעק געפינען זיך זיבן שיפלעך: דעם קאַפּיטאַנס שיפעלע, און די זעקס, וואָס די יעגער וועלן באַנוצן. די מאַנשאַפט פון אַ שיפל באַשטייט פון דריי פּערזאָן: אַ יעגער, אַ וויעסלער און אַ רודערער. אויפן דעק פון סקונער באַשטייט די מאַנשאַפט פונם וויעסלער און רודערער. אויך די יעגער מוזן האַלטן וואַך. זיי זענען, אַלזאָ, אונטערגעוואָרפן די באַפעלן פון וואָלף לאַרסען.

דאָס אַלץ און נאָך אַ סך זאַכן בין איך געוויער געוואָרן שפּעטער.

דאָס געשפּענסט האַלט מען אַלס דעם שנעלסטן סקונער פונם פלאָט פון סאַן-פראַנציסקאָ און וויקטאָריאַ.

פאַקטיש איז זי אַמאָל געווען אַ פּריוואַטע יאַכטע און מען האָט זי ספּעציעל געבויט אַלס אַ שנעל-שיף. אירע שטריק און אויסשטאַטונג — הגם כ'האָב נישט קיין אַנונג אין אַזעלכע זאַכן — רעדן פאַר זיך. וועגן דעם אַלעם האָט מיר דערציילט דזשאָנסאָן, בעת אַ קורצן שמועס, נעכטן בשעת ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך. ער האָט גערעדט וועגן איר מיט אַנטוזיאַזם

פון ליבע צו דער גוט-געבויטער שיף, ווי טייל מענטשן רעדן וועגן פערד. זיינע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט זענען גישט קיין געהויבענע, און ער האָט מיר מרמז געווען, אז וואָלף לאַרסען האָט אַ זייער שלעכטן שם ביי די קאַפּיטאַנען פון די פאָקע-שיפן. צוליב דעם געשפּענסט, וואָס האָט אים אַזוי געלאָקט, האָט ער זיך אונטערגעשריבן אַדורכצומאַכן די רייזע, ער האָט אָבער שוין באַקומען חרטה.

ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז דאָס געשפּענסט איז אַן אַכציקטאָניקער סקונער פון זייער אַ גוט-געבויטער קאָנסטרוקציע. די ברייט זיינע האַלט 23 פוס, און די לענג עפּעס מער ווי 90 פוס. אַ בלייערנע קיל *) פון אַן אומבאַקאַנטער לעגענדאַרישער וואָג גיט אים צו אַ שטאַרקע סטאַביליקייט, הגם ער פאַרמאָגט אַן אומגעהייערע צאָל קאַנאַטן.

פונם דעק ביז צום שפּיץ פון העכסטן מאַסטבוים איז איבער הונדערט פוס, בעת דער פאָדערשטער מאַסטבוים מיט זיין העכסטן מאַסטבוים איז מיט 8 אָדער 10 פוס קלענער.

כ׳גיב דאָ אַלע דעטיילן, כדי צו געבן אַ באַגריף פון דעם פאַרנעם פון דערדאָזיקער קליינער שווימענדיקער וועלט, מיט אירע 22 מענטשן. דאָס איז געווען אַ זייער קליין וועלטל, אַ שטויבל, אַ פלעק, און ס׳וואונדערט מיך, וואָס מענטשן וואַגן צו לאָזן זיך אין ים אַריין אויף אַזאַ קליינטשיק און שוואַך באַשעפעניש.

וואָלף לאַרסען האָט אויך געשמט אַלס ריזיקאַנט בשעתן ברענגען אין אָרדנונג די זעגלען.

כ׳האָב אַמאָל געהערט ווי הענדערסאָן און אַן אַנדערער יעגער, סטענדיש, אַ קאַליפאָרניער, האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן דעם. מיט צוויי יאָר צוריק האָט וואָלף לאַרסען גורם געווען צום פאַרלוסט פון צוויי זעגלען בעת אַ שטורעם-ווינט אויפן בערינג-ים. דעמאָלט האָט מען אַרויפגעזעצט די איצטיקע זעגלען, וועלכע זענען אין יעדן פרט שטאַרקער און שווערער. מ׳זאָגט, אַז בעת ער האָט זיי אַרויפגעזעצט, האָט ער געזאָלט דערקלערן, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט די שיף זאָל זיך

---

*) דער אונטערשטער שיפטייל

איבערדרייען איידער פאַרלירן די מאַסט-ביימער.

יעדער איינער אויפן דעק — חוץ דזשאָהאַנסען, וועלכער איז געווען פול מיט התפעלות צוליב זיין צוואַנציירן — האָט געהאַט אַ פאַרענטפער פאַרן פאַרדינגען זיך אויף דעם געשפענסט.

אַ העלפט פון דער מאַנשאַפט — דאָס זענען מאַטראָזן, וואָס פאָרן ווייטע שטרעקעס, און זייער פאַרענטפער איז, אַז זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן דער שיף און וועגן איר קאַפּיטאַן. און די יעניקע, וואָס האָבן יאָ געוווּסט, האָבן בסוד איינגערוימט, אַז די יעגער — אויסגעצייכנטע שיסער — זענען אַזוי שטאַרק באַקאַנט אַלס קריגערישע חברה־לייט און לאַבוזעס, אַז מ׳האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען אויף קיין שום אָנשטענדיקן סקונער.

כ׳האָב זיך באַקענט מיט נאָך איינעם פון דער מאַנשאַפט, — לואיס הייסט ער — אַ נאָווא-סקאָטיאַ אירלענדער מיט אַ קיילעכדיק און פריילעך פנים, זייער אַ געזעלשאַפטלעכער בחור, וואָס האָט געקענט אַזוי לאַנג שמועסן, כּל זמן ער האָט געהאַט אַ צוהערער. נאָכמיטאָג, בעת דער קוכער איז זיך געשלאָפן און איך האָב געשיילט די אייביקע קאַרטאָפל, איז לואיס אַריינגעפאַלן אין דער קיך אַריין צו דערציילן „אַ מעשה״.

זיין תּירוץ פאַר זיין געפינען זיך אויף דעם געשפענסט איז געווען, וואָס בעתן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך איז ער געווען שיכּור.

ווידעראַמאָל און אָבער אַמאָל האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז אין אַ ניכטערן צושטאַנד וואָלט אים גאָרנישט איינגעפאַלן צו טון אַזאַ זאַך. ס׳דאַכט זיך, אַז שוין אַ יאָר צוועלף איז ער רעגולער געפאָרן אויף פאָקע-געיעג יעדן סעזאָן, און אויף די איבערדערמאָנטע צוויי פלאָטן איז ער פאַררעכנט אַלס איינער פון די צוויי-דריי בעסטע רודערער.

„אַך, מיין פריינט״, האָט ער, ווי אָנזאָגנדיק אַ שלעכטע בשורה, געשאָקלט מיטן קאָפּ, „דאָס איז איינער פון די ערגסטע סקונערס, וואָס איר האָט געקענט אויסקלייבן, און איר

זענט דאָך נישט געווען שיכּור ווי איך. דער געיעג אויף פּאָקעס איז אויף אַנדערע סקונערס, נישט ווי אויף אונזערען, אַ גן-עדן פאַר די מאַטראָזן. דער באָצמאַן איז געווען דער ערשטער, אָבער געדענקט מיינע ווערטער, איידער די נסיעה וועט זיך ענדיקן, וועלן נאָך זיין אַ פּאָר טויטע. הערט, אַלזאָ, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, שווייגט ווי אַ טויטער. דערדאָזיקע וואָלף לאַרסען איז אַן אמתער טייוול, און דאָס געשפּענסט איז אַ טייוולאָנישע שיף, זינט דערדאָזיקער טייוול פירט אָן מיט איר. איך זאָל נישט וויסן? איך זאָל נישט וויסן? צי געדענק איך נישט ווי מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער געמאַכט אַ סקאַנדאַל אין האַקאָדייט און דערשאָסן פיר פון זיינע מענטשן? צי בין איך דאַן נישט געווען אויפן דעק פון עממאַ ל. דרייהונדערט יאַרד פון האַקאָדייט? און אין זעלבן יאָר האָט ער דערהרגעט נאָך אַ מענטש מיט דער פויסט. יאָ, סיר, ער האָט אים דערהרגעט אויף טויט. דער קאָפּ איז אים צעשמעטערט געוואָרן ווי אַ שאָל פון אַן איי. און צי זענען דאָרט נישט געווען דער גובערנאַטאָר פון קוריאַ-אינזל, און דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר, יאַפּאַנישע דזשענטלמענען, און צי זענען זיי נישט אַרויפגעקומען אויפן דעק פון געשפּענסט אַלס זיינע געסט, מיטגעבראַכט זייערע ווייבער — קליינטשיקע פּיצינקע באַשעפעניש ווי איר זעט זיי אויסגעמאָלט אויף די פעכער. און ווי ער האָט זיי אַריינגעבאָרט, איבערלאָזנדיק כּלומרשט צופעליק זייערע מענער אין זייערע סאַמפּאַן-שיפלעך? און צי האָט ער נישט אין אַ וואָך אַרום אַרויסגעזעצט די אָרעמע קליינע ליידיס אויף דער יבשה פון דער אַנדערער זייט אינזל, און זיי בײַ גאָרנישט געלאָזן, נאָר געהייסן צוהיים גיין איבער די בערג אין זייערע דראָבנע-פּיצינקע שטרויענע סאַנדאַלן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט האַלטן אַפילו אַ מייל ווייט. איך זאָל דאָס נישט וויסן? אָט אזאַ בעסטיע איז דאָס, דערדאָזיקער וואָלף לאַרסען — די גרויסע ריזיקע בעסטיע, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער אַפּאָקאַליפּסיס; און ער וועט נישט האָבן קיין גוטן סוף. אָבער שאַ, איך האָב אייך גאָרנישט דערציילט, פון מיין מויל איז

אַרויסגעקומען קיין איין וואָרט; ווייל דער אַלטער פעטער לו-איס וויל אויסלעבן די רייזע, בעת די רעשט וועלן די פיש אויספרעסן."

„וואָלף לאַרסען!", איז ער אויסגעבראָכן אין אַ מינוט שפּעטער. האָרכט וואָס איך זאָג אייך, איר הערט? אַ וואָלף — אָט דאָס איז ער, ער האָט נישט אַזאַ שלעכט האַרץ ווי אַנדערע מענטשן, ער האָט לחלוטין נישט קיין האַרץ. אַ וואָלף, אָט דאָס איז ער. צי חידושט איר זיך נאָך, וואָס מען רופט אים אַזוי טרעפלעך?"

„אָבער אויב ער איז אַזוי גוט באַקאַנט אַלס אַזעלכער", האָב איך געפרעגט, „ווי אַזוי קען ער באַקומען מענטשן פאַר זיין שיף?".

„צי קען מען נישט קריגן מענטשן צו וואָס איר ווילט נאָר, סיי אויף דער יבשה, סיי אויפן ים? האָט לואיס געפרעגט מיט דער היץ פון אַן אירלענדער. „צי וואָלטן זיי מיך אַרויפגעגאַרט אויפן דעק, ווען נישט דאָס, וואָס איך בין געווען שיכור ווי אַ חזיר, בעת צ'איך האָב מיך אונ-טערגעשריבן? צווישן אונזער מאַנשאַפט זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען נישט פאָרן מיט בעסערע מענטשן, ווי די יעגער, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייסן פון גאָרנישט, ווי די אָרעמע חברה-לייט פון אויבערשטן דעק. זיי וועלן אָבער זיך דערוויסן וווּ זיי געפינען זיך, זיי וועלן געוווּיר ווערן און באַוויינען דעם טאָג פון זייער געבוירן. כ'וואָלט געקלאָגט אויף די אָרעמע חברה-לייט, ווען כ'וואָלט נישט געדענקט אָן דעם אַלטן, פעטן לואיס און זיינע עגמת נפשן. אָבער, שאַ, כ'האָב איך גאָרנישט געזאָגט, קיין וואָרט נישט, געדענקט, כ'האָב איך גאָרנישט דער-ציילט".

„אָט די יעגער זענען די ערגסטע מענטשן", האָט ער ווידער אָנגעהויבן, ווייל ער האָט געליטן פון אַן איבערפלוס פון רייד. „אָבער זיי וועלן שוין כאַפּן זייער פּאַרציע בעתן גע-יעג. וואָלף לאַרסען וועט זיי שוין אָנלערנען; ער וועט אויף

ווי אָניאָגן די מורא פאַר גאָט און זייערע שוואַרצע פאַרפּוילטע הערצער װעלן אויפציטערן. גיט אַ קוק אויף יענעם יעגער פון מיין שיפל, האָרנער, „דזשאָק" האָרנער רופט מען אים; אויפן קוק אַזאַ רויקער, אַ שטילער ווי אַ מיידל, ממש—האָניק רינט פון זיין מויל אַרויס. און צי האָט ער נישט פאַראַיאָרן דערהרגעט זיין רודערער? מ'האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ טרויעריקער פאַרפאַל, אָבער כ'האָב מיך געזען מיטן וויעסלער אין יאָקאָהאמאַ און יענער האָט ער מיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. און דאָ האָט איר דעם יעגער „רויך", דער שוואַרצער קליינער טייוול, — צי האָבן נישט די רוסן אים געהאַלטן דריי יאָר צייט אין די סיבירער זאַלץ-גרובן, ווייל ער איז אָן אַ דערלויבעניש געגאַנגען אויף און דעם קופּער-אינזל, וועלכער איז אַ רוסישע זאַמל-שטעל. ער און זיין חבר זענען געגאַנגען אין קייטן אויף די הענט און פיס, און צי האָבן זיי זיך נישט איבערגעווערטלט און זיך צעקריגט? — ווייל „רויך" האָט אַראָפּגעלאָזט אין אַ קיבל זיין חבר אין דעם גרוב אַריין, און יעדעס מאָל אָפּגעריסן אַ פוס, אַ האַנט, און ווייטער דעם קאָפּ און אַזוי ווייטער".

„אָבער איר מיינט דאָס נישט ערנסט" האָב איך אויסגעשריגן, אַרומגענומען פון שרעק.

„וואָס מיינען?" האָט ער געפרעגט, שנעל ווי אַ בליץ. „כ'האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט, כ'בין טויב, כ'בין שטום, ווי איר דאַרפט זיין, אויס רחמנות צו דער מוטער, וואָס האָט אייך געבוירן; און כ'האָב קיינמאָל נישט גערעדט קיין שלעכטס נישט אויף זיי, נישט אויף וואָלפן, זאָל אים גאָט פאַרשעלטן און זאָל ער פוילן אין גיהינום צען טויזנט יאָר, און דאַן אַריינגעשליידערט ווערן אינם לעצטן און טיפסטן גיהנום".

דזשאָנסאָן, דער וואָס האָט מיר געריבן די ברוסט ביז בלוט, ווען כ'בין צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען אויפן דעק פון דעם „געשפענסט", איז, דאַכט זיך, דער אַמווייניקסטן צווייטיקער פון דער מאַנשאַפט.

ײַן אמתן, אין אים איז נישט פאַראַן קיין שום צביעות.

אויפן ערשטן בליק האָט מען געזען זיין תמימות און מעגלעכקייט, וועלכע זענען אָבער געמעסיקט געוואָרן פון באַשיידנקייט, וואָס מ'האָט בטעות געקענט אָננעמען אַלס פּחדנות. ער צייכנט זיך אויס מיט דער דרייסטקייט פון זיינע איבערציינגונגען און מיט דער זיכערקייט אין זיין מעגלעכקייט. אַט די מעלות האָבן אים געצווונגען צו פּראָטעסטירן, אין אָנהייב פון אונזער באַקאַנטשאַפט, קעגן דעם וואָס מען רופט אים יאַנסאָן.

און אויך אויף אים, צוליב דידאָזיקע אייגנשאַפטן, האָט לואיס פּריסגעגעבן זיין אורטייל און נביאות געזאָגט וועגן זיין סוף.

„דאָס איז אַ וווילער בחור, דערדאָזיקער דזשאָנסאָן, מיטן קיילעכדיקן קאָפּ. ער איז מיט אונז אויף דעם פאָדערשטן טייל פון דער שיף. ער איז דער בעסטער מאַטראָז אין פאָדערשטן שיפטייל, ער איז מיין וויעסלער. ער וועט פאַרקאָכן אַ קאַשע מיט וואָלף לאַרסענען, אַזש פונקען וועלן פליען. איך ווייס שוין. איך זע ווי עס קלייבט און דערנענטערט זיך ווי אַ שטורעם אין הימל. כ'האָב צו אים גערעדט ווי צו אַ ברודער, אָבער ער גלייך ווי ער הערט גאָרנישט, און זעט אין אַלץ שלעכטע סימנים. ווען ס'געפעלט אים עפּעס נישט, מרוטשעט ער, און שטענדיק געפינט זיך שוין עמיצער, וואָס טראָגט פּאַטשטן צו וואָלף לאַרסענען. דער וואָלף איז שטאַרק, און די טבע פון אַ וואָלף איז פיינט צו האָבן שטאַרקייט. און אַט די שטאַרקייט זעט ער אין דזשאָנסאָנען, אַט דער דזשאָנסאָן ענטפערט נישט מיט אַ „יאָ סיר, כ'דאַנק אייך זייער, סיר". פאַר אַ קללה אָדער קלאַפּ. אָ, דאָס אומגליק קומט שוין! עס קומט שוין! און גאָט ווייס ווו כ'וועל באַקומען אַ צווייטן וויעסלער. וואָס ענטפערט ער דער שוטה, ווען דער אַלטער רופט אים יאַנסאָן? צי נישט „איך הייס דזשאָנסאָן, סיר," און ער לייגט אויס דעם נאָמען, אות ביי אות. איר האָט געדאַרפט זען ווי דער אַלטער האָט אַ קוק געטון! כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך באַלד וואַרפן אויף אים. ער האָט דאָס טאַקי נישט געטון, ער וועט עס אָבער אַמאָל

טון, און מאַכן אַ תּל פֿון אים; דער אַלטער ווייס פֿון אַלע פּאַרטלען פֿון די מאַטראָזן אין ים״.

טאָמאָס מאַגרידזש ווערט וואָס אַ טאָג אומדערטרעגלעכער.

יעדעס מאָל, ווען כ׳דאַרף רעדן צו אים, מוז איך אים רופֿן „סיר״, אָדער „מיסטער״. דאָס איז דערפֿאַר, ווייל וואָלף לאַרסען באַצייט זיך צו אים לעצטנס זייער גינסטיק. דאָס איז אַן אומדערהערטע זאַך, אַז אַ קאַפּיטאַן זאָל זיין אַזוי היימיש מיטן קוכער; אָבער וואָלף לאַרסען מאַכט זיך גאָרנישט דערפֿון.

2 אָדער 3 מאָל האָט ער אַריינגעשמעקט אין דער קיך אַריין און אים גוטמוטיק אויסגעזידלט. און איין מאָל נאָכמיטאָג איז ער געשטאַנען ביים ראַנד פֿון צווישנדעק און געפּלוידערט מיט אים אפשר אַ פֿופֿצן מינוט.

נאָכן שמועס, איז ער שוין געווען אין דער קיך, אַ שטראַלנדיקער, און זיך גענומען צו זיין אַרבעט און געברומט עפּעס גאַסן־לידער אין אַ גריילצנדיקן און רייסנדיקן פֿאַלצעט.

„כ׳שפּאַציר שטענדיק אַרום מיט די אָפֿיצירן״, האָט ער צו מיר געזאָגט אין אַ פֿאַרטרוילעכן טאָן. „איך ווייס וואָס מ׳דאַרף טון, אַז מ׳זאָל מיך שעצן. אָט, למשל, מיין לעצטער קאַפּיטאַן — ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפֿאַלן אַריינצוגיין צו אים אין דער קאַיוטע, צו כאַפּן אַ שמועס און אויסטרונקען אַ גלעזל משקה. „מאַגרידזש״, זאָגט ער אַמאָל צו מיר, „מאַגרידזש״, זאָגט ער, „איר האָט פֿאַרפֿושט אייער באַרוף״. וואָס הייסט דאָס? זאָג איך. „איר האָט געדאַרפֿט געבוירן ווערן אַלס אַ דזשענטלמען, וואָלט איר נישט אַזוי שווער געהאָרעוועט״.

„זאָל איך דאָ פֿאַלן אַ טויטער, אויב דאָס זענען נישט זיינע ווערטער, און איך בין מיר דאָרט געזעסן אין זיין קאַיוטע, אַ היימלעכע און באַקוועמע, גערייכערט פּאַפּיראָסן און געטרונקען זיין רום.״

די דאָזיקע פּלוידעריי זיינע האָט מיך שיער נישט משוגע געמאַכט.

כ׳האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געהאַסט אַזאַ שטימע. זיינע בוימלדיקע קריכעדיקע טענער. זיין שמאַלציקער שמייכל

און זיין שרעקלעכע גאווה האָבן אַזוי צערייצט מיינע נערוון, אַז כ'פלעג טיילמאָל אויפציטערן אינגאַנצן.

באמת, דאָס איז געווען איינער פון די העסלעכסטע און עקלהאַפטסטע מענטשן, וואָס כ'האָב ווען עס-איז באַגעגנט. ס'איז אוממעגלעך צו שילדערן דעם שמוץ, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט בעת זיין קאָכן; און אַזוי ווי ער האָט געקאָכט אַלץ, וואָס עס איז געגעסן געוואָרן אויף דער שיף, בין איך געצוווּנגען געווען צו קלויבן מיט גרויס פאַרזיכט די שפּייז, וואָס איך האָב געגעסן, נעמענדיק זיך די שפּייז, וואָס איז געווען אַמווייניקסטן שמוציק.

כ'האָב זייער געליטן אויף די הענט, ווייל זיי זענען נישט געוווינט געווען צו אַרבעט. די נעגל זענען געווען פאַרבלאָז און שוואַרץ, און די הויט איז געווען באַדעקט מיט אַזאַ שמוץ, אַז מ'האָט אים נישט געקענט אַראָפּנעמען אַפילו מיט אַ רייב בערשטל. דאַן האָבן זיך באַוויזן בלאָטערן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרהיילן זיך, און אויפן אויבער-אָרעם איז מיר אָנגעשוואָלן אַ גרויסע בייל, וועלכע כ'האָב באַקומען, פאַרלירנ־דיק דאָס גלייכגעוויכט בשעתן וויגן זיך פון דער שיף און בין אַרויפגעפאַלן אויפן קיך-אויוון.

אויך מיט מיין קני האָט עס נישט געהאַלטן בעסער. דאָס געשווילעכטץ איז נישט אָפּגעגאַנגען, און דער ביין האָט נאָך אַלץ געהאָנגען אויפן עק. דאָס אַרומלויפן הין און צוריק פון פאַרטאָגס אָן ביז שפּעט אין דערנאַכט אריין האָט, פאַרשטייט זיך, נישט מיטגעווירקט צו אַ פאַרבעסערונג.

איך האָב געדאַרפט האָבן רו וויבאַלד כ'האָב געוואָלט געזונט ווערן.

רו! פריער האָב איך גאָרנישט געוווּסט וואָס דאָס דאָ־זיקע וואָרט באַטייט.

מיין גאַנץ לעבן האָב איך גערוט און איך האָב דאָס נישט געפילט. אָבער איצט ווען איך וואָלט נאָר געקענט זיצן אַ האַל־בע שעה און גאָרנישט טון, אפילו נישט טראַכטן, וואָלט דאָס געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן פאַר מיר. אָבער פון דער צווייטער זייט איז דאָ פאַר מיר אַן אמתע אַנטפּלעקונג.

איך וועל שוין קענען שעצן דאָס לעבן פון די אַרבעט־דיקע. כ׳האָב גאָרנישט געוווסט, אַז אַרבעט איז אַזאַ שרעקלעכע זאַך. פון האַלב־זעקס פאַרטאָגס ביז צען ביינאַכט בין איך אַלעמענס שקלאַף, כ׳האָב נישט קיין רגע פאַר זיך, מיטן אויסנאַם ווען כ׳קען זי אַוועקגנבענען ביים סוף פון דער צווייטער שמירה. לאָמיך נאָר אָפּשטעלן אַ מינוט אַ קוק צו טון אויפן פונקלענדיקן ים אין דער זון, אָדער פאַרקוקן זיך אויף אַ מאַטראָז, וואָס קלעטערט אַרויף אויף די האָק־זעגל *) , אָדער אַרויפלויפן אויף די בעלקעס, און באַלד הער איך די העסלעכע שטימע: הע׳, העמפּ, ווו שלעפּסטו זיך דאָרט אַרום! כ׳האָב נאָר אָפּגעלאָזט דאָס אויג פון אים און ער איז שוין נישטאָ״.

עס זענען פאַראַן שפּורן אין דעם רודער־שטיבל פון אַן אויפגערעגטער שטימונג און ס׳גייען אַרום קלאַנגען, אַז צווישן „רויך״און הענדערסאָן איז פאָרגעקומען אַ געשלעג.

הענדערסאָן איז, ווייזט אויס, דער בעסטער פון די יעגער. אַ געלאַסענער בחור, און ס׳איז נישט אַזוי לייכט אים אויפצורעגן, אָבער הייַנט איז ער שטאַרק אופגערעגט, ווייל ווען „רויך״ איז אַריין געקומען אין דער קאַיוטע אויפן אָוונט ברויט, האָב איך באַמערקט, אַז ער זעט אויס זייער אָנגעבלאָזן און די אויגן זענען ביי אים געווען אונטערגעהאַקט און אָן קאָליר.

טאַקי פאַרן אָוונט־ברויט איז געשען אַן אכזריותדיקע זאַך, וואָס ווייזט אויף דער האַרטהאַרציקייט און בעסטיאַלישקייט פון דידאָזיקע מענטשן. צווישן דער מאַנשאַפט געפינט זיך אַ גרינער העריסאָן, אַן אומגעלומפּערטער דאָרפס־יונג, וואָס איז, ווי כ׳שטעל מיר פאָר, באַהערשט פון דער תאווה צו אַוואַנטורעס, און וועלכער פאָרט דאָס ערשטע מאָל אויפן ים.

אין די לייכטע, דיקע בייטנדיקע ווינטן, האָט זיך דער סקונער געוואַקלט אַמאָל רעכטס, אַמאָל לינקס, און דאַן וואַרפן זיך די זעגלען פון איין זייט אויף דער צווייטער, און מען האָט

*) אַ קלייגער זעגל, וועמענס שפּיץ האַלט זיך אויף אַ קליינעם האָק

אַרויסגעשיקט אין דער הייך אַ מאַטראָז, אַז ער זאָל איבעררוקן דעם פאָדערשטן האָק־זעגל.

און ווען העריסאָן איז געווען אין דער הויך, האָט זיך דער זעגל פאַרפּלאָנטערט אין דעם בלאָק, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען.

ווי איך בין געוויער געוואָרן, זענען פאַראַן צוויי אופנים אויפצופּלאָנטערן — ערשטנס, דורך אַראָפּלאָזן דעם פאָדערשטן זעגל, וואָס איז פאַרהעלטנישמעסיק לייכט און נישט געפערלעך, און צווייטנס, דורכן אַרויפקלעטערן אויף די העכסטע שטריק ביז צום סוף פון דעם האָק־זעגל גופא, אַן אויסערגעוויינלעך ריזיקאַלישע אונטערנעמונג.

דזשאָהאַנסען האָט גערופן העריסאָנען, אַז ער זאָל אַרויפקלעטערן אויף די העכסטע שטריק.

מ'האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דער יונג ציטערט אינגאַנצן פאַר מורא.

און ער האָט געהאַט פאַרוואָס מורא צו האָבן: אַרויפצוקלעטערן אַכציק פוס איבערן דעק, און קלאַמערן זיך אָן די דינע און זיך וואַרפנדיקע שטריק. וואָלט איצט געווען אַ רויקער ווינט, וואָלט אפשר נישט געווען אַזוי געפערלעך, אָבער די מעשה איז, וואָס דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט האָט זיך גראָד איצט געוויגט אין די לאַנגע כוואַליעס. און מיט יעדן שטויס האָבן די ליילעכער זיך פאַרפּלאָנטערט אָדער צעשפּרייט זיך, און די העכסטע שטריק זענען געוואָרן לויזער אָדער זיך איינגעשרומפּן, זיי האָבן געקענט אָוועקשליידערן אַ מענטש, פּונקט ווי אַ פליג אַנטלויפט פאַר אַ שמיץ פון אַ בייטש.

העריסאָן האָט געהערט דעם באַפעל, און פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים, און ער האָט זיך געקווענקלט.

דאָס איז, וואַרשיינלעך, געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער איז געווען אין דער הויך.

דזשאָהאַנסען, וועלכער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט וואָלף לאַרסענס באַפעלערישקייט, איז אויסגעבראָכן מיט אַ מבול פון זידלערייען און קללות.

„ס'וועט שוין גענוג זיין, דזשאָהאַנסען," האָט וואָלף לאַרסאַן גראָב אָנגעשריגן אויף אים. „כ'בין דיר מודיע, אַז דאָס זידלען זיך אויף דער שיף געהערט צו מיר. אויב כ'וועל דיך דאַרפן, וועל איך דיך רופן".

„יאָ, סיר," האָט דער באַצמאַן הכנעהדיק גענומען צו קענטעניש לאַרסענס ווערטער.

אין דער צווישנצייט האָט העריסאָן אָנגעהויבן אַרויפצוקלעטערן אויף די העכסטע שטריק.

כ'האָב אַרויסגעקוקט פון דער קיך-טיר און כ'האָב באַמערקט, אַז ער ציטערט אינגאַנצן ווי אין פיבער. ער איז געקראָכן זייער פּאַמעלעך, פּאָרזיכטיק, טריט ביי טריט. זיין געשטאַלט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער קלאָרער בלויקייט פונם ים, האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער שפּין, וועלכער קריכט אויף די שפּורן פון זיין געוועב.

דאָס איז געווען אַ קלעטערן ווי באַרג אַרויף, ווייל די אייבערשטע זעגל זענען געווען אַרויפגעזעצט הויך, און די העכסטע שטריק, ציענדיק זיך דורך די פאַרשידענע האַק-זעגלען און מאַסטביימער, האָבן אים געגעבן אָנלען פאַר די הענט און די פיס.

אָבער די צרה איז געווען, וואָס דער ווינט איז נישט געווען גענוג שטאַרק און נישט גענוג רויִק, אַז די זעגל זאָלן זיך קענען האַלטן גאַנץ.

ווען העריסאָן איז געווען אין מיטן וועג, האָט דאָס געשפּענסט זיך געגעבן אַ שטאַרקן וויג אין דער ווינט-ריכטונג און צוריק אַריין צווישן צוויי הוילע גרויסע כוואַליעס.

העריסאָן האָט אויפגעהערט צו קריכן ווייטער און זיך פעסט צוגעהאַלטן אָן די שטריק. אַכציק פוס אונטער אים האָב איך געזען די גסיסה-אָנשטרענגונגען פון זיינע מוסקולן, בעת ער האָט זיך געראַנגלט פאַר זיין לעבן.

די זעגל זענען לויז געוואָרן און דער האַק-זעגל האָט זיך געוואָרפן הין און צוריק. די העכסטע שטריק האָבן נאָכגעלאָזט, און הגם אַלץ איז געשען זייער שנעל, האָב איך גע

זען ווי זיי זיך קאָרטשן אונטער זייַן קערפּער-משא. דאַן איז דער האָק-זעגל אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייַט מיט אַן אומגעריכטער געשווינדקייט, דער גרויסער זעגל האָט אַ טראַסק געטאָן ווי אַ האַרמאַט און די דרייַ רייען פון איינגעוויקלטע זעגלען האָבן אַ קנאַק געטאָן אָן די פּלאַכטעס ווי אַ ביקסן-זאַלפּ. העריסאָן, קלאַמערנדיק זיך, האָט זיך, ווי אין חלשות, אַ וואָרף געטאָן אין דער לופט.

אָבער פּלוצלונג האָט עס אויפגעהערט. די העכסטע שטריק זענען אין אַ רגע איינגעשרומפּן געוואָרן. דאָס איז געווען ווי אַ קנאַק פון אַ בייַטש. זייַנע צעבויפגעדריקטע פּויסטן האָבן פאַרלוירן דעם אָנלען-פּונקט. איין האַנט האָט זיך אַרויס געריסן פון דעם אָנשפּאַר-פּונקט, און די אַנדערע האַנט איז אַ ווייַל געבליבן הענגען פאַרצווייפלט און דאַן אַראָפּגעפאַלן.

דער קערפּער איז אַראָפּגעפאַלן, אָבער ווי דורך אַ נס איז ער אַרויס גאַנץ, זיך פאַרטשעפּנדיק אָן די שטריק מיט די פיס. ער איז געהאָנגען אויף זיי, מיטן קאָפּ אַראָפּ. מיט אַ שנעלער אָנשטרענגונג האָבן די הענט דערגרייכט צו די העכסטע שטריק, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, און אַ לאַנגע צייַט האָט ער זיך געפונען אין זייַן פריערדיקער פּאָזיציע, הענגנדיק, פאָרשטעלנדיק מיט זיך אַ געבעכדיקן אָנבליק.

„כ'געוועט מיך, אַז ער האָט נישט קיין אַפּעטיט צום אָונט-ברויט" האָב איך דערהערט וואָלף לאַרסענס שטימע, וועלכע איז דערגאַנגען צו מיר פון קיך-ווינקל אַפער. „אַוועק פון דאָרטן, דו, דזשאָהאַנסען! טו אַכטונג! אָט קומט עס אָן".

און אין אמתן, העריסאָן איז געווען זייער שוואַך, אַזוי ווי איינער, וואָס ליידט אויף דער ים-קרענק, און אַ לאַנגע צייַט האָט ער זיך געקלאַמערט אָן זייַן הויכער פּאָזיציע, נישט פּרווונדיק אַפילו צו רירן זיך, דזשאָהאַנסען אָבער האָט מיט שטאַרקער ווערטער נישט אויפגעהערט אים צוצוזאָגן צו פאַרענדיקן זייַן אויפגאַבע.

„דאָס איז אַ שאַנדע", האָב איך געהערט ווי דזשאָנסאָן האָט געמורמלט אין אַ פּאַמעלעכן און קאָרעקטן ענגליש. ער

איז געשטאַנען ביי די הויפּט-זעגלען, אַ פּאָר טריט פון מיר „דער יינג וויל דאָס טון. ער וועט זיך אויסלערנען, אויב ער וועט האָבן די געלעגנהייט. אָבער דאָס איז — —".

ער האָט אַ ווייל מפסיק געווען, ווייל זיין לעצטער אור-טייל איז געווען דאָס וואָרט „מאָרד".

„שווייגט דאָרטן, איר", האָט אים לואי איינגערוימט. „ווי אייער מוטער איז אייך ליב, האַלט דאָס מויל, שווייגט".

אָבער דזשאָנסאָן, קוקנדיק אַרויף צו הערריסאָנען, האָט אַלץ ווייטער געמורמלט.

„הערט נאָר", האָט דער יעגער סטענדיש געזאָגט צו וואָלף לאַרסענען, „דאָס איז מיין וויעסלער, און איך וויל אים נישט פאַרלירן".

„דאָס איז אַלץ אמת, סטענדיש", האָט יענער געענטפערט, „ער איז אייער וויעסלער, ווען ער איז אין שיפל, אָבער ווען ער געפינט זיך אויפן דעק, איז ער מיין מאַטראָז, און איך וועל טון מיט אים, וואָס עס געפעלט מיר".

„אָבער דאָס איז נישט קיין סיבה", איז סטענדיש אַרויס מיט לשון.

„דאָס איז שוין אַ גענוגנדיקע סיבה, דערצו איז נישטאָ קיין ווינט", האָט וואָלף לאַרסען אָפּגעענטפערט. „כ'האָב אייך שוין געזאָגט, און אַזוי בלייבט עס. דער מענטש איז מיינער, כ'וויל מאַכן אַ געקעכץ פון אים און אויפעסן, אויב עס וועט זיך מיר אַזוי פאַרגלוסטן".

אין יעגערס אויגן האָט זיך באַוויזן אַ בייז פייערל, ער האָט זיך אַוועקגעדרייט, אַריין אין רודער שטובל און פון דאָרטן אַרויסגעקוקט צום העננגנדיקן מאַטראָז. אַלע מאַטראָזן האָבן זיך איצט געפונען אויפן דעק און אַלע אויגן זענען געווען גע-ווענדעט אַרויף אין דער הייך, ווו אַ מענטשלעך ווזען האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך-המות, שרעקלעך איז געווען די האַרט-האַרציקייט פון דידאָזיקע מענטשן, ווען די אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציע האָט איבערגעגעבן די קאָנטראָל איבערן לעבן פון אַנדערע מענטשן.

איך, וואָס האָב געלעבט ווייט פון הו-האַ פון לעבן, האָב קיינמאָל נישט געחלומט, אַז די אַרבעט ווערט אויסגעפירט אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן.

דאָס לעבן, האָט זיך שטענדיק געדאַכט, איז אַ באַזונ־דערס הייליקע זאַך, אָבער דאָ איז עס געווען פאַררעכנט ווי אַ נול, אַ ציפער אין דער האַנדלס אַריטמעטיק.

כ׳מוז אָבער זאָגן, אַז די מאַטראָזן זענען בכלל סימפּאַ־טישע, ווי למשל, דזשאָנסאָן; אָבער די אָפיצירן (די יעגערס און דער קאַפּיטאַן) זענען געווען האַרצלאָז גלייכגילטיק. אַפילו סטענדישס פּראָטעסט איז אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געוואָלט בלייבן אָן אַ וויעסלער. וואָלט דאָס געשעען מיט אַ וויעסלער פון אַן אַנדערן יעגער, וואָלט עס אים גאָר־נישט געאַרט און ער וואָלט הנאה געהאַט פון דער סצענע, פּונקט ווי די איבעריקע.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו העריסאָנען. דזשאָהאַנסען האָט געזידלט און געדראָט גאַנצע צען מינוט דעם אומגליקלעכן העריסאָן ביז יענער האָט ווידער אָנגעהויבן זיינע באַוועגונגען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אים געלונגען צוצוקומען צום עק פון דעם האָק-זעגל, ווו, לענג אויס די בעלקע, ער האָט געהאַט אַ בעסערע געלעגנהייט זיך צו האַלטן פעסט.

ער האָט געברענגט אין אָרדנונג די פלאַכטע, און איצט, נאָכן דערפילן זיין אויפגאַבע, האָט ער שוין געקענט אַראָפּגיין.

דער צוריק-וועגס איז איצט געווען לייכט אַראָפּ, לענג־אויס די העכסטע-שטריק צום מאַסטבוים.

אָבער העריסאָן האָט שוין נישט געקאָנט לענגער אויס־האַלטן, ווי נישט זיכער ס׳איז געווען זיין איצטיקע פּאָזיציע, האָט ער נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן זי און פאַרבייטן זי אויף דער נאָך-געפערלעכער פּאָזיציע אויף די ד־העכסטע שטריק.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער לופט-שטרעקע, וואָס ער האָט געדאַרפט אַדורכמאַכן און דאַן געוואָרפן אַ בליק אויבן

דעק. די אויגן זיינע זענען געווען ברייט אָפן און פאַרשטאַרט און ער האָט געציטערט ווי אין אַ פיבער.

כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז שרעק זאָל זיך אַזוי אויסדרוקן אויף אַ מענטשלעך פּנים. אומזיסט האָט דזשאָהאַנסען אים געהייסן אַראָפּגיין. כאָטש ער האָט יעדע מינוט געקענט אַראָפּגעשלײדערט ווערן דורך דעם האָק-זעגל, האָט ער זיך נישט גערירט, געליימט פון שרעק.

וואָלף לאַרסען, שפּאַצירנדיק הין און צוריק און שמועסנדיק מיט „רויך", האָט זיך שוין מער נישט אומגעקוקט אויף העריסאָנען. הגם ער, וואָלף לאַרסען, האָט שטאַרק אָנגעשריגן אויפן מאַטראָז, וואָס איז געשטאַנען ביים ראָד:

„איר גייט אַראָפּ פון וועג, אַרבעטער מיינער! פאַרזיכטיק, איר וועט נאָך אָנמאַכן אַ חתונה".

„גוט, גוט, סיר" האָט געענטפערט דער רודערער, איבערלייגנדיק אַ פּאָר שטריכן צווישן די רעדער.

ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ער האָט געלאָזט דאָס געשפּענסט אַראָפּגיין אַ פּאָר פּונקטן פון איר ריכטונג, כדי אָנצופילן מיטן ווינט די פאָדערשטע זעגלען און האַלטן זיי אין אַ שטענדיקער פּאָזיציע.

ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוהעלפן דעם אומגליקלעכן העריסאָנען ריזיקירנדיק צו דערוועקן וואָלף לאַרסענס כעס.

די צייט איז זיך געגאַנגען און די שפּאַנונג איז פאַר מיר געווען אויסערגעוויינלעך.

טאָמאַס מאַגרידזש דאַקעגן האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ לעכערלעכע זאַך, און ער האָט געהאַלטן אַלץ אין איינעם אין אַרויסשטעקן דעם קאָפּ פון דער קיך-טיר און מאַכן וויציקע באַמערקונגען. ווי איך האָב אים פיינט געהאַט! און ווי איז געוואַקסן מיין שנאה צו אים, וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער, בעת יענעם שרעקלעכן פּאַרפאַל, אַזש ביז אַן אומגעהויערער פּראָפּאָרציע.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך אין מיר דער-

שפירט אַ חשק צו מאָרדן. — „צו זען רויט בלוט" ווי עס דרוקן זיך אויס מאַנכע פון אונזערע בילדלעכע שרייבער.

דאָס לעבן בכלל קען זיין אַ הייליקייט, אָבער דאָס לעבן אין דעם איינצלנעם פאַל מיט טאָמאַס מאַגרידזש איז, באמת, געוואָרן זייער פּראָפאַנירט.

ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַ שרעק, טראַכטנדיק, אַז איך זע שוין „רויטס", און אין מוח האָט געעגבערט אַ געדאַנק: צי האָב אויך איך זיך אָנגעשטעקט מיט דער ברוטאַלקייט פון מיין סביבה? — איך, וואָס האָב אַפילו אין פאַלן פון די שענד-לעכסטע פאַרברעכנס געלייקנט אין דער גערעכטיקייט און צוועק-מעסיקייט פון שטראָף?

ס׳האָט געדויערט אַ גוטע האַלבע שעה, און דאַן ד־האָב איך דערזען ווי דזשאָנסאָן און לואיס אַמפּערן זיך איבער עפּעס

ס׳האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דזשאָנסאָן האָט זיך אַרויסגעריסן פון לואיסן און זיך געלאָזט לויפן פאָרויס. ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם דעק, אַרויפגעשפּרינגען אויף די פאָדער-שטע זעגלען און אָנגעהויבן צו קלעטערן. אָבער וואָלף לאַרסענס פלינקע אויגן האָבן דאָס באַלד דערזען.

„העי, דו, וואָס טוסטו דאָרט?" האָט ער געשריגן.

דזשאָנסאָן האָט אָפּגעשטעלט זיין אַרויפגאַנג. ער האָט גע-קוקט דעם קאַפּיטאַן אין די אויגן אַריין און פּאַמעלעך געענט-פערט:

„כ׳גיי אַראָפּנעמען יענעם בחור".

„שוין אַראָפּ פון דער הייך! האָסט געהערט? אַראָפּ די אותו רגע!"

דזשאָנסאָן האָט זיך געקווענקלט. אָבער די לאַנגיאָריקע געהאָרכזאַמקייט לגבי די שיפס-אָפיצירן האָט גובר געווען, און ער איז פון אומעטיקער אַראָפּ אויפן דעק און אַוועק אין זיין קאַיוטע אַריין.

האַלב-זעקס בין איך אַראָפּגעגאַנגען אונטן צו גרייטן דעם טיש. איך האָב אָבער נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, ווייל מיינע געדאַנקען זענען פול געווען מיטן בלייכן און

ציטעריקן מענטש, קאָמיש ווי אַ מאַלפּע, ווי ער קלאַמערט זיך אָן די קלאַפּנדיקע האָק-זעגל. זעקס אַ זייגער, ווען כ'האָב דער-לאַנגט אָוונטברויט, אַרויפגייענדיק אויפן דעק צו נעמען די שפּייז פון דער קיך, האָב איך געזען הערריסאָנען נאָך אַלץ אין דער-זעלבער פּאָזיציע.

ביים טיש האָט זיך געפירט שמועסן וועגן גאָר אַנדערע ענינים. קיינער איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אין דעם ווילקירלעך-איינגעשטעלטן לעבן. אָבער אַ ביסל שפּעטער, ווען כ'בין בכיוון אַראָפּגעגאַנגען אין קיך אַריין, האָב איך מיך דער-פרייט, דערזעענדיק דעם הערריסאָנען, ווי ער לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון די זעגלען צו דעם קוילן-קעסטל ביים פאָדערשטן דעק.

ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און ער איז אַראָפּגעגאַנגען.

איידער כ'וועל פאַרענדיקן די דערציילונג וועגן דעמדאָזיקן אינצידענט, מוז איך איבערגעבן אַ טייל פון שמועס, וואָס כ'האָב געהאַט מיט וואָלף לאַרסענען אין דער קאַיוטע, בעת איך האָב געוואַשן דאָס געפעס.

„איר זעט היינט שלעכט אויס”, האָט ער אָנגעהויבן. „וואָס איז די מעשה”?

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער ווייסט די סיבה דערפון, אַז ער וויל מיך אַריינציען אין אַ שמועס, און איך האָב געענטפערט: „דאָס איז צוליב דער ברוטאַלער באַהאַנדלונג פון יענעם בחור”.

ער האָט קוים אַ שמייכל געטון. „כ'מיין אַז דאָס איז ענ-לעך צו דער ים-קראַנקהייט. טייל מענטשן זענען איר אונטער-געוואָרפן און טייל נישט”.

„ס'איז נישט אַזוי”, האָב איך אַקעגנגערעדט.

„ס'איז טאַקע אַזוי”, האָט ער ווייטער גערעדט. „די ערד איז פול מיט ברוטאַלקייט, ווי דער ים מיט באַוועגונג. און מאַנ-כע מענטשן ליידן צוליב דער ערשטער, און טייל ליידן צוליב דער לעצטער. אָט דאָס איז די איינציקע אורזאַך”.

„אָבער איר, וואָס חוזקט פון מענטשלעכן לעבן, צי האָט עס ביי אייך נישט קיין שום ווערט״? האָב איך געפרעגט.

„ווערט? וואָס פאַרא ווערט?״ ער האָט מיך אָנגעקוקט, און הגם זיינע אויגן זענען געווען פאַרשטאַרט און באַוועגונגס-לאָז, איז, דאַכט זיך, אין זיי געווען פאַרבאַהאַלטן אַ צינישער שמייכל. „וואָס פאַרא מין ווערט? ווי אַזוי מעסט איר דאָס? ווער שעצט עס אַלס ווערט״?

„איך״, האָב איך געענטפערט.

„אַלזאָ, וואָס איז עס ווערט פאַר אייך? אַן אַנדערן מענטשס לעבן, מיין איך... אַלזאָ, וואָס איז עס ווערט?

דער ווערט פון לעבן? ווי אַזוי האָב איך געקענט געבן עפּעס אַ ממשותדיקן ווערט... כ׳ווייס נישט, וואָס דאָס איז געווען מיט מיר, נאָר איך, וועמען ס׳האָט שטענדיק נישט געפעלט קיין אויסדרוקן, האָב געפילט אַ דוחק אין זיי, בעתן שמועסן מיט וואָלף לארסענען.

כ׳בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ ביסל איז אין דעם שולדיק די פּערזענלעכקייט פון דאָזיקן מענטש, אָבער הויפּטזעכלעך איז עס געווען צוליב זיין פולשטענדיק אָריגינעלער וועלטאָנשויונג. מיט אַלע אַנדערע מאַטעריאַליסטן, מיט וועלכע כ׳האָב מיך באַגעגנט און דיסקוטירט, האָב איך געהאַט עפּעס געמיינזאַמעס, אָבער מיט אים האָב איך נישט געהאַט קיין שום איינזאַמעס.

אפשר איז דאָס געווען זיין עלעמענטאַרע פּשטות, וואָס האָט מיך באַרוישט.

ער האָט אַזוי גלייך געטראָפן אין סאַמע פּינטל פון אַן ענין, אַוועקנעמענדיק פון יעדער פראַגע אַלע איבערפליסיקע פּרטים, און מיט אַזאַ מינע פון אויסגעשעפּטקייט, אַז ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳ראַנגל מיך אין טיפן וואַסער, נישט האָבנדיק קיין באָדן פאַר זיך. ווערט פון לעבן? ווי האָב איך געקענט ענטפערן אויף דער הייסער מינוט אויף דערדאָזיקער פראַגע? די הייליקייט פון לעבן איז ביי מיר געווען אַן אַקסיאָם. אַז עס

איז בלי־ספקדיק ווערטפול. דאָס איז אַ טרויזם וועלכע כ׳האָב קיינמאָל נישט אָפּגעפרעגט.

אָבער ווען ער איז אָנגעפאַלן אויפן טרואיזם, בין איך געבליבן אָן לשון.

„מיר האָבן גערעדט וועגן דעם נאָך נעכטן", האָט ער געזאָגט. מיין מיינונג איז, אַז דאָס לעבן איז אַפּערמענט, אַ יערן, אַזוינס וואָס פּרעסט אויף דאָס לעבן כדי עס זאָל אַליין לעבן, און אַז לעבן איז פּשוט אַ פּראָספּירירנדיקע חזירישקייט. ,אויב ס׳האָט אַ זין דער נאָכפרעג און צושטעל פון מאַטעריאַלן, איז דאָס לעבן די ביליקסטע זאַך אויף דער וועלט. אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזויפיל וואַסער, אַזויפיל יבשה, אַזויפיל לופט; אָבער דאָס לעבן, וואָס עס פאָדערט געבוירן צו ווערן, איז גרעניצלאָז.

די נאַטור איז אַן אויסברענגערין. קוקט אויף די פיש און זייערע מיליאָנען רויגן, און קוקט אויף מיר און אויף זיך. אין אונזערע לענדן זענען פאַראַן די מעגלעכקייטן פון מיליאָנען לעבנס. וואָלטן מיר נאָר געהאַט צייט און שעת הכושר און אויסנוצן יעדעס פּיצעלע פון נישט־געבוירענעם לעבן אין אונז, וואָלטן מיר געוואָרן די אבות פון פעלקער און באַפעלקערט קאָנטינענטן. לעבן? עט! עס האָט נישט קיין ווערט. פון אַלע ביליקסטע זאַכן איז עס דאָס ביליקסטע. אומעטום גייט עס אַרום בעטלען. די נאַטור שאַפט זיך דערמיט זייער פאַרשווענדעריש. וו ס׳איז קוים פאַראַן רוים פאַר איין לעבן, פאַרזייעט זי טויזנטער לעבנס, און איין לעבן עסט אויף דאָס אַנדערע, ביז עס בלייבט איבער דאָס שטאַרקסטע און דאָס אַממייסטן חזירישע לעבן".

„איר האָט געלייענט דאַרווינען", האָב איך געזאָגט. „איר האָט אים אָבער שלעכט פאַרשטאַנען, ווען איר דרינגט אַרויס, אַז דער קאַמף פאַרן דאָזיין סאַנקציאָנירט אייער ווילקירלעכע פאַרניכטונג פון לעבן".

ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

„איר ווייסט אַליין, אַז איר מיינט דאָס נאָר בנוגע דעם מענטשלעכן לעבן, ווייל איר פאַרניכטעט דאָס פלייש פון די

פייגל און פיש, פונקט ווי איר און יעדער אַנדערער מענטש. דאָס מענטשלעכע לעבן אין נישט קיין קלוגער אויסנאַם, הגם איר פילט אַז עס איז יאָ, און איר טראַכט זיך, אַז איר פאַר־שטייט פאַרוואָס עס איז אַזוי. פאַרוואָס זאָל איך דאָס שפּאָרן דאָס לעבן, וואָס איז ביליק און ווערטלאָז? ס'זענען פאַראַן מער מאַטראָזן ווי שיפן אויפן ים, מער אַרבעטער ווי פאַבריקן און מאַשינען. ווייטער, איר, וואָס וווינט אויף דער יבשה ווייסט, אַז די אָרעמע איינוווינער וואַלגערן זיך אין די שמוציקע הינטער־געסלעך, ליידנדיק הונגער און פון עפּידעמיעס, און אַ סך שטאַרבן פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער פלייש (וואָס דאָס הייסט פאַרניכטן לעבן) און איר ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיי. צי האָט איר שוין געזען ווי די דאָק־אַרבעטער אין לאָנדאָן קעמפן ווי די ווילדע חיות פאַר אַ שאַנס צו אַרבעטן"?

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו די טרעפּ פון דער קאַיוטע, אָבער אינמיטן גיין האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זאָגן אַ לעצט וואָרט.

„צי ווייסט איר דעם אמתן ווערט וואָס דאָס לעבן האָט פאַר זיך גופא? דאָס איז דער ווערט, וואָס עס שרייבט זיך אַליין צו. און, נאַטירלעך, ווערט עס איבערגעשאַצט, קוים האָט עס אַלס נויטווענדיקייט אַ פאָראורטייל לטובת זיך גופא.

נעמט, למשל, יענעם בחור, וואָס איז געהאָנגען אין דער הויך. ער האָט זיך פעסט געהאַלטן אָן זיין לעבן, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ ווערטפולע זאַך, אַן אוצר, וואָס איז טייערער פון דימאַנטן און רובינען. צי האָט עס אַ ווערט פאַר אייך? ניין. פאַר מיר? לחלוטין נישט. פאַר אים? יאָ. אָבער איך האַלט נישט פון זיין אָפּשאַצונג. ער איבערשאַצט זיך צופיל. ס'איז פאַראַן אַ סך מער לעבן, וואָס וויל געבוירן ווערן. ווען ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן און צעשמעטערט זיך דעם מוח אויפן דעק, ווי עס גיסט זיך דער האָניק פונם בינשטאָק, וואָלט די וועלט גאָרנישט פאַרלוירן דערביי. ער האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט פאַר דער וועלט. דער צושטעל איז צו־גרויס. נאָר פאַר אים אַליין האָט ער אַ ווערט, און ווי פיקטיוו ס'איז זיין גאַנ־

צער ווערט, זעט מען פון דעם, וואָס זייענדיק טויט, ווייסט ער נישט, אַז ער האָט זיך אַליין פאַרלוירן. נאָר ער אַליין האָט זיך איבערשאַצט מער ווי דימאַנטן און רובינען זענען שוין נישטאָ, זיי זענען אויסגעשיט געוואָרן אויפן דעק, און זיי ווערן פאַרגאָסן מיט אַ קיבל ים-וואַסער, און מ׳ווייסט אַפילו נישט ווי זיי זענען אַהינגעקומען. דער מענטש פאַרלירט גאָרנישט, ווייל מיטן מאָמענט, ווען ער פאַרלירט זיך, פאַרלירט ער דאָס באַוווסטזיין פונם פאַרלוסט. צי פאַרשטייט איר דאָס נישט? און וואָס. זאָגט איר צו דעם״?

„אַז איר זענט לכל הפחות קאָנסעקווענט״, האָב איך געקאָנט ענטפערן, און כ׳האָב מיך ווידער גענומען צו וואַשן דאָס געפעס.

# קאַפּיטל זיבן

און ענדלעך. נאָך פאַרשידנאַרטיקע ווינטן, וואָס האָבן זיך געביטן אָן משך פון דריי טאָג, האָבן מיר דעריאָגט דעם צפון-מזרח ווינט.

נאָכן איבערשלאָפן גוט אַ נאַכט, טראָג מיין ווייטאָקדיקער קני, בין איך אַרויפגעקומען אויפן דעק און געזען, אַז דאָס געשפענסט האָט זיך געשווימט אין וואַסער, מיט אַלע זעגלען, אויף די דרייקאַנטיקע זעגל, געטריבן פון אַ פריש ווינטל.

די וווּנדער פון דעם גרויסן כסדרדיקן ווינט!

מיר זענען געשוווּמען אַ גאַנצע טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, און צומאָרגנס, און איבערמאָרגנס, טאָג-איין, טאָג-אויס, און דער כסדרדיקער שטאַרקער ווינט האָט שטענדיק געבלאָזן פון הינטן. דער סקונער האָט אַליין געבערענגט אין אָרדנונג די זעג-

לען מ'האָט נישט געדאַרפט שלעפּן די זעגלען, און די שטריק, נישט געדאַרפט בייטן די העכסטע זעגלען.

ס'איז גאָרנישט געווען קיין אַרבעט פאַר די מאַטראָזן. נאָך דאָס איינע וואָס זיי האָבן געדאַרפט רודערן.

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט מען אויף איבער-נאַכט אַראָפּגעלאָזט די ריילעכער; אין דער פרי, נאָכן אויס-דאַמפן דעם טוי פון זיי, האָט מען זיי ווידער אַרויפגעצויגן — און דאָס איז עס געווען אינגאַנצן.

מיר פאָרן מיט אַ שנעלקייט פון צען, צוועלף, עלף ים-מייל אַ שעה און שטענדיק בלאָזט דער גרויסער ווינט פון צפון-מזרח, טרייבנדיק אונז אויף אונזער ריכטונג צו 250 מייל אַ מעת לעת. די שנעלקייט, מיט וועלכער מיר דערווייטערן זיך פון סאַן-פראַנציסקאָ און דערנענטערן זיך צו די טראָפּישע לענדער, מאַכט מיך טרויעריק און פריילעך. וואָס אַ טאָג שפּירט מען אַז עס ווערט וואַרעמער. בשעת דער צווייטער וואָך קומען די מאַטראָזן אַרויף אויפן דעק אינגאַנצן נאַקעט און גיסן איי-נער אויפן אַנדערן קיבלעס וואַסער.

ס'באַווייזן זיך שוין פליענדיקע פיש, און ביינאַכט יאָגט זיך די וואַך נאָך יענע פיש, וואָס זענען אַרויפגעפאַלן אויפן דעק.

צומאָרגנס, נאָכן איבערקויפן טאָמאַס מאַגרידזשן, איז די קיך פול מיטן אָנגענעמען ריח פון די געבראָטענע פיש; די דעלפינעס ווערן דערלאַנגט אין דעם רודער-שטיבל און אויפן פאָדערשטן דעק, ווען דזשאָנסאָנען גליקט-אָפּ צו כאַפּן אַ בלענדנ-דיק שיינעם עקזעמפּלאַר.

דאַכט זיך, אַז דזשאָנסאָן פאַרברענגט זיין פרייע צייט דאָרט אָדער אין דער הייך צווישן די מאַסטן, צוקוקנדיק זיך ווי דאָס געשפּענסט שניידט אַדורך דאָס וואַסער אונטערן דרוק פון די זעגלען אין זיינע אויגן זעט מען אַנטציקונג, פאַרגעטערונג, און ער גייט אַרום ווי אין היפּנאָז, קוקנדיק אין התפּעלות אויף די אָנגעשוואָלענע זעגלען, אויף די שוימענדיקע כוואַליעס, און אויפן הייבן זיך און דעם אימפּעט פון דער שיף

איבער די פליסיקע בערג, וואָס באַוועגן זיך צוזאַמען מיט אונז אין אַ פרעכטיקער פראָצעסיע.

די טעג און די נעכט זענען „וווּנדערבאַר און פול מיט ווילדער פרייד", און הגם כ'בין זעלטן פריי פון מיין נודנער אַרבעט, גנבע איך אַוועק אייניקע מינוטן כדי צו קוקן און ווייטער קוקן אויף דער אומענדלעכער פראַכט, וועגן וועמעס עקזיסטענס כ'האָב אַפילו נישט געחלומט. אויבן איז דער הימל בלאָ אָן אַ פלעק — בלאָ ווי דער ים, וועלכער האָט אונטער די שיף־רעדער, דעם קאָליר און גלאַנץ פון אַזשור סאַטין.

אַרום און אַרום איז דער האָריזאָנט בלייך, די וואָל־וואָלקנס ענדערן זיך נישט, באַוועגן זיך נישט, פונקט ווי אַ זילבערנער רעם פאַר דעם אומבאַפלעקטן טורקאַז־הימל.

כ'קען נישט פאַרגעסן אָן איין נאַכט, ווען כ'בין געלעגן האַלב־פאַרשלאָפן אויפן פאָדערשטן דעק און אַראָפּגעקוקט אויף קאָשמאַרדיקע־ריפּשקעלעך פון דער שוים, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך די פאָדערשטע רעדער פון דעם ג ע־ש פ ע ס ט. ס'איז געווען ענלעך צו דעם קלאַנג פון אַ טייכל איבער מען־באַדעקטע שטיינער אין עפּעס אַ רויִקן פאַרוואָרפענעם טאָל און דער פאַרכשופטער געדאַנק האָט מיך אויסגעטון פון זיך, אַז כ'בין שוין מער נישט געווען העמפּ דער קאַיוטע־משרת, נישט וואָן ווידן, דער מענטש, וואָס האָט אָפּגעטרוימט 21 יאָר צווישן ביכער.

אָבער הינטער מיר האָט מיך אויפגעוועקט אַ שטימע, די בלי־ספקדיקע שטימע פון וואָלף לאַרסענען, אַ שטימע מיט אומבאַזיגבאַרער זיכערקייט פונם מענטש און וואָס איז זיך צעגאַנגען פאַר מתיקות פון די ווערטער, וואָס ער האָט ציטירט:

„אָ, דו בלענדנקע טראָפּישע נאַכט
ווען די כוואַליעס זענען אַ שטראָם־ליכט
וואָס האַלט דעם הימל־הייסן געשמידט
און די געלאַסטנע רעדער לויפן דורך דעם מיט
פלאַנעטן־באַדעקטן־תהום.

ווּ דער איבערגעשראָקענער וואַלפיש ברייט זיך
אין פלאַמען.

אירע פלאטן זענען אַנגעזעגנט דורך דער זון
און אירע שטריק זענען נאַס פון טוי,
מיר לויפן אויפן אַלטן וועג, אויף אונזער אייגן וועג
מיר רוקן זיך צום לאַנגן וועג —
דער שטענדיק נייער וועג.

„האַ, העמפ? ווי געפעלט עס אייך", האָט ער געפרעגט נאָך דער געהעריקער פּאַוזע, וועלכע עס איז נויטיק געווען נאָך די ווערטער און די טענער.

כ'האָב געקוקט אין זיין פּנים אַריין. עס האָט געבלישטשעט מיט ליכט, ווי דער ים, און די אויגן האָבן געגלאַנצט.

"עס איז פאַר מיר אַ גרויסער הדוש, וואָס איר ווייזט אַרויס ענטוזיאַזם", האָב איך קאַלט געענטפערט.

„דו מענטש אַיינער, דאָס איז דאָך דאָס לעבן!" האָט ער געשריגן.

„וואָס איז אַ ביליקע זאַך און אַן ווערט" האָב איך איבּ צוריקגעשליידערט זיינע אייגענע ווערטער.

ער האָט געלאַכט, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען כ'האָב געהערט אמתע פרייד אין זיין קול.

„אַך, איך קען אייך נישט געבן צו פאַרשטיין, כ'קען נישט אַריינקלאַפּן אין אייער קאָפּ וואָס עס איז אַזוינס לעבן. נאַטירלעך דאָס לעבן איז ווערטלאָז, חוץ פאַר זיך גופא. און איך קען אייך זאָגן, אַז מיין לעבן איז איצט גאַנץ ווערפול — פאַר מיר. עס האָט גאָרנישט קיין פרייז, און איר קענט עס האַלטן פאַרא גוזמאדיקע איבערשעצונג, אָבער כ'האָב נישט קיין ברירה, ווייל טאַקע דאָס לעבן, וואָס איז אין מיר, צווינגט מיך עס איבערצושאַצן".

ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואַרט אויף ווערטער מיט וועלכע ער זאָל אויסדרוקן דעם געדאַנק, וואָס איז געווען אין אים, ענדלעך האָט ער ווייטער געזאָגט:

„איר ווייסט, כ'בין פול מיט אַ מאָדנער דערהויבנקייט;

כ'פיל אין מיר אָפּקלאַנג פון אַלע צייטן, ווי אַלע כּוהות וואָלטן געווען מיינע. כ'ווייס וואָס ס'איז אמת, כ'שייד אונטער גוטס פון שלעכטס, רעכט פון אומרעכט. מיין וויזיע איז קלאָר און גרייכט ווייט".

כ'וואָלט כּמעט געקענט גלייבן אין גאָט. אָבער — — — זיין שטימע האָט זיך געביטן און דאָס ליכט אין זיינע אויגן איז אויסגעגאַנגען, — וואָס איז דאָס פּאַרא צושטאַנד אין וועלכן כ'געפין זיך? דידאָזיקע פרייד פון לעבן? דידאָזיקע התפּעלות פון לעבן? דידאָזיקע אינספּיראַציע, ווי איך מעג דאָס אָנרופן? דאָס איז דאָס געפיל, וועלכעס באַקומט זיך, ווען איינעמס מאָגן איז אין אָרדנונג. ווען ער פאַרדייט גוט, ווען ער האָט אַפּעטיט און אַלץ איז גלאַטיק. דאָס איז דער שוחד פאַרן לעבן, דער שאַמפּאַנער פון בלוט, דער שוים פון דעם פערמענט—וואָס צווינגט טייל מענטשן צו האָבן הייליקע געדאַנקען, און טייל מענטשן צו זען גאָט אָדער באַשאַפן אים, ווען זיי קענען אים נישט זען. דאָס איז עס אינגאַנצן, די שיכּרות פון לעבן, דאָס באַוועגן זיך און דאָס קריכן פון די הייוון, דאָס פּלוידערן פון לעבן, וואָס איז משוגע פאַר באַוווסטזיין, וואָס עס איז לעבעדיק. און — אַך! מאָרגן וועל איך דערפאַר באַצאָלן, ווי עס באַצאָלן די שיכּורים. און איך וועל וויסן, אַז איך מוז שטאַרבן, אמוואַרשיינלעכסטן אויפן ים, אויפהערן צו קריכן, צו קריכן מיט אַלע ים-באַשעפּענישן; כ'וועל ווערן אויפגעפרעסן, ווערן אַ פּגירה, אָפּזאָגן זיך פון אַלעם, פון דער גאַנצער קראַפט און מוסקולן, כּדי עס זאָל ווערן קראַפט און באַוועגונג און פּליספּעדערן און שופּן, און אין די אינגעווייד פון פיש. באַ! און אָבער אַמאָל באַ! דער שאַמפּאַנער איז שוין אויסגעוועפּט. ס'איז אַוועק פון אים דער גלאַנץ און דער שוים, און ער איז אַ געשמאַקלאָזער געטראַנק.

ער האָט מיך איבערגעלאָזט אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז געקומען, צושפּרינגענדיק צום דעק מיט דער משא און לייכטקייט פון אַ טיגער. דאָס געשפּענסט איז זיך ווייטער געשווימען. כ'האָב באַמערקט, אַז דאָס גריילצן אונטער די רעדער

איז ענדלעך צו אַ כראַפּען, און ווען כ'האָב מיך צוגעהערט צו דעם, איז אין מיר ביסלעכווייז אַריין דער רושם פון וואָלף לאַר־סענס שנעלן איבערגאַנג פון דערהויבענער התפעלות צו יאוש. עס האָט עפּעס אַ מאַטראָז פון מיטלסטן דעק אָנגעהויבן צו זינ־גען מיט אַ הערלעכער טענאָר־שטימע „דאָס געזאַנג פון גרויסן פּדרדיקן ווינט":

„אָ, כ'בין דער באַליבטער ווינט ביי די מאַטראָזן,
— כ'בין געלאַסן, שטאַרק און געטריי;
זיי גייען נאָך מיינע טריט לויט די וואָלקנס אין דערהייך,
איבער דעם אומבאַגרעניצטן טראָפּישן בלאָען ים.
ביים טאָג ליכט און פינצטערניש גיי איך נאָך דער שיף,
כ'האַלט מיך ווי אַ הונט אויף איר שפּור,
כ'בין אַמשטאַרקסטן מיטאָגסצייט,
אָבער ביים שיין פון דער לבנה בלאָז איך אויף איר זעגל.

## קאַפּיטל אַכט

טיילמאָל מיין איך, אַז וואָלף לאַרסען איז משוגע, לכל־הפּחות האַלב משוגע, צוליב זיינע מאָדנע קאַפּריזן און פאַנטאַזי־יעס. טיילמאָל האַלט איך אים פאַר אַ גרויסן מענטש, אַ גאון, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

און ענדלעך בין איך איבערצייגט, אַז ער איז דער פּול־קאָמער טיפּ פון אַ פּרימיטיוון מענטש, וואָס איז געבוירן גע־וואָרן מיט טויזנט יאָר אָדער מיט טויזנט דורות צו־שפּעט און ער איז אַן אַנאַכראָניזם אין אונזער קולמינאַציע־יאָרהונדערט פון ציוויליזאַציע. זיכער, ער איז אַן אינדיווידואַליסט פון סאַמע אויס־געשפּראָכענעם טיפּ. אָבער נישט בלויז דאָס אַליין, ער איז אויך זייער איינזאַם. ס'איז נישט פאַראַן קיין שום סימפּאַטיע צווישן אים און די איבעריקע מאַטראָזן אויפן דעק. זיין ריזיקע מענ־

לעכקייט און די גייסטיקע שטאַרקייט שטעלן אים אוועק אָן אַ זייט.

אין באַצוג צו אים זענען זיי קינדער, אפילו די יעגער, און ער באַהאַנדלט זיי ווי קינדער, אַראָפּלאָזנדיק זיך בעל־כרחו צו זייער ניוואָ און שפּילנדיק זיך מיט זיי, ווי מ׳שפּילט זיך מיט ליאַלקעס. אָדער אַז נישט האָט ער געגראַבלט אין זייערע נשמות מיט דער ברוטאַלער האַנט פון אַ פּאַלמעסער, טאַפּנדיק אין זייערע גייסטיקע פּראָצעסן און אונטערזוכנדיק זייערע נשמות ווי ער וואָלט געזוען פון וואָס פאַראַ שטאָף זיי באַשטייען

כ׳האָב אים געזען אַ סך מאָל, ביים טיש, ווי ער זידלט איין יעגער אָדער אַ צווייטן מיט קאַלטע און אָנגעשטרענגטע אויגן און, טראָץ אַלעם, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז אַלץ אינטערעסירט אים, טראַכטנדיק וועגן זייערע מעשים אָדער דיסקוסיעס אָדער זייערע קינדערשע ברוגזן מיט אַ נייגיר, וואָס האָט מיך געצוווּנגען צו לאַכן, מיך, וואָס איז געווען אַ צוקוקער און וואָס פאַרשטייט אַלץ. וואָס שייך זיין כעסן זיך, בין איך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ פּאָזע, טיילמאָל אַן עקספּערימענט, אָבער בכלל איז דאָס די געוווינהייט צו אָנשטעלן און שטעלונג, וואָס ער נעמט אָן אַלס פּאַסיקע לגבי זיינע מיט־מענטשן. איך ווייס, נעמענדיק אַלס אויסנאַם דעם אינצידענט מיטן טויטן באָצמאַן, אַז כ׳האָב אים נאָך נישט געזען בעת ער איז אין אמתן אין כעס; איך ווינטש מיר גאָרנישט צו טרעפן אים אין אַ כעסדיקן צושטאַנד, ווען עס צעשפּילן זיך אין אים אַלע זיינע קרעפטן.

אַז ס׳איז שוין געקומען צו רייד וועגן זיינע קאַפּריזן, וועל איך דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט טאָמאַס מאַגרידזשן, און פאַרייניוועגס פאַרענדיקן די מעשה וועגן אינצידענט, אויף וועלכן כ׳האָב זיך שוין פריער אָפּגעשטעלט. ס׳איז שוין געווען נאָך צוועלף אַ זייגער מיטאָג, און איך האָב באַרוואָס געהאַט פאַרענדיקט דאָס צורוימען די קאַיוטע, ווען כ׳האָב דערזען וואָלף לאַרסענען און טאָמאַס מאַגרידזשן אַראָפּגיין אויף די טרעפּ פון דער קאַיוטע. הגם דער קוכער האָט פאַרנומען אַ מין נאָרע לעבן דער הויפּט־קאַיוטע, דאָך האָט ער נישט

געוואַגט צו זוימען זיך אין דער קאַיוטע גופא, אָדער אַז מען זאָל אים דאָרט טרעפן, און ער איז אַדורכגעלאָפן הין און צוריק, איין אָדער צוויי מאָל אַ טאָג, ווי אַ שרעקעוודיק געשפענסט.

„אַזוי, קענסטו שפּילן אין קאָרטן, האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט צו אים מיט אַן אָנגענעמער שטימע. „כ׳האָב זיך געדאַרפט משער זיין, אַז אַן ענגלענדער קען שפּילן. איך אַליין האָב מיך אויסגעלערנט שפּילן אויף די ענגלישע שיפן".

טאָמאַס מאַגרידזש איז אַריין אין קעלבערנער התפעלות, דער נאַרישער אידיאָט, אַזוי צופרידן איז ער געווען, וואָס ער איז אַ גוטער ברודער מיטן קאַפּיטאַן.

דער אָנשטעל און די שטאַרקע אָנשטרענגונגען, וואָס ער האָט דערביי געמאַכט, כדי אָנצונעמען די פרייע האַלטונג פון אַ מענטש, וואָס איז געבוירן געוואָרן צו פאַרנעמען אַ בכבודיקע שטעלונג אין לעבן, וואָלטן געקראָכן פון האַלז, ווען זיי וואָלטן נישט געווען לעכערלעך. ער האָט פולשטענדיק איגנאָרירט מיך, הגם כ׳האָב געמיינט, אַז ער באַמערקט מיך פשוט נישט. זיינע בלאַסע, אויסגעוואַשענע אויגן זענען געשווימען ווי פולע זומערדיקע כוואַליעס, הגם כ׳האָב נישט געקענט וויסן וואָסערע אַנטציקנדיקע וויזיעס זיי האָבן געזען.

„העמפּ, ברענגט אַהער די קאָרטן", האָט וואָלף לאַרסען באַפוילן, ווען זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש. „און ברענגט אויך די פּאַפּיראָסן און וויסקי, וואָס געפינט זיך אין מיין צימערל".

כ׳בין צוריקגעקומען מיט די אַלע זאַכן פונקט אין מאָמענט, ווען דער קאָקני האָט אָפן מרמז געווען, אַז עפּעס איז פאַראַן סודותדיקס אַרום זיין פּערזאָן, ס׳איז מעגלעך, אַז ער איז גאָר אַ דזשענטלמענס אַ זון, וואָס איז פאַרלאָרן געוואָרן, און ווייטער, אַז מ׳האָט אים באַגנעדיקט פאַר עפּעס אַ פאַרברעך און מ׳האָט באַצאָלט צו האַלטן אים ווייט פון ענגלאַנד.

„טייער באַצאָלט, סיר", — האָט ער אַריינגעוואָרפן אין מיטן, „טייער באַצאָלט, כדי זיך אָפּצוטראָגן פון דאָרט".

כ'האָב געבּרענגט די געווייגלעכע גלעזער, אָבער וואָלף לאַרסען האָט געמאַכט אַ זויערע מינע, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געגעבן אַ צייכן מיט די הענט, אַז כ'זאָל אים ברענגען די גרויסע גלעזער. ער האָט אָנגעגאָסן צוויי־דריטל מיט נישטגע־מישטן וויסקי, „אַ דזשענטלמענס משקה", ווי טאָמאַס מאַגרידזש האָט עס אָנגערופן, און זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט זייערע גלעזער ביים הערלעכן שפּיל „נעפּ", פאַרוויכערט די פּאַפּיראָסן און זיך גענומען מישן און טיילן די קאָרטן.

זיי האָבן געשפּילט אין געלט. און וואָס אַמאָל האָבן זיי זיי איינגעשטעלט גרעסערע סומעס.

זיי האָבן געטרונקען וויסקי, געזיפּט געלאַסן און איך האָב אַלעמאָל צוגעבּרענגט די משקה. כ'ווייס נישט צי וואָלף לאַרסען איז געווען אַ שולער — ער איז דורכאויס פּעיִק געווען צו זיין אַזעלכער — ער האָט אָבער געהאַלטן אין איין געווי־נען. און דער קוכער האָט יעדעס מאָל עולה־רגל געווען צו זיין געלט־קעסטל. יעדעס מאָל האָט ער דאָס געטון מיט אַלץ גרע־סערער פּאָמפּע. אָבער מער ווי אַ פּאָר דאָלאַר האָט ער נישט מיטגעבּרענגט. ער איז געוואָרן וויינענדיק, פאַמיליאַר, קוים גע־קענט אייגזיצן אָדער זען די קאָרטן פאַר די אויגן. אַלס הקדמה צו זיין עולה־רגל גיין צום געלט־קעסטל, האָט ער אַריינגעשטעקט אין וואָלף לאַרסענס קנעפּל־לאָך אַ שמוציק־פעטן פינגער און באָמבאַסטיש אויסגערופן און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

„כ'האָב געלט, כ'האָב געלט, איר הערט, כ'בין אַ דזשענטל־מענס אַ זון".

אויף וואָלף לאַרסענען האָט גאָרנישט געווירקט דאָס טרינ־קען, כאָטש ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען, אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, און די גלעזער זענען אַלעמאָל געווען פול. מ'ד־האָט גאָרנישט געזען קיין שום שנוי אין אים. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער איז אפילו נישט איבעראַשט פון זיין מיטשפּילערס קונצשטיק.

ענדלעך, מיט הויכע קולות, אַז ער קען פאַרשפּילן ווי אַ דזשענטלמען, האָט דער קוכער איינגעשטעלט דאָס לעצטע

געלט זייגט און עס תיכף פארשפילט. דאן האט ער אראפגעלאזט דעם קאפ, אים בעגראבן אין די הענט און אנגעהויבן צו וויינען. וואלף לארסען האט נייגעריק געקוקט אויף אים, גלייך ווי ער וואלט אים געוואלט אדורכפארשן און מאכן איבער אים א סעקציע, דאן האט ער זיך מישב געווען, ווי פון א פריערדיקן באשלוס, אז ס'איז דא בעצם גארנישט פאראן וואס אויסצופארשן.

„העמפ", האט ער געזאגט צו מיר אויסערגעוויינלעך העפלעך. „זייט אזוי גוט און פירט ארויף מר. מאגרידזשן אויפן דעק. ער איז עפעס נישט מיט אלעם".

„און זאגט דזשאנסאנען, אז ער זאל אים אפטובלען מיט א פאר קיבל געזאלצן וואסער", האט ער צוגעגעבן אין דער שטיל, אז איך אליין זאל הערן.

איך האב איבערגעלאזט מר. מאגרידזשן אויפן דעק אין די הענט פון א פאר ציין-אויסשטשירנדיקע מאטראזן, וואס זענען ארויפגעשיקט געווארן צו דעם צוועק. מר. מאגרידזש האט א פארשלאפענער געמורמלט, אז ער איז א דזשענטלמענס א זון, און ווען כ'בין אראפ אין דער קאיוטע ארייין אפצורוימען דעם טיש, האב איך געהערט ווי ער האט געשריגן נאכן ערשטן קיבל וואסער.

וואלף לארסען האט געציילט זיין געווינס.

„גלייכע הונדערט און פינפאונצוואנציק דאלאר", האט ער הויך געזאגט. „כ'האב עס באלד געוווסט. דער קבצן איז אהערגעקומען אן א סענט".

„און וואס איר האט געווינען איז מיין, סיר", — האב איך דרייסט געזאגט.

ער האט מיר געשאנקען א שמייכל.

„העמפ, כ'האב אמאל געלערנט גראמאטיק, און איך מיין, אז איר פארבייט די צייט-פארמען. איר האט געדארפט זאגן „איז געווען מיין", נישט „איז מיין"".

„דאס איז א פראבלעם נישט פון גראמאטיק, נאר פון עטיק", האב איך געענטפערט.

ס׳האָט געדויערט אפשר אַ מינוט איידער ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן.

„צי ווייסט איר, העמפּ״, האָט ער געזאָגט מיט לאַנגזאַמער ערנסטקייט, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַן אומבאַשטימטן טאָן פון טרויעריקייט, „אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן הער איך פון אַ מענטש דאָס וואָרט „עטיק״. איך און איר זעמיר די איינציקע מענטשן אויף דערדאָזיקער שיף, וועלכע ווייסן די באַדייטונג פון דאָזיקן וואָרט״.

„ס׳איז געווען אַ צייט״, האָט ער פאָרגעזעצט נאָך אַ קורצער הפסקה, „ווען כ׳האָב געטרוימט, אַז כ׳וועל אַמאָל שמועסן מיט מענטשן, וואָס וועלן באַנוצן אַזעלכע ווערטער, אַז איך וועל זיך אויפהייבן פון מיין אָרט, וואָס איך פאַרנעם אין לעבן זינט מיין געבוירן, און פירן געשפּרעכן און האָבן באַציִונגען מיט מענטשן, וואָס רעדן טאַקע וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי עטיק. און איצט האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט אַרויסרעדן דאָסדאָזיקע וואָרט. און אגב, זענט איר נישט גערעכט. דאָס איז אַ פּראָבלעם, נישט פון גראַמאַטיק און נישט פון עטיק, נאָר פון אַ פאַקט״.

„כ׳פאַרשטיי״, האָב איך געזאָגט. „דער פאַקט איז, אַז איר האָט דאָס געלט״.

זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן. ער האָט אויסגעזען צו זיין צופרידן פון זיין דורכדרינגלעכקייט.

„אָבער דאָס הייסט אויסמיידן דעם אמתן פּראָבלעם״, האָב איך פאָרגעזעצט, „וואָס הייסט רעכט״.

„אַ״, האָט ער באַמערקט, פאַרקרימענדיק זיין מויל, „איך זע, אַז איר גלויבט נאָך אין אַזעלכע זאַכן ווי רעכט און אומרעכט.

„און איר, לחלוטין נישט״? האָב איך געפרעגט.

„כ׳הייב גאָרנישט אָן צו גלויבן. מאַכט איז רעכט, אָט וואָס ס׳איז דאָ צו זאָגן וועגן דעם. שוואַכקייט איז אומרעכט. ס׳איז אָבער אַ זייער נעבעכדיקע זאַך צו זאָגן, אַז ס׳איז גוט צו זיין שטאַרק, און ס׳איז שלעכט צו זיין שוואַך — אָדער

נאָך בעסער, עס איז אָנגענעם צו זיין שטאַרק צוליב די פּאַר דינסטן, און ס'איז שמערצלעך צו זיין שוואַך צוליב דער שטראָף. אָט איצט, דאָס פֿאַרמאָגן דאָס געווינענע געלט איז אַן אָנגענעמע זאַך. ס'איז גוט צו האָבן געלט. זייענדיק אין שטאַנד צו האָבן עס, טו איך אַן עוולה מיר און דעם לעבן, וואָס איז אין מיר, אויב כ'גיב עס אייך אַוועק און זאָג מיך אָפּ פֿונם פֿאַרגעניגן עס צו האָבן".

„אָבער איר באַוועלט מיך, פֿאַרהאַלטנדיק עס", האָב איך אָפּגעענטפֿערט.

„ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן. איין מענטש קען נישט באַוועלן דעם צווייטן. ער קען נאָר זיך גופֿא באַוועלן. ווי כ'האָב איינגעזען, טו איך מיר שטענדיק אַן עוולה, ווען כ'נעם אין אַכט די אינטערעסן פֿון אַנדערע מענטשן. צי פֿאַרשטייט איר דאָס נישט? ווי אַזוי קענען צוויי טײלכלעך פֿון הייוון באַוועלן איינער דעם צווייטן, קעמפֿנדיק קעגנזייטיק אויפֿצופֿרעסן זיך? זייער איינגעבוירענע ירושה-נייגונג איז אויפֿצופֿרעסן איינער דעם צווייטן, און צו קעמפֿן נישט צו ווערן אויפֿגעפֿרעסן. ווען זיי זענען עובר אויף דעם, זינדיקן זיי".

„גלייבט איר נישט, הייסט עס, אין אַלטרואיזם"? האָב איך אים געפֿרעגט.

ער האָט צוגענומען דאָס וואָרט, גלייך ווי עס וואָלט אים באַקאַנט געווען, הגם ער האָט זיך טיף פֿאַרטראַכט, דערהערנדיק עס.

„וואַרט אַ ווײלע, עס האָט עפּעס אַ שייכות מיט צוזאַמענאַרבעט, ניין"?

„יאָ, אין אַ געוויסן זין האָט עס אַ שייכות", האָב איך געענטפֿערט, דאָס מאָל זיך נישט געחידושט אויפֿן בלויז אין זיין ווערטערבוך, וועלכעס, פּונקט ווי זיינע אַלע ידיעות, איז געווען דער פֿאַרמעג פֿון אַן אויטאָדידאַקט, וועמען קיינער האָט נישט אָנגעוויזן וואָס ער האָט צום לערנען, און וועלכער האָט אַ סך אַדורכגעטראַכט און ווינציק אָדער כמעט ווי גאָרנישט געפֿירט געשפּרעכן. „אַן אַלטרואיסטישע טאַט איז אַ טאַט, וואָס

איז באַגאַנגען געוואָרן צוליבן ווילן פֿון אַנדערע מענטשן. דאָס איז אַ נישט־ עגאָאיסטישע טאַט, להיפּוך צו דער טאַט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פֿאַרן „איך", וואָס דאָס הייסט עגאָאיסטיש".

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„אָ, יאָ, כ'דערמאָן מיך איצט. כ'האָב עס געטראָפֿן בײַ ספּענסערן".

„ספּענסער"! האָב איך אַ געשריי געטון. „צי האָט איר אים געלייענט"?

„נישט איבעריק", האָט ער זיך מודה געווען. „כ'האָב גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען זײַנע ערשטע פּרינציפּן, אָבער זײַן ביאָלאָגיע האָט מיך אינגאַנצן צעחושט, און אין זײַן פּסיכאָלאָגיע האָב איך מיך אומזיסט געמוטשעט אַ צײַט. כ'האָב בפֿירוש נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל. כ'האָב עס פֿאַרשריבן אויפֿן חשבון פֿון מײַנע גײַסטיקע דעפֿעקטן, אָבער זינט דאַן האָב איך מיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז געווען צוליב דער נישט צוגעגרייטקייט צו דעם ענין. כ'האָב נישט געהאַט קיין געהעריקע באַזע. נאָר ספּענסער און איך ווייסן ווי שווער איך האָב געאַרבעט. אָבער פֿון זײַנע יסודות פֿון עטיק האָב איך יאָ עפּעס געלערנט. אָט דאָרט האָב איך געטראָפֿן דאָס וואָרט „אַלטרואיזם" און איך דערמאָן זיך ווי אַזוי עס איז אָנגעווענדט געוואָרן".

כ'האָב מיך געפֿרעגט וואָס דערדאָזיקער מענטש האָט זיך געקענט אויסלערנען פֿון אַזאַ ווערק. פֿאַר ספּענסערן, אויף וויפֿיל איך געדענק, איז דער אַלטרואיזם אַן אימפּעראַטיוו פֿאַר זײַן אידעאַל פֿון העכסטער אויפֿפֿירונג. וואָלף לאַרסען האָט וואַרשײַנלעך אַדורכגעזיפּט די טעאָריעס פֿון גרויסן פֿילאָזאָף, אָפּוואַרפֿנדיק און אויסקלײַבנדיק דאָס, וואָס איז אין הסכּם מיט זײַנע נויטן און ווינטשן.

„וואָס נאָך האָט איר געטראָפֿן"? האָב איך געפֿרעגט.

זײַנע ברעמען האָבן זיך לײַכט פֿאַרקנײַטשט פֿון דער גײַסטיקער אָנשטרענגונג אויסצוזוכן פּאַסיקע פֿראַזן פֿאַר זײַנע

געדאַנקען, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעדרוקט. איך האָב דערפילט אַ גייסטיקע דערהויבנקייט, און איך האָב גע-גיישטערט אין זיין נשמה-לעבן ווי ער איז געווען געוווינט צו גריבלען זיך אין נשמה-לעבן פון אַנדערע. איך האָב געפּאָרשט אַ קרקע-בתולה, און פאַר מיינע אויגן האָט זיך פאַנאַנדערגע-וויקלט אַ מאָדנע, שרעקלעך-מאָדנע געביט.

„אין געציילטע ווערטער", האָט ער אָנגעהויבן, „דריקט עס ספּענסער מער-וויניק אַזוי אויס: ערשטנס, מוז אַ מענטש אַרבעטן פאַר זיין אייגענעם וווילשטאַנד — אַזוי צו טון איז מאָראַליש און גוט. צווייטנס, מוז ער אַרבעטן פאַרן וווילשטאַנד פון זיינע קינדער. דריטנס, מוז ער אַרבעטן פאַרן וווילשטאַנד פון זיין ראַסע".

„און די העכסטע, איידלסטע, ריכטיקע אויפפירונג", האָב איך איבערגעריסן, „איז די טאַט, וואָס איז גלייכצייטיק פאַרן וווילשטאַנד פון מענטש, פון זיינע קינדער און פון זיין ראַסע".

„איך האַלט נישט פון דעם", האָט ער געענטפערט. „איך זע נישט די נויטווענדיקייט דערפון, דעם גלייכן שכל דערפון. איך שליס אויס די ראַסע און די קינדער. איך וועל גאָרנישט מקריב זיין פאַר זיי. דאָס איז עפּעס עקלהאַפטס און סענטימענטאַל און איר מוזט עס אַליין פאַרשטיין, לכל הפּחות פאַר איינעם, וואָס גלייבט נישט אין אייביקן לעבן. מיט אומשטערבלעכקייט פאַר מיר, וואָלט אַלטרויזם געהייסן אַ פּשוטער געשעפטס-פאָרשלאַג. איך קען דערהייבן מיין נשמה צו אַלע מינים פון הויכקייטן. אָבער מיט קיין שום אייביקס פאַר מיר חוץ דעם טויט, מיט דעמדאָזיקן יערנדיקן קריכן און ציטערן אויף אַ קורצן צייט-שפּאַן, וואָס הייסט לעבן. אָ עס וואָלט געווען אוממאָראַ-ליש פאַר מיר צו באַגיין, אַ, טאַט, וואָס הייסט אויפאָפּפערונג. וועלכע נישט איז אויפאָפּפערונג, וואָס צווינגט מיך צו פאַרלירן איין קריך אָדער איין באַוועגונג איז נאַריש, — און נישט נאָר נאַריש, ווייל דאָס איז אַן עוולה קעגן מיר און אַן עבירה. איך טאָר נישט פאַרלירן איין קריך אָדער באַוועגונג, אויב איך וויל אַרויסבאַקומען דאָס העכסטע פון דאָזיקן פערמענט. די אייביקע

אומבאַוועגלעכקייט, וואָס וואַרט אויף מיר, וועט נישט ווערן גרינגער אָדער שווערער צוליב די קרבנות אָדער עגאָאיזם, וואָס איך האָב געבראַכט, בעת איך בין געוואַקסן און געקראָכן".

„דאַן זענט איר דאָך אַן אינדיווידואַליסט, אַ מאַטעריאַ־ליסט און, לאָגיש גערעדט, אַ העדאָניסט".

„פּוסטע דבורים", האָט ער געשמייכלט. „אָבער וואָס מיינט מען דאָס „העדאָניסט"?

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון הסכּמה, ווען כ'האָב אים דערקלערט דעם טייטש פון דאָזיקן וואָרט.

„און איר זענט אויך", האָב איך פאָרגעזעצט, „אַ מענטש, וועלכן מ'קען גאָרנישט געטרויען אין זאַכן, ווו עס זענען פאַר־מישט עגאָאיסטישע אינטערעסן".

„איצט הייבט איר אָן צו פאַרשטיין", האָט ער געזאָגט, אַ שיינענדיקער.

„איר זענט אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, ווי די וועלט רופט עס, מאָראַל.

„אָט דאָס איז עס".

„אַ מענטש, פאַר וועלכן מ'דאַרף מורא האָבן — —"

„אָט אַזוי דאַרף מען שטעלן די פראַגע".

„ווי מ'דאַרף מורא האָבן פאַר אַ שלאַנג, פאַר אַ טיגער אָדער פאַר אַ הייפיש!".

„איצט האָט איר מיך דערקענט", האָט ער געזאָגט, „און איר קענט מיך, ווי מ'קען מיך אומעטום, אַנדערע מענטשן רופן מיך „וואָלף".

„איר זענט אַ מין פאַרזעעניש", האָב איך דרייסט צוגע־געבן, „אַ קאַליבאַן, וואָס האָט אָנגעפלאָדיעט טייוולאָנים, וועל־כע באַגייען זיך ווי איר, אין רואיקע מאָמענטן. געפירט פון קאַפּריז און פאַנטאַזיע".

זיינע ברעמען האָבן זיך פאַרקנייטשט ביי דערדאָזיקער אַלוזיע, ער האָט נישט פאַרשטאַנען מיינע ווערטער, און ס'איך בין באַלד געוואָר געוואָרן, אַז ער ד'האָט נישט געלייענט די פּאָעמע.

„איך לייען איצט בראונינגען", האָט ער זיך מודה געווען, „און עס איז אַ האַרטער ביסן פאַר מיר. איך האָב נישט געלייענט קיין סך, און אויב ס'וועט ווייטער אַזוי גיין, וועל איך פאַרלירן די געדולד".

כדי נישט צו לאַנגווײַלן דעם לעזער, מוז איך דאָ זאָגן, אַז כ'האָב איבערגעבראַכט פון זײַן קאַפּיטל דאָס בוך און אויפן קול געלייענט „קאַליבאַן". ער איז געווען אַנטציקט.

דאָס איז געווען אַ פּרימיטיווער דענק-אופן און בליק אויף זאַכן, וועלכע וואָלף לאַרסען האָט פולשטענדיק פאַרשטאַנען. ער האָט אַ סך מאָל איבערגעריסן אינמיטן, פאַרטײַטשנדיק און קריטיקירנדיק. ווען כ'האָב געענדיקט דאָס לייענען, האָט ער מיך געהייסן איבערלייענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. מיר האָבן אָנגעהויבן דיסקוטירן — וועגן פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, עוואָלוציע, רעליגיע. ער האָט דאַן פאַרראַטן די אומפּינקטלעכקייטן פון אַן אויטאָדידאַקט.

און, כ'מוז צוגעבן, די זיכערקייט און די פשטות פון פּרימיטיוון געדאַנק. די פּראָסטקייט פון זײַן דענקען איז געווען זײַן שטאַרקער פּונקט, און זײַן מאַטעריאַליזם איז געווען אַ סך מער באַצווינגענדיקער ווי דער סובטעל-פאַרפלאָנטערטער מאַטעריאַליזם פון מײַן פרײַנט טשאַרלי פּערוסעט. דאָס הייסט נישט, אַז איך — אַן איבערצייגטער און, ווי פּערוסעט האָט עס אָנגערופן — טעמפּעראַמענטפולער אידעאַליסט, האָב נאָכגעגעבן, נאָר וואָלף לאַרסען האָט געשטורעמט די לעצטע פעסטונג פון מײַן גלויבן מיט אַזאַ קראַפט, וועלכע כ'האָב געמוזט רעספּעקטירן, הגם זי איז נישט געווען איבערצייגנדיק.

די צײַט איז זיך דערווײַל געגאַנגען, מ'האָט שוין געהאַלטן בײַם אָונט-ברויט און דער טיש איז נאָך נישט געווען געגרייט. איך בין געוואָרן אומרויִק און שרעקעוודיק, און ווען טאָמאַס מאַגרידזש האָט ווילד אַראָפּגעקוקט אין דער קאַיוטע אַרײַן, מיט אַן אומרויִק און בייז געזיכט, האָב איך מיך געגרייט צו דערפילן מײַן פליכט. אָבער וואָלף לאַרסען האָט געשריגן צו אים:

„קוקי, היינט ביינאַכט מוזט איר זיך דאָ פּאָרען. כ׳בין פאַרנומען מיט העמפּ און איר וועט שוין אַליין טון אָן אים“.

און ווידעראַמאָל איז געשען אַ ביישפּיללאָזע זאַך. יענע נאַכט בין איך געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַן און די יעגער, בעת טאָמאַס מאַגרידוש האָט אונז באַדינט און נאָכן עסן געוואַשן דאָס געפעס — אַ קאַפּריז, אַ קאַליבאַן־פאַנטאַזיע פון וואָלף לאַרסענען, אַ קאַפּריז, ווי כ׳האָב פאָראויסגעזען, וואָס וועט מיר גורם זיין עגמת־נפש. דערווייל האָבן מיר גערעדט און געשמועסט צו דער גרויסער אומצופרידנהייט פון די יעגער, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

# קאַפּיטל ניין.

דריי טאָג רו, דריי געבענטשטע רו־טעג האָב איך פאַר־בראַכט מיט וואָלף לאַרסענען, געגעסן ביים קאַבינע־טיש, גאָר־נישט געטון נאָר דיסקוטירט וועגן לעבן, ליטעראַטור און דעם וועלטאַל, און אין דער צייט האָט טאָמאַס מאַגרידוש זיך גע־כעסט און געקאָכט, און געטון מיין אַרבעט ווי אויך זיין איי־גענע.

„היט אייך פאַר אַ שקוואַל, אַט וואָס איך זאָג אייך“, האָט מיך לואיס געוואָרנט, בעת איך האָב פאַרבראַכט אַ פרייע האַלבע־שעה אויפן דעק, ווען וואָלף לאַרסען האָט אויסגעגלייכט עפעס אַ קריגערייַ צווישן די יעגער.

„איר קענט גאָרנישט וויסן, וואָס ס׳וועט ווייטער זיין“, האָט לואיס פאָרגעזעצט, ענטפערנדיק אויף מיין פראַגע וועגן מער באַשטימטע אינפאָרמאַציעס.

„דער מענטש איז אַזוי פאַרענדערלעך ווי לופט־אָדער וואַ־סער־שטראָמען, איר קענט קיינמאָל נישט משער זיין זיך וווהין ער גייט. אַט ווי אייך דאַכט זיך, אַז איר קאָנט אים שוין און

איר מיידט אים אויס, גיט ער אייך אַ שטויס, און צערייסט אויף פּיצלעך די זעגל".

און דעריבער בין איך גאָרנישט געווען איבערראַשט, ווען דער שקוואַל, וואָס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרן פון לואיסן, האָט מיך באַשפּריצט. מיר האָבן געפירט אַ היציקע דיסקוסיע - וועגן לעבן, נאַטירלעך, — און ווערנדיק צו-דרייסט האָב איך פאַרגעוואָרפן וואָלף לאַרסענען זיין ווילד לעבן.

פאַקטיש האָב איך מיך געגריבלט און געגנישטערט אין זיין נשמה און אַזוי שאַרף און גרונטלעך אַדורכגעדרונגען זיין נשמה-לעבן, ווי ער איז געוווינט געווען צו טון מיט אַנדערע.

ס'קאָן זיין, אַז איך האָב אַ שוואַכקייט צו אויפרייצנדיקע שמועסן; איך האָב אָבער אַוועקגענומען אַלע באַגרענצונגען, און געשמיסן אים און געריסן פּאַסעס ביז ער האָט אינגאַנצן אָנגעהויבן צו ברומען. זיין טונקל פאַרברענט-בראָנזן פּנים איז געוואָרן שוואַרץ פאַר רציחה, זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו ברענען. ס'איז נישט געווען צו באַמערקן אין זיי קיין קלאָרקייט אָדער געזונטן פאַרשטאַנד — גאָרנישט נאָר דער שרעקלעכער כעס פון אַ משוגענעם. איך האָב אין אים דערזען דעם וואָלף און טאַקע דעם משוגענעם וואָלף.

ער איז צוגעשפּרונגען צו מיר מיט אַ האַלבן-געברום, אָנכאַפּנדיק מיך ביים אָרעם. איך האָב מיך געוואַגט אַנטקעגנשטעלן זיך, הגם אינערלעך אין האַרצן האָב איך געציטערט; אָבער די ריזיקע קראַפט פון דעמדאָזיקן מענטש איז געווען צו-פיל פאַר מיר.

ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי די אָרעמס מיט זיין איינציקער האַנט, און ווען ער האָט זי אָפּגעלאָזט, האָב איך אָנגעהויבן צו ריטשען און הויך געשריגן. די פיס האָבן אָנגעהויבן וואַרפן זיך, כ'האָב פּשוט נישט געקאָנט איינשטיין און איבערהאַלטן דעם ווייטיק. די מוסקולן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דערפילן זייער פונקציע. דער ווייטיק איז געווען צו-גרויס. מיינע אָרעמס זענען געווען צעריבן ווי אַ פּאַפּקע.

ער איז, ווייזט אויס, געקומען צו זיך, ווייל זיינע אויגן

האָבן גענומען שיינען מיט אַ העל פייערל, און ער האָט נאָכגעלאָזט זיין האַנט מיט אַ קורצען שמייכל, וואָס איז געווען מער ענלעך צו אַ מרוטשען.

איך בין אומגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, פילנדיק זיך זייער שוואַך, בעת ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און מיך באַטראַכט, ווי אַ קאַץ באַטראַכט אַ מויז. בעת איך האָב מיך אַזוי געוואָרפן אין מיינע יסורים, האָב איך דערזען אין זיינע אויגן יענע נייגעריקייט, וואָס כ'האָב אַזוי אָפט באַמערקט, יענע שטוינונג און צעחושטקייט, יענע קשיה, יענע אייביקע פראַגע זיינע: צו וואָס טויג דאָס אַלץ?

ענדלעך האָב איך מיך געשטעלט אויף די פיס און אַראָפּגעגאַנגען אין דער קאַיוטע אַריין. ס'איז שוין געווען נאָכן שיינעם וועטער און כ'האָב נישט געהאַט קיין ברירה און צוריק אַרויף אין דער קיך אַריין. מיין לינקער אָרעם איז געווען געליימט, ווי פאַראַליזירט, און ס'זענען פאַרביי אַ סך טעג איידער כ'האָב אים געקאָנט באַנוצן, און ס'האָבן געדויערט שיינע וואָכן ביז ער האָט אויפגעהערט וויי צו טון.

און וואָלף לאַרסען האָט דאָך גאָרנישט געטון, נאָר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אָרעם און געגעבן אַ קוועטש, ער האָט אים נישט אויסגעדרייט אָדער אויסגעלענקט. ער האָט נאָר צוגעמאַכט זיין האַנט מיט אַ פעסטן דרוק. וואָס ער האָט יאָ געקאָנט טון, דאָס בין איך ערשט געוואָר געוואָרן צו-מאָרגנס, ווען ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין קיך אַריין און, אַלס אַ צייכן פון באַנייטער פריינטשאַפט, האָט ער מיך געפרעגט, וואָס דער אָרעם מאַכט.

„ס'האָט נאָך געקאָנט זיין ערגער", האָט ער געשמייכלט.

כ'האָב דאַן געשיילט קאַרטאָפל. ער האָט אַרויסגענומען איינעם פון דער בראָטפאַן. דער קאַרטאָפל איז געווען אַ הייסער, אַ פעסטער, אַ נישט-אָנגעשיילטער. ער האָט אים אַריינגענומען אין זיין האַנט אַריין, זי פאַרמאַכט, אַ קוועטש געטון און דער קאַרטאָפל האָט אָנגעהויבן צו שפּריצן צווישן זיינע פינגער ווי שוואָמען-זאַפט. די איבערגעבליבענע פּאַפּקע האָט

ער צוריק אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער בראָטפֿאַן, און זיך אויסגע־דרייט, און איך האָב געהאַט פֿאַר מיר אַ בולט בילד, וואָס עס וואָלט געקאָנט געשען מיט מיר, ווען די בעסטיע וואָלט לגבי מיר אָנגעווענדט זײַן אמתע קראַפֿט.

אָבער טראָץ אַלעם איז פֿאָרט גוט געווען, וואָס כ'האָב מיך אָפּגערוט דרײַ טעג, ווײַל די קני מײַנע האָט עס נייטיק געדאַרפֿט.

ס'איז מיר געוואָרן בעסער, דאָס געשווילעכטס איז קלע־נער געוואָרן און דער קנעכל איז, דאַכט זיך, שוין געווען אויף זײַן ריכטיקן אָרט.

אָבער דידאָזיקע דרײַ טעג האָבן אויך געבערענגט דאָס עגמת־נפֿש, וואָס איך האָב פֿאָרויסגעזען. ס'איז געווען באַשײַנ־פּערלעך, אַז טאָמאַס מאַגרידזש וועט מיר הייסן באַצאָלן פֿאַר דידאָזיקע דרײַ טעג. ער האָט מיך באַהאַנדלט זייער געמיין, אומאויפֿהערלעך מיך געשאָלטן און זײַן גאַנצע אַרבעט אַרויפֿ־געלייגט אויף מיר.

ער האָט אפֿילו געוואַגט אויפֿצוהייבן די פֿויסט אויף מיר, אָבער איך האָב אָנגעהויבן צו ווערן ווי אַ חיה, און איך האָב אַזוי שרעקלעך געברומט אין זײַן פּנים, אַז עס האָט אים אָפּגעשראָקן. נישט קיין אָנגענעם בילד קען איך אַרויסרופֿן אין מײַן געדאַנק וועגן מיר, העמפּרי וואַן וועידן, אויף יענער רוישנ־דיקער שיפֿס־קיך, אײַנגעקאָרטשעט אין אַ ווינקל איבער מײַן אַרבעט, מיט מײַן פּנים אויפֿגעהויבן צום פּנים פֿון יענער בהמה, וואָס האָט מיך געוואָלט שלאָגן, מיט מײַנע אויפֿגעהויבענע און ברומענדיקע ליפּן, ווי בײַ אַ הונט, מיט מײַנע בלישטשנדיקע אויגן פֿון שרעק און אומבאַהאָלפֿנקייט און מיטן קוראַזש, וואָס קומט פֿון שרעק און אומבאַהאָלפֿנקייט.

איך האָב נישט ליב צו דערמאָנען זיך אָן דעמדאָזיקן בילד. עס דערמאָנט מיך צו־פֿיל אָן אַ מויז אין דער פּולאַפּקע. כ'וויל גאָרנישט קלערן דערפֿון; אָבער דאָסדאָזיקע בילד ד'האָט געהאַט אַ ווירקונג, ווײַל דער דראָענדיקער קלאַפּ איז נישט געקומען.

טאמאס מאגרידזש האט זיך אפגערוקט, גלאצנדיק אינ-
גאנצן מיט האס און שלעכטסקייט, פונקט ווי איך. ביידע זע-
נען מיר א פאר בעסטיעס, וואס זענען געוועןן איינגעשלאסן
צוזאמען און געקריצט מיט די ציין. ער איז געווען א פחדן,
מורא געהאט מיך אנצורירן, ווייל כ׳האב נישט גענוג געציטערט
פאר אים; און דעריבער האט ער אויסגעזוכט א ניי מיטל מיך
אפצושרעקן. אין דער קיך האט זיך געפונען איין מעסער, וואס
מען האט געקאנט אנרופן מיט דעם נאמען. דאסדאזיקע מעסער
האט, א דאנק דעם, וואס עס איז באנוצט געווארן א סך יארן,
באקומען א לאנגע און שפיציקע שארף. עס האט אויסגעזען
אומגעווייגלעך-אכזריותדיק, און אין די ערשטע צייטן האב איך
יעדעס מאל געשוידערט, באנוצנדיק עס. דער קוכער האט גע-
בארגט א שטיין ביי דזשאהאנסענען און זיך גענומען שלייפן
דאס מעסער. ער האט דאס געטון מיט א באזונדערער צו-להכעיס-
דיקייט, און די גאנצע צייט באדייטונגספול געקוקט אויף מיר.
ער האט עס געשליפט א גאנצן טאג. אין יעדער פרייער מי-
נוט, וואס ער האט נאר געהאט, האט ער ארויסגענומען דאס
מעסער און דעם שטיין און אנגעהויבן צו שלייפן. דער שטאל
איז געווארן שארף ווי דער שפיץ פון א ראזיר-מעסער. ער האט
עס געפרווט אויפן גראבן פינגער, אדער אויפן נאגל. ער האט
דערמיט אנגעראזירט די האר פון זיין האנט, באטראכט דעם
שפיץ מיט א מיקראסקאפישער גענויאיקייט און יעדעס מאל גע-
פונען, אדער געמאכט אן אנשטעל, אז ער געפינט, עפעס א
קליינע נישטגלייכהייט אין דער שארף. דאן פלעגט ער עס ווידער
נעמען ארויפלייגן אויפן שטיין און געשליפט, געשליפט, אזוי
לאנג, אז כ׳האב אוש זיך הויך צעלאכט: עס איז געווען אזוי
לעכערלעך.

עס איז אבער אויך געווען אן ערנסטער ענין, ווייל כ׳בין
געווואר געווארן, אז ער איז פעיק צו באנוצן עס, אז מיט זיין
גאנצער פחדנות האט ער פארמאגט דעם מוט פון א פחדן, ווי
איך, וועלכער צווינגט אים צו באגיין דיזעלבע טאט קעגן ווער-

כער זיין גאַנצע נאַטור פּראָטעסטירט און האָט מורא צו באַגיין.

„קוקי, שלייפט דאָס מעסער פאַר העמפּן", האָט זיך געהערט אַ געשושקעריי צווישן די מאַטראָזן, און מאַנכע פון זיי האָבן אים דערצו אונטערגעהעצט. דאָס האָט ער אָנגענומען פאַר אַ גוטע מטבע, און ער איז באמת געווען צופרידן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַ שרעקלעכן פאָרגעפיל און סודותפולקייט, ביז דזשאָרדזש ליטש, דער געוועזענער קאַיוטע-משרת, האָט זיך געוואַגט צו זאָגן עפּעס אַ גראָבן וויץ אויף דעם חשבון.

גראָד האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז ליטש איז געווען איינער פון די מאַטראָזן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אָנצוצוואָגן מאַגרידזשן נאָך זיין קאָרטן-שפּיל מיטן קאַפּיטאַן. ליטש האָט מסתמא געטון זיין אַרבעט מיט אַ גרינגלעכקייט, וועלכע מאַגרידזש האָט נישט געקענט מוחל זיין, ווייל ס'איז געקומען צו אַ ווערטער-אויסטויש, צו אַ געזידלעריי, אַריינמישנדיק אפילו די שמוציקע אורעלטערן. מאַגרידזש האָט געדראָט מיטן מעסער, וואָס ער האָט געשליפן פאַר מיר. ליטש האָט געלאַכט און אויסגענוצט דעם ווערטערבוך פון זיין דערציונגס-אַנשטאַלט און איידער ער אָדער איך האָבן געוווסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז זיין רעכטער אָרעם געוואָרן אויפגעשניטן פון עלנבויגן אָן ביז צום ביינדל פון דער האַנט מיט אַ שנעלן זעץ פון מעסער.

דער קוכער האָט זיך גלייך נאָכדעם אָפּגערוקט מיט אַ טייוולאָנישן אויסדרוק אויף זיין געזיכט, האַלטנדיק דאָס מעסער אין אַ פאַרטיידיקונגס-פּאָזיציע. אָבער ליטש האָט אָנגענומען דעם גאַנצן ענין רויק, הגם דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן בשפע, ווי וואַסער פון אַ פאָנטאַן.

„כ'וועל דיך פאַקן, קוקי", האָט ער געזאָגט, „און כ'וועל דיך גוט אָנלערנען. אָבער כ'איל מיך נישט. ווען כ'וועל קומען נאָך דיר, וועסטו דאַן נישט האָבן ביי זיך דאָס מעסער".

זאָגנדיק דאָס, האָט ער זיך אויסגעדרייט און רויק אַוועק. מאַגרידזשס פּנים איז געווען בלייך פאַר שרעק פון דער אָפּ-

געטועגער זאַך און פּאַר מורא, וואָס עס דערוואַרט אים פריער-שפּעטער פון דעם מענטש, וועלכן ער האָט געשטאָכן.

אָבער זיין באַציונג צו מיר איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער. נישט געקוקט אויף זיין מורא פאַר דער פאַרגעלטונג, וואָס ער דאַרף באַקומען, האָט ער געזען, אַז דער פאַקט מיט ליטשן איז געווען פאַר מיר אַן אָנלערן-לעקציע, און ער איז געוואָרן מער תקיפדיק און באַפעלעריש. חוץ דעם האָט אין אים געברענט אַ גלוסטונג, ענלעך צו אַ משוגעת, וואָס איז אַנטשטאַנען ביים אָנבליק פונם בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן. ער האָט אָנגעהויבן צו זען בלוט אין יעדער ריכטונג, ווו ער האָט נאָר געקוקט.

די פּסיכאָלאָגיע פון דערדאָזיקער דערשיינונג איז זייער אַ פאַרפּלאָנטערטע און דאָך האָב איך געקענט לייענען זיינע געדאַנקען אַזוי קלאָר, ווי אַ געדרוקט בוך.

ס'זענען פאַרביי אייניקע טעג און דאָס געשפּענסט האָט נאָך אַלץ געשווימט אין דעם גרויסן ווינט, און כ'האָב געקענט שווערן, אַז כ'זע משוגעת אין טאָמאַס מאַגרידזשס אויגן. און כ'בין זיך מודה, אַז איך האָב מורא באַקומען, שטאַרק מורא באַקומען. שלייף, שלייף, שלייף. אַזוי איז עס געגאַנגען אַ גאַנצע טאָג. ווען ער האָט געשלייפט דעם שאַרפן שפּיץ און געקוקט אויף מיר, האָבן זיינע אויגן אויסגעזען אַזוי ווי ביי אַ ווילדע בעסטיע. כ'האָב מורא געהאַט אויסצודרייען זיך מיטן רוקן און ווען כ'האָב געדאַרפט אַרויסגיין פון דער קיך, בין איך אַרויסגעגאַנגען הינטערווײלעכטס—צו דער צופרידנהייט פון די מאַטראָזן און יעגער, װאָס האָבן זיך געמאַכט אַ מאָדע צענויפצוזאַמלען זיך אין גרופּקעס און בייוווינען ווען איך גיי אַרויס פון דער קיך.

די שפּאַנונג איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. טיילמאָל האָב איך געמיינט, אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען — אַ געוויינלעכע זאַך אויף דערדאָזיקער שיף פון משוגעים און ווילדע בעסטיעס. יעדע מינוט, יעדע שעה איז מיין לעבן געשטאַנען אין סכנה. אַ מענטשלעכע נשמה האָט געליטן, און ס'האָט זיך

נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל אַרויסווייזן גענוג סימפּאַטיע און קומען מיר צו-הילף.

צייטנווייז האָב איך שוין געהאַלטן ביים אַנידערוואַרפן זיך צו וואָלף לאַרסענס פיס, אָבער ס'האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט דאָס בילד פון טייוולאָנישן חוזק אין זיינע אויגן, וואָס פרעגן וועגן לעבן און מאַכן חוזק דערפון. האָב איך מיך געשטאַרקט און געצווּנגען זיך אָפּצוהאַלטן פון דעם. אַן אַנדערש מאָל ווי-דער האָב איך ערנסט געטראַכט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און כ'האָב געמוזט אָנשטרענגען די גאַנצע קראַפט פון מיין האָפ-נונגספולער פילאָזאָפיע, כדי אָפּצוהאַלטן זיך פון אַריבערגיין די גרעניץ פון אייביקער נאַכט.

עטלעכע מאָל האָט וואָלף לאַרסען געפרוווט מיך אַריינצו-ציען אין אַ דיסקוסיע, איך האָב אָבער געגעבן קורצע תשובות און אויסגעמיטן אים.

ענדלעך האָט ער מיך געהייסן ווידער פאַרנעמען אַן אָרט ביים קאַבינע-טיש און אַז דער קוכער זאָל טון מיין אַרבעט. דאַן האָב איך גערעדט אָפנהאַרציק, דערציילנדיק אים וואָס איך לייד פון טאָמאַס מאַגרידוש צוליב די דריי פרייע טעג.

וואָלף לאַרסען האָט מיך באַטראַכט מיט שמייכלענדיקע אויגן.

„אַזוי, האָט איר מורא, הא?" האָט ער געחוזקט.

„יאָ", האָב איך געענטפערט אַרויסרופעריש און אויפריכ-טיק, „כ'האָב מורא".

„דאָס איז שטענדיק אַזוי מיט אייך, מענטשעלעך", האָט ער געשריגן האַלב אין כעס, „סענטימענטאַלע געדאַנקען וועגן אייערע אומשטערבלעכע נשמות און מורא צו שטאַרבן. ביים אָנ-בליק פון אַ שאַרף מעסער און אַ פחדנותדיקן קאָקני באַזיגט דאָס קלאַמערן זיך פון לעבן צום לעבן אייער נאַרישקייט. איר ווערט דאָך, מיין טייער מענטשל, לעבן אייביק. איר זענט אַ גאָט, און גאָט קען נישט געטויט ווערן. קוקי קען אייך נישט פאַרוווּנדן. איר זענט זיכער, אַז איר וועט אויפשטיין תחית-המתים. וואָס איז דאָ מורא צו האָבן?

„איר האָט פאַר זיך דאָס אייביקע לעבן. איר זענט אַ מיליאָנער אין דער אומשטאַרבלעכקייט, אַ מיליאָנער, וועמענס פאַרמעגן קען נישט פאַרלוירן גיין, וועמענס פאַרמעגן איז נישט פאַרלירבאַר נאָך מער ווי די שטערן. און עס איז אייביק ווי רום אָדער די צייט. ס׳איז פאַר אייך אוממעגלעך צו פאַרקלע־נערן אייער פרינציפּ. אומשטאַרבלעכקייט איז אַ זאַך אָן אָנהויב און אָן אַ סוף. אייביקייט איז אייביקייט, כאָטש איר וועט ווייטער לעבן ערגיץ אַנדערש. דאָס אַלץ איז זייער שיין, דאָס אַראָפּ־וואַרפן פון זיך דעם הומר און דאָס אַוועקשוועבן פון דעם איינגעשלאָסענעם גייסט. קוקי קען אייך גאָרנישט טון. ער קען נאָר אייך געבן אַ שטויס אויף דעם וועג, וואָס איר מוזט איי־ביק טרעטן".

„אָדער, אויב איר ווילט נישט געשטויסן ווערן דווקא אַצינד, פאַרוואָס זאָלט איר נישט אַ שטויס טון קוקין? אין הסכּם מיט אייערע אידייען מוז ער אויך זיין אַן אומשטערבלע־כער מיליאָנער. איר קענט אים נישט אויסשטעלן אויף אַ באַנק־ראָט. זיינע פּאַפּירן וועלן שטענדיק צירקולירן פרייזן. איר קענט נישט פאַרקלענערן די לענג פון זיין לעבן, דערהרגענדיק אים, ווייל עס האָט נישט קיין אָנהייב אָדער סוף. ער מוז ווי־טער לעבן ווי עס איז, ערגיץ־ווו. דאַן שטויסט אים. זעצט אין אים אַריין אַ מעסער און זאָל זיין גייסט באַפרייט ווערן. אַזוי ווי זיין לעבן איז איצט, איז עס אַ שמוציקע תּפיסה, און איר וועט אים גאָר טון אַ טובה, צוברעכנדיק די טיר, און איר ווייסט! — אפשר איז עס אַ זייער שיינער גייסט, וואָס וועט אַרויספליען אין די בלאָע הימלען פון דעם פּמיאוסן גוף־אַרויס. גיט אים אַ שטויס און אַ סוף. און איר וועט אַוואַנסירן אויף זיין אָרט, ער נעמט פינף און פערציק דאָלאַר אַ חודש".

כ׳איז געווען קלאָר, אַז כ׳האָב נישט געהאַט צו דער־וואַרטן קיין שום הילף אָדער מיטגעפיל פון וואָלף לאַרסען. וואָס ס׳איז דאָ צו טון, מוז איך אַליין טון. און פון מוט, וואָס האָט געשטאַמט פון שרעק, האָב איך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו באַ־קעמפן טאָמאָס מאַגרידזש מיט זיין אייגן געווער.

איך האָב מיר געבאָרגט אַ שלייפשטיין ביי דזשאָהאַנסע-נען. לואיס, דער וויעסלער, האָט שוין לאַנג געבעטן ביי מיר קאָנדענסירטע מילך און צוקער. דער לאַזאַרעט, ווו ס׳זענען געהאַלטן געוואָרן דידאַזיקע דעליקאַטעסן, האָט זיך געפונען אונטער דער פּאַדלאָגע פון דער קאַבינע. אויסנוצנדיק אַ געלעגנ-הייט, האָב איך צוגעגנבעט פינף קריגלעך מילך, און אין דער-זעלבער נאַכט, ווען לואיס האָט געהאַלטן וואַך אויפן דעק, האָב איך פאַרהאַנדלט מיט אים פאַר אַ גרויס מעסער, אַ דין און גרויזאַם אויסקוקנדיק מעסער, ווי טאָמאַס מאַגרידזשס. עס איז געווען פאַרזשאַווערט און טעמפּ, אָבער איך האָב עס געבראַנגט אין אָרדנונג, בעת לואיס האָט געשאַרפט דעם שפּיץ. יענע נאַכט בין ,איך בעסער געשלאָפן ווי אַלע מאָל.

צומאָרגנס, נאָכן פרישטיק, האָט טאָמאַס מאַגרידזש אָנגע-הויבן צו שלייפן, ווי זיין שטייגער. כ׳האָב פאָרזיכטיק געקוקט אויף אים, ווייל כ׳האָב דאַן געקניט, אַרויסשאַרנדיק דאָס אַש פון אויוון. ווען כ׳בין צוריק אַריינגעקומען, נאָכן שיטן עס אין ים אַריין, האָט ער געהאַלטן אינמיטן שמועסן מיט העריסאָ-נען, וועמענס אָרנטלעך, גוטמוטיק פּנים איז געווען פול מיט אָנטציקונג און באַוווּנדערונג.

„יאָ, האָט מאַגרידזש געזאָגט, „כ׳האָב געקריגן צוויי יאָר אין רידינג 1), אָבער אָסור אויב עס האָט מיך געאַרט. דער אַנדערער האָט אויך געהאַט אַזאַ סוף. איר האָט אים געדאַרפט זען. מיט אַ מעסער פונקט ווי דאָס. איך האָב עס אַריינגעשטעקט ווי אין ווייכער פּוטער און ער האָט אָנגעהויבן צו ריטשען ווי אַ קו״.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו מיר, צו זען אויב איך הער מיך צו און ער האָט ווייטער גערעדט:

„כ׳האָב ז׳אַס נישט געוואָלט טון, טאָממי, אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן, ווי כ׳האָב דאָס נישט געוואָלט טון״, האָט ער גע-

1) אַ בארימטע תּפיסה אין ענגלאַנד. דאָרטן איז אויך אָפּגעקומען זיין שטראָף דער גרויסער שרייבער, אָסקאַר וואַיילד.

שטאַמלט, „כ׳וועל דיך צורעכט מאַכן, זאָג איך, און זיך גע־לאָזט נאָך אים. כ׳האָב פון אים געשניטן שטיקער און ער האָט געגוואַלדעוועט. פלוצלונג נעמט יענער און כאַפּט אַרויס דאָס מעסער. כ׳האָב עס אָבער אַרויסגעריסן און ווייטער געשניטן. אָן, דאָס איז געווען אַ בילד!״

דאָס רופן פונם באָצמאַן האָט איבערגעריסן די בלוטיקע דערציילונג. העריסאָן איז אַרויף אין דער הויך. מאַגרידזש האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער הויכער שוועל, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער קיך, און זיך גענומען שלייפן דאָס מעסער. כ׳האָב אַוועקגעלייגט דאָס שאַר־אייזן און רויק זיך אַוועקגע־זעצט אויפן קוילן־קעסטל, קוקנדיק גלייך אין זיין פּנים אַריין. ער האָט באַוויליקט צו קוקן אויף מיר מיט אַ פינצטערן בליק. נאָך אַלץ רויק, הגם מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, האָב איך אַרויסגעשלעפּט לואיס׳ מעסער און אָנגעהויבן צו שלייפן עס אויפן שטיין. איך האָב זיך גערעכנט אויף אַן אויסברוך פון קוקין, אָבער צו מיין איבעררעשונג האָט ער גאָרנישט געזען, וואָס איך טו. ער האָט זיך ווייטער געשליפן זיין מעסער. דאָס זעלבע האָב איך געטון. אַזוי זענען מיר געזעסן צוויי שעה, פּנים אל פּנים, געשליפן און געשליפן, ביז די ידיעה וועגן דעם האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער שיף און אַ העלפט פון די מאַטראָזן האָט באַלאַגערט די קיך־טיר כדי אָנצוקוקן דאָס־דאָזיקע אינטערעסאַנטע בילד.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געשאָטן עצות און צומונטערנ־דיקע ווערטער, און דזשאָק האָרנער, דער רויקער, שווייגנדי־קער יעגער, וועלכער האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס טשע־פּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, האָט מיר געעצהט צו־רו לאָזן די זשעבערעס און אַריינזעצן עס גלייך אין בויך אַריין, און אין דערזעלבער צייט אָנשאַרפן די קלינג אויפן „שפּאַנישן אופן״.

ליטש מיט אַן אַרויסגעשטעקטן פאַרבאַנדאַזשירטן אָרעם האָט מיך געבעטן איבערלאָזן פאַר אים אַ פּאָר רעשטלעך פונם קוכער; און וואָלף לאַרסען האָט זיך איין אָדער צוויי מאָל אָפּ־

געשטעלט ביים ראַנד פון דעק-לאָך און נייגעריק געקוקט, און דאָס האָט פאַר אים געמוזט זיין אַ באַוועגונג און אַ קריכעריי פון דער יערגנדיקער זאַך, וואָס ער האָט עס געקענט אונטערן גאַנצן לעבן.

און איך דערלויב מיר צו זאָגן, אַז אין יענער צייט האָט דאָס לעבן געהאַט פאַר מיר דעם זעלבן נישטיקן ווערט. ס'האָט געפעלט דאָס שיינע, דאָס געטלעכע פון לעבן — ס'זענען נאָר געווען צוויי פּחדנותדיקע באַוועגלעכע זאַכן, וואָס זענען געזעסן אין געשלייפט שטאָל אויף אַ שטיין, און אַ גרופּע פון אַנדערע באַוועגלעכע זאַכן, אויך פּחדנותדיקע, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט. אַ העלפט פון זיי, איך בין זיכער, האָט שטאַרק געוואָלט זען ווי מיר פאַרגיסן איינער דעם אַנדערנס בלוט. דאָס וואָלט דאָך זיי געוויילט. און איך גלייב נישט, אַז ס'האָט זיך דאָרטן געפונען עמיץ, וואָס וואָלט זיך אַריינגעמישט, ווען מיר וואָלטן געהאַלטן ביי אַ טויט-קאַמף.

פון דער צווייטער זייט, איז די גאַנצע זאַך געווען לעכערלעך און קינדיש. דאָס בלויזע בילד—העמפּרי וואַן וועידן, ווי ער שלייפט זיין מעסער אין דער שיפּס-קיך און ווי ער פּראָבירט די שאַרף אויפן פינגער! פון אַלע מעגלעכע סיטואַציעס איז דאָס געווען די העכסט-אומבאַגרייפלעכסטע. כ'ווייס, אַז מענטשן פון מיין קלאַס וואָלטן נישט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ זאַך. נישט בחנם האָט מען מיך שטענדיק גערופן פאַרצויגן „סיסי" וואַן וועידן, און אַז „סיסי" וואַן וועידן זאָל פעיק זיין אויף אַזאַ זאַך — דאָס איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פאַר העמפּרי וואַן וועידן, וועלכער האָט נישט געוווסט צי ער דאַרף אַריין אין התפּעלות אָדער צו שעמען זיך.

אָבער ס'איז גאָרנישט געשען. נאָך צוויי שעה שלייפן האָט טאָמאַס מאַגרידזש אַוועקגעלייגט דאָס מעסער און דעם שלייפשטיין און אויסגעשטרעקט די האַנט.

„וואָס טויג אונז צו מאַכן זיך צו-נאַר פאַר די אויגן פון די דאָזיקע מאָרדעס"? האָט ער געפרעגט. „זיי האָבן אונז נישט ליב און זיי וואָלטן שטאַרק צופרידן געווען, זעענדיק ווי מיר

שניידן זיך די העלזער. איר זענט גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, העמפּ! איר האָט געקריגן אָפּגעשמיסן, ווי די יענקיס זאָגן, און איר געפעלט מיר. נאָט אייך מיין האַנט".

ווי אַ פּחדן כ׳בין נישט געווען, בין איך אָבער געווען אַ קלענערער פּחדן פאַר אים. כ׳האָב אָפּגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן ניצחון, אין איך האָב מיך אָפּגעזאָגט מוותר צו זיין דער רויף, דריקנדיק זיין אומווירדיקע האַנט.

„נו, גוט", האָט ער געזאָגט אָן שטאָלץ, „נעמט זי צו אָדער נישט, איר געפעלט מיר סיי-ווי-סיי".

און כדי צו פאַרדעקן זיין מפּלה, האָט ער שטרענג אַ געשריי געטון אויף די צוקוקער:

„אַוועק פון מיין קיך-טיר, איר שלימזלען".

דערדאָזיקער באַפעל איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון אַ קאָכעדיקן קעסל וואַסער, און די מאַטראָזן, דערזעענדיק דאָס, האָבן געמאַכט פּליטה. דאָס איז געווען אַ שטיקל זיג פאַר טאָמאַס מאַגרידזש און עס האָט אים דערמעגלעכט צראָפּצושלינגען זיין מפּלה אויף אַ בכבודיקן אופן, הגם ער איז, נאַטירלעך, געווען צו-דיסקרעט, אַז ער זאָל פּרווון אַוועקיאָגן די יעגער.

„כ׳זע שוין קוקיס סוף", האָב איך געהערט ווי „רויך" זאָגט צו האָרנערן.

„איך געוועט זיך", האָט זיך געהערט אַן ענטפער, „פון איצט אָן וועט העמפּ קאָמאַנדעווען אין דער קיך און קוקי וועט אין אַלץ אים פאָלגן".

מאַגרידזש האָט דאָס דערהערט און געוואָרפן אַ האַסטיקן בליק אויף מיר. איך האָב אָבער נישט געגעבן קיין צייכן, אַז כ׳האָב געהערט דעם שמועס. כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז מיין ניצחון איז אַזאַ ווייט גייענדיקער און פולשטענדיקער, אָבער איך האָב באַשלאָסן גאָרנישט אַרויסצולאָזן פון מיין נצחון. ווען ס׳זענען פאַרביי אַ פּאָר טעג, האָט זיך באַשטעטיקט רויכס נביאות. דער קאָקני איז געוואָרן מער הכנעהדיק און קנעכטיש לגבי מיר, נאָך מער ווי לגבי וואָלף לאַרסענען. כ׳האָב אים שוין מער נישט געזאָגט „מיסטער" און „סיר", כ׳האָב שוין מער

נישט געוואַשן די שמאַלציקע טעפּ און שוין מער נישט געשיילט די קאַרטאָפל. כ'האָב נאָר געטון מיין אַרבעט, מיין אייגענע אַרבעט, ווען און ווי ס'האָט זיך מיר געגלוסט. כ'האָב אויך געטראָגן דאָס מעסער אין אַ שייד אויף די לענדן, ווי די מאַטראָזן טראָגן, און פאַרנומען לגבי טאָמאַס מאַגרידזשן אַזאַ שטעלונג, וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַ גלייכע מאָס פון איבערהערשאַפט, באַליידיקונג און חוזק.

# קאַפּיטל צען

מיינע אינטימע באַציִונגען מיט וואָלף לאַרסענען ווערן שטאַרקער — אויב אונטערן וואָרט אינטימקייט קען מען באַצייכענען די באַציִונגען צווישן מייסטער און אַרבעטער, אָדער בעסער געזאָגט, צווישן קעניג און לץ. איך בין פאַר אים נאָר אַ שפּילעכל, און ער שעצט מיך אויף אַזוי פיל, וויפיל אַ קינד שעצט אַ שפּילעכל. מיין פונקציע איז באַשטאַנען אין ווייַלן אים, און כּל זמן כ'ווייל אים, איז אַלץ אין אָרדנונג; אָבער זאָל ער זיך עפּעס דענערווירן, אָדער זאָל ער אַריינפאַלן אין איינע פון זיינע מרה-שחורהדיקע שטימונגען, און ער שיקט מיך באַלד אוועק פון קאַבינע-טיש אין דער קיך אַריין, און אין דערזעלבער צייט בין איך גליקלעך, וואָס כ'אַנטלויף מיטן לעבן און מיט גאַנצע ביינער.

בהדרגה הייב איך אָן צו פילן די איינזאַמקייט פון דאָזיקן מענטשן. אויף דער גאַנצער שיף געפינט זיך נישט קיין איין מענטש, וואָס זאָל אים נישט האַסן אָדער מורא האָבן פאַר אים, און ס'איז נישטאָ קיין מענטש, וועלכן ער זאָל נישט פאַראַכטן. ס'דאַכט זיך, אַז די שרעקלעכע קראַפט, וואָס אין אים, פרעסט אים אויף, און ס'דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע קראַפט האָט

נאָך נישט געפונען איר געהעריקן אויסדרוק. ער איז אַזאַ ווי לוציפער וואָלט געווען, ווען יענער שטאָלצער גייסט וואָלט פאַר־טריבן געוואָרן אין אַ געזעלשאַפט פון נשמה־לאָזע, האַרצלאָזע געשעפטנסטער.

דידאַזיקע איינזאַמקייט איז פאַר זיך גופא אַ שלעכטע זאַך, אָבער ווי דאָס וואָלט נאָך געווען ווינציק ליידט ער פון דער אור־מעלאַנכאָליע פון זיין ראַסע. קענענדיק אים, הייב איך אָן בעסער פאַרשטיין די אַלטע סקאַנדינאַווער לעגענדן און מי־טאָס.

די ווייס־הויפּיקע, שיין־האָריקע ווילדע, וואָס האָבן גע־שאַפן יענעם שרעקלעכן פאַנטעאָן, זענען געווען פון זעלבן טייג ווי ער. דער האָט נישט אין זיך די לייכטזיניקייט פון די לאַ־טיינער, וואָס האָבן ליב צו לאַכן. ווען ער לאַכט, איז עס פון אַ הומאָר, וואָס איז נישט מער ווי אַ ווילדע זאַך.

אָבער ער לאַכט זייער זעלטן; ער איז צו־אָפט אומעטיק. און דאָס איז אַזאַ טיפער אומעט ווי דער שורש פון דער ראַ־סע. דאָס איז די ירושה פון דער ראַסע, דער אומעט, וואָס האָט גורם געווען די גערדאַנקען־ניכטערקייט פון דער ראַסע, דאָס ריינע לעבן און די פאַנאַטישע מאָראַל, און וועלכע, אין אַ שפּעטערדיקן צוזאַמענהאַנג, האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט ביי די ענגלענדער אין דער רעפאָרמירטער קירך.

פאַקטיש איז דער הויפּט־שטויס צו דערדאָזיקער פּרימיטי־ווער מעלאַנכאָליע געווען די רעליגיע אין אירע מער גוססדי־קע פאָרמען. אָבער די קאָמפּענסאַציע פאַר אַזאַ רעליגיע איז נישט פאַר וואָלף לאָרסענען. זיין ברוטאַלער מאַטעריאַליזם דער־לויבט דאָס נישט. און אַזוי, ווען ס'קומט אָן זיין מרה־שחורה־דיקע שטימונג, האָט ער נישט קיין אַנדערע ברירה ווי צו ווערן אַ טייוול. וואָלט ער נישט געווען אַזאַ שרעקלעכער מענטש, וואָלט איך אפשר אַמאָל אים מיטגעפילט, ווי, למשל, מיט דריי טאָג צוריק, ווען איך בין אריין אין זיין קאַבינע כדי אָנצוגיסן זיין וואַסער־פלאַש און אומגעריכט זיך באַגעגנט מיט אים. ער

האָט מיך נישט געזען. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אין די הענט, און זיינע פּלייצעס האָבן זיך קאָנוואַלסיוו געהויבן, ווי ער וואָלט געכליפּעט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַן אומגעהויערער צער עסט אים אויף.

ווען כ'האָב מיך שטיל אַרויסגעשלייכט, האָב איך געהערט ווי ער קרעכצט „גאָט, גאָט". דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט גערופן גאָט, דאָס איז געווען אַ בלויזער אויסדרוק, אָבער ער איז אַרויס פון דער טיפעניש פון זיין נשמה.

ביים מיטאָג האָט ער געבעטן די יעגער, אַז זיי זאָלן אים געבן אַ מיטל צו קאָפּ-ווייטיק, און אין אָוונט איז ער, דער שטאַרקער מענטש, געווען האַלב-בלינד און קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס.

„כ'בין קיינמאָל נישט קראַנק געווען, העמפּ", האָט ער געזאָגט צו מיר, ווען כ'האָב אים געפירט אין זיין צימער אַריין, „כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געליטן אויפן קאָפּ, אַ חוץ יענעם מאָל, ווען מיין קאָפּ האָט זיך געהיילט נאָכדעם ווי ער איז געשפּאָלטן געוואָרן דורך דעם אייזן ביים אַנקער".

דריי טאָג האָט געדויערט דער שרעקלעכער קאָפּ-ווייטיק, און ער האָט געליטן ווי די ווילדע חיות ליידן, אַזוי ווי מ'האָט געקאָנט ליידן אויף דעראָזיקער שיף, אָן באַקלאָגן זיך, אָן מיטגעפיל, אינגאַנצן אַליין.

אָבער אַריינקומענדיק היינט אינדערפרי אין זיין קאַבינעצימער אויפצורוימען דאָס בעט און מאַכן אָרדנונג, האָב איך אים געטראָפן אַ געזונטן, ביי זיין אַרבעט. דער טיש און זיין געלעגער זענען געווען באַדעקט מיט פּראָיעקטן און חשבונות. מיטן קאָמפּאַס און צענטימעטער אין דער האַנט האָט ער אויף אַ גרויסן דורכזיכטיקן בויגן נאָכקאָפּירט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, עפּעס אַ פּעלז.

„האַלאָ, העמפּ", האָט ער מיך פריילעך באַגריסט. „כ'ענדיק באַלד די לעצטע שטריכן. צי ווילט איר זען מיין אַרבעט?"

„וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט?", האָב איך געפרעגט.

„אַ פּראָיעקט, וואָס וועט איינשפּאָרן די מאַטראָזן אַ סך אַרבעט, די שיפעריי-קונסט וועט ווערן רעדוצירט צו אַ פּשוטער זאַך, וואָס די קינדערלעך פון אַ קינדער-גאָרטן וועלן אויך קענען פאַרשטיין", האָט ער פריילעך געענטפערט. „פון היינט אָן וועט אַ קינד קענען אָנפירן מיט אַ שיף. מ'וועט שוין נישט דאַרפן רעכענען אויף לאַנגע ווינטן. איר דאַרפט נאָר האָבן אַ שטערן אין הימל, בעת אַ פינצטערע נאַכט, כּדי באַלד צו וויסן ווו מ'איז. זעט, איך שטעל אַוועק די דורכזיכטיקע סקאַלע אויף דערדאָזיקער שטערן-מאַפּע, קערעווענדיק די סקאַלע צום נאָרד-פּאָל. אויף דער סקאַלע האָב איך אויסגעאַרבעט די ים-הויכקייט קרייזן און די קעגנזייטיקע שייכותן. איך שטעל עס נאָר אַוועק אויף אַ שטערן, קערעווענדיק די סקאַלע ביז זי געפינט זיך אין אַ קעגנאיבערדיקער פּאָזיציע צו יענע פיגורן, וואָס אונטן, און אָט! דאָ האָט איר, אָט דאָ איז די גענויע באַצייכנונג ווי די שיף געפינט זיך!"

זיין שטימע האָט געקלונגען פון נצחון, און זיינע אויגן, וואָס זענען יענעם אינדערפרי געווען קלאָר-בלאָ ווי דער ים, האָבן געבלישטשעט מיט ליכטיקייט.

„איר מוזט זיין גוט-באַקאַנט אין מאַטעמאַטיק", האָב איך געזאָגט. „אין וואָס פאַר אַ שול האָט איר זיך געלערנט?".

„כ'האָב קיינמאָל, צום אומגליק, אַפילו נישט אָנגעקוקט ווי אַ שול זעט אויס", האָט ער געענטפערט. „כ'האָב דאָס אַליין געמוזט זיך אויסלערנען".

„און פאַרוואָס האַלט איר, אַז איך האָב דאָס אַליין געמאַכט?" האָט ער פּלוצלונג געפרעגט. „כּטרוים אַ איבערצולאָזן סימנים פון מיינע פוס-טריט אויפן זאַמד פון דער צייט?" ער האָט געלאַכט מיט זיין שרעקלעכן, הוזקדיקן געלעכטער. „עס הייבט זיך נישט אָן, מיין ציל איז צו פּאַטענטירן מיין דערפינדונג, צו מאַכן געלט דערפון. גאַנצע נעכט הוליען, בעת אַנדערע מענטשן אַרבעטן. אָט דאָס איז מיין ציל. איך האָב אויך הנאה געהאַט, אַרבעטנדיק".

„די פרייד פון שאַפן" האָב איך געמורמלט.

„כ'מיין, אַז אַזוי דאַרף עס הייסן. דאָס איז אַן אַנדער אופן פון אויסדריקן די פרייד פון לעבן, וואָס לעבט, דער טריומף פון דער באַוועגונג איבער דער מאַטעריע, פון דעם לעבעדיקן איבער דעם טויטן, דער שטאָלץ פון יערן, ווייל עס יערט און קריכט".

כ'האָב אַ מאַך געטון מיט מיינע הענט, אין אַן אומבאַהאָלפענער פּאַראורטיילונג פון זיין אומבארחמנותדיקן מאַטעריאַליזם און כ'האָב ווייטער געברענגט אין אָרדנונג דאָס בעט. ער האָט ווייטער קאָפּירט די ליניעס און חשבונות אויף דער דורכזיכטיקער סקאַלע. דאָס איז געווען אַן אַרבעט, וואָס האָט געפאָדערט די אויסערסטע פּונקטלעכקייט און פּרעציזקייט, און כ'האָב נישט ווילנדיק געמוזט באַוואונדערן דעם אופן, ווי ער האָט אָנגעווענדט זיין קראַפט לויט דער גענויאיקייט און דער סובטעלקייט פון דערדאָזיקער זאַך.

ווען כ'האָב פאַרענדיקט דאָס צובעטן, האָב איך מיך געכאַפּט, אַז כ'קוק אויף אים אַן איבערראַשטער. געוויס, ער איז אַ שיינער מענטש — שיין אין מענלעכן זין.

און ווידער האָב איך מיט אַ נישט פאַרקלענערטער שטוינונג באַמערקט דעם פולשטענדיקן מאַנגל אין פאַרברעכערישקייט, שלעכטס אָדער זינדיקייט אין זיין געזיכט. דאָס איז געווען דאָס פּנים, אין דעם בין איך איבערצייגט, פון אַ מענטש, וואָס האָט נישט געטון קיין עוולות. איך וויל, אַז מען זאָל מיך פאַרשטיין. איך מיין, אַז דאָס איז געווען דאָס פּנים פון אַ מענטש, וואָס האָט גאָרנישט געטון קעגן דעם באַפעל פון זיין געוויסן, אָדער וואָס האָט בכלל נישט קיין געוויסן.

כ'בין גענייגט אָנצונעמען די צווייטע השערה. ער איז געווען אַ פולשטענדיקער אַטאַוויסט, אַזאַ ריין-פּרימיטיווער, ער איז געווען פון דעם טיפּ, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָראַל. ער איז נישט געווען אוממאָראַליש, נאָר אַמאָראַליש.

ווי כ'האָב געזאָגט, איז זיין פּנים, אין מענלעכן זין, געווען שיין. אַ גלאַט־ראַזירט פּנים, יעדער שטריך — בולט, איז עס איז געווען ראַזירט און שאַרף ווי אַן אויסגעשניצטע פיגור. בעת דער ים און די זון האָבן פון זיין נאַטירלעך שיינער הויט געמאַכט אַ טונקעלען־בראָנז, וואָס האָט דערציילט פון קאַמף און געראַנגל און צוגעגעבן צו זיין ווילדקייט און שיינקייט. די ליפּן זענען געווען פולע, דאָך געהאַט אין זיך אַנטשלאָסנקייט, כמעט גראָבקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דינע ליפּן. די שטריכן פון זיין מויל, זיין גאָמבע, זיינע קינבאַקן, זענען אויך אַזוי געווען אַנטשלאָסן און גראָב, מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט און נישט באַצווינגבאַרקייט פון דעם זכר, — אַזאַ איז אויך געווען די נאָז, דאָס איז געווען אַ נאָז פון אַ בריאה, וואָס איז געבוירן געוואָרן צו זיגן און צו באַפעלן. זי איז געווען כמעט ענלעך צו אַן אָדלערישן שנאָבל. זי האָב געקענט זיין אַ גריכישע נאָז. אָדער אַ רוימישע, זי איז אָבער געווען אַ ביסל צו־מאַסיוו פאַר דער ערשטער און אַ ביסל צו־איידל פאַר דער צווייטער. און בעת דאָס גאַנצע פּנים איז געווען די פאַרקערפּערונג פון גרויזאַמקייט און קראַפט, האָט די פּרימיטיווע מעלאַנכאָליע, פון וועלכער ער האָט געליטן, ווי פאַרגרעסערט די ליניען פון זיין מויל, אויגן און ברעמען, ווי צוגעגעבן אַ פאַרגרעסערטקייט און פולקייט, וואָס וואָלט אַנדערש וויַיז געפעלט דעם פּנים.

און אַזוי האָב איך מיך געכאַפּט, אַז כ'שטיי מיר, נישט־טוענדיק גאָרנישט, נאָר פאָרשנדיק אים. כ'קען נישט זאָגן ווי שטאַרק דער מענטש האָט מיך פאַראינטערעסירט. ווער איז ער? וואָס איז ער? ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַזאַ? ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קרעפטן געהערן צו אים, אַלע אייגנטימער, — אָבער ער איז דאָך מער נישט ווי אַן אומבאַקאַנטער אייגנטימער פון אַ סקונער, אַ פאָקע־יעגער, וואָס ־שמט צוליב זיין ווילדער ברוטאַלקייט צווישן די מענטשן, וואָס יאָגן־זיך נאָך פאָקעס.

מײַן נײַגיריקייט האָט אויסגעבראָכן אין אַ מבול פֿון ווערטער.

„וואָס איז די סיבה, וואָס איר האָט גאָרנישט אויפֿגעטון פֿאַר דער וועלט? מיט אײַער קראַפֿט האָט איר דאָך געקאָנט אויפֿהייבן זיך צו דער גרעסטער הויך. אָן געוויסן אָדער מאָראַלישן אינסטינקט האָט איר דאָך געקענט באַהערשן די וועלט, צווינגען זי לייגן זיך פֿאַר אײַערע פֿיס. און דאָך זענט איר דאָ, בײַם סוף פֿון אײַער לעבן, ווען ס׳הייבט זיך אָן די ירידה און דער טויט, פֿירנדיק אַן אומבאַקאַנטע און שמוציקע עקזיסטענץ, זיך יאָגנדיק נאָך ים־חיות כּדי צופֿרידנשטעלן די אײטלקייט פֿון די פֿרויען און זייער ליבע צו פּוצן זיך, הוליען אויף אַ חזירישן אופֿן, ווי איר דריקט זיך אַליין אויס, וואָס איז אַלץ, אָבער נישט אַ הערלעכע זאַך. פֿאַרוואָס האָט איר מיט אײַער וווּנדערבאַרער קראַפֿט גאָרנישט אויפֿגעטון? קיין זאַך וואָלט אײַך נישט פֿאַרהאַלטן, עס האָט אײַך נישט געקענט פֿאַרהאַלטן. וואָס איז נישט געווען אין אָרדענונג? צי האָט אײַך געפֿעלט אַמביציע? צי האָט איר נישט אויסגעהאַלטן קיין נסיון? וואָס איז געווען די סיבה? וואָס איז געשען מיט אײַך?".

אין אָנהייב פֿון דאָזיקן אויסברוך מײַנעם, האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן צו מיר און מיך רויִק באַטראַכט, ביז איך האָב אויפֿגעהערט צו רעדן און כ׳בין געבליבן שטיין אָן אָטעם און דערשראָקן.

ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע, גלײַך ווי ער וואָלט זיך פֿאַרקלערט ווי ער זאָל אָנהייבן, און דאַן האָט ער געזאָגט:

„העמפּ, צי קענט איר דעם משל מיטן זייער, וואָס איז געגאַנגען זייען? אויב איר געדענקט, איז אַ טייל פֿון די קערנדלעך געפֿאַלן אויף אַ שטיינערדיקן באָדן, וווּ ס׳איז נישט געווען קיין סך ערד, און די קערנדלעך האָבן באַלד אַרויסגעשפּראָצט, ווײַל זיי האָבן נישט געהאַט קיין טיפֿן באָדן אונטער זיך. און ווען די זון איז אַרויס, זענען זיי אָפּגעזענגט געוואָרן, און מחמת זיי האָבן נישט געהאַט קיין וואָרצלען, זענען זיי

פֿאַרוועלקט געוואָרן. טייל קערנדלעך זענען אַרייַנגעפֿאַלן צווישן דערנער, און די דערנער האָבן אויסגעשפּראָצט און זיי איינגעשלונגען.

„נו?" האָב איך געזאָגט.

„נו?" האָט ער געפֿרעגט, האַלב-פֿאַרביסן. „ס'האָט נישט געטויגט. איך בין איינער פֿון יענע קערנדלעך".

ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צו דער סקאַלע און ווידער זיך גענומען קאָפּירן. איך האָב פֿאַרענדיקט מיין אַרבעט, געעפֿנט די טיר, וועלנדיק אַרויסגיין, אָבער ער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן צו מיר:

„העמפּ, אויב איר וועט אַ קוק טון אויף דעם מערב-ברעג פֿון דער מאַפּע פֿון נאָרוועגיע וועט איר זען אַן אַרויסגערוקט אָרט, וואָס הייסט ראָמסדאַל פֿיאָרד. איך בין געבוירן געוואָרן אַ הונדערט מייל ווייט פֿון יענעם וואַסער-שטח. איך בין אָבער נישט קיין געבוירענער נאָרוועגער, כ'בין אַ דענער. מיין פֿאָטער און מוטער זענען געווען דענער, און איך ווייס נישט ווי אַזוי זיי זענען געקומען צו יענעם קאַלטן שטיקל ערד אויפֿן מערב ברעג. כ'האָב קיינמאָל נישט געהערט שמועסן וועגן דעם. חוץ דעמדאָזיקן אומשטאַנד איז נישטאָ קיין שום געהיימניספֿולס וועגן זיי. זיי זענען געווען אָרעמע מענטשן, עם-הארצים, זיי האָבן געשטאַמט פֿון דורות אָרעמע עם-הארצדיקע מענטשן, — ים-פּויערים, וואָס האָבן אַרויסגעשיקט זייערע זין אויף די ים-כוואַליעס, ווי ס'איז געווען דער שטייגער פֿון אַלטע צייטן. ווייטער איז נישטאָ וואָס צו דערציילן".

„אָבער ס'איז נאָך דאָ", האָב איך פּראָטעסטירט. „ס'איז נאָך אַלץ פֿאַר מיר איינגעהילט אין שלייער".

„וואָס קען איך אייך דערציילן?" האָט ער געפֿרעגט מיט אַ פֿרישן כּעס. „וועגן דער נויט פֿון אַ קינדיש-לעבן? וועגן שפּייזן זיך מיט פֿיש, און אַן אָרעם לעבן? וועגן פֿאָרן מיט שיפֿלעך, זינט כ'האָב אָנגעהויבן צו שטעלן אַ טריט? וועגן מיינע ברידער, וואָס זענען איינער נאָכן צווייטן אַוועק אין טיפֿן

ים אַריין און שוין מער נישט צוריקגעקומען! וועגן מיר, וואָס כ׳האָב נישט געקענט לייענען און שרייבן, אַ קאַיוטע-משרת אַלס צעניעריק ייִנגל אויף די אַלט-מאָדישע, ברעגן-שיפן? וועגן דעם נעבעכדיקן געהאַלט און נאָך ערגערער באַהאַנדלונג, ווי מ׳האָט זיך געלייגט און אויפגעהויבן מיט קלעפּ און ביילן, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון רעדן, און מורא, שנאה און ווייטיק זענען געווען מיינע אייניציקע נשמה-דערפאַרונגען? כ׳וויל דאָס גאָרנישט דערמאָנען. אפילו איצט, ווען כ׳טראַכט וועגן יענע צייטן, ווער איך ווי משוגע. אָבער ס׳זענען געווען באַלעבאַטים פון האַנדלסשיפן, וועלכע כ׳וואָלט דערהרגעט, ווען כ׳בין געוואָרן אַ מענטש, אָבער דאַן בין איך געווען באַשעפטיקט ערגעץ-אַנדערש. איך בין צוריקגעקומען, ערשט נישט לאַנג, אָבער צום אומגליק זענען די באַלעבאַטים שוין טויט, אַלע, אַחוץ אַ געוועזענער באַצמאַן, אַ באַלעבאָס בעת כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט אים, און ווען כ׳האָב אים פאַרלאָזט, איז ער שוין געווען אַ קריפּל, וואָס וועט שוין מער נישט קענען גיין.“

„אָבער איר, וואָס האָט געלייענט ספּענסערן און דאַרווינען און קיינמאָל נישט געזען אַ שול פאַר די אויגן, ווי אַזוי האָט איר זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן? האָב איך אים געפרעגט.

„דינענדיק אויפן ענגלישן האַנדלס-פלאָט. קאַיוטע-משרת אַלס צעניעריקער, שיפס-ייִנגל צו פערצן יאָר, געוויינלעכער מאַטראָז צו זעכצן, פעיִקער מאַטראָז און קולער צו זיבעצן, אומענדלעכע אַמביציע, און אומענדלעכע איינזאַמקייט, אָן מיטגעפיל אָדער הילף, האָב איך מיך אַליין אויסגעלערנט אַליין, — נאַוויגאַציע, מאַטעמאַטיק, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, וואָס איר ווילט נאָר. און צו וואָס האָט עס מיר געטויגט? קאַפּיטאַן און אייגנטימער פון אַ שיף ביים סוף פון מיין לעבן, ווי איר זאָגט, ווען כ׳הייב אָן קלענער ווערן און צו שטאַרבן? נעבעכדיקייט, ניין! און ווען די זון איז אַרויס, בין איך אָפּגעזעגנט געוואָרן, און

ווייל כ׳בין נישט געווען איינגעוואָרצלט,בין איך פאַרוועלקט געוואָרן.״

„אָבער די געשיכטע ווייסט צו דערציילן פון שקלאַפן, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו פורפור״, האָב איך פאַרגעוואָרפן.

„און די געשיכטע דערציילט פון גינסטיקע געלעגנהייטן פאַר די שקלאַפן, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו פורפור״, האָט ער פינצטער געענטפערט. „דער מענטש שאַפט זיך נישט אַליין די געלעגנהייט. אַלץ, וואָס די גרויסע מענטשן האָבן אַמאָל געטון, איז געווען אויפצופאַסן די מינוט, ווען די געלעגנהייט וועט קומען צו זיי. דער קאָרסיקאַנער האָט געוואוסט. איך האָב אויך געהאַט אַזעלכע גרויסע טרוימען, ווי דער קאָרסיקאַנער. כ׳וואָלט געוואוסט די געלעגנהייט, אָבער זי איז נישט געקומען. די דערנער זענען אַרויסגעשפּרונגען און מיך דערשטיקט. און איר ווייסט, העמפּ, איך קען אייך זאָגן, אַז איר ווייסט וועגן מיר מער ווי וועלכער-נישט-איז לעבעדיקער מענטש, חוץ מיין אייגענער ברודער״.

„און וואָס איז ער? און ווו איז ער?״

קאַפּיטאַן פון דאַמפער „מ אַ ק ע ד אָ נ י ע״, פאַקע יעגער״, האָט ער געענטפערט. „מיר וועלן אים העכסט-וואַרשיינלעך באַגעגענען אין די יאַפּאַנישע וואַסערן. מענטשן רופן אים „טויט־לאַרסען״.

„טויט-לאַרסען״ האָב איך נישט ווילנדיק אַ געשריי געטון. „איז ער ענלעך צו אייך?״

„קוים, ער איז אַ שטיק חיה אָן אַ קאָפּ. ער האָט מיין גאַנצע, גאַנצע — —

„בעסטיאַלישקייט״, האָב איך אונטערגעזאָגט.

„יאָ, כ׳דאַנק אייך פאַרן וואָרט. — מיין גאַנצע ברוטאַלישקייט, ער קען אָבער קוים לייענען און שרייבן״.

„און ער האָט קיינמאָל נישט פילאָזאָפירט וועגן לעבן״, האָב איך צוגעגעבן.

„ניין״ האָט וואָלף לאַרסען געענטפערט מיט אַן אומבאַ-

שרײַבלעכן אומעטיקן טאָן. „און ער איז טאַקע גליקלעכער, לאָזנדיק דאָס לעבן פֿאַר זיך. ער איז צופֿיל פֿאַרנומען מיטן לעבן, אַז ער זאָל קלערן וועגן דעם. מײַן פֿעלער באַשטייט אין דעם, וואָס כ׳האָב אַרײַנגעקוקט אין די ביכער.״

# קאַפּיטל עלף

דאָס געשפּענסט איז צוגעקומען צום עקסטן דרום-פּונקט פֿון דעם בויגן, וואָס זי האָט באַשריבן אַרום דעם שטילן אָקעאַן, און זי הייבט שוין אָן צו קערעווען קיין מערב און צפֿון צו עפּעס אַן איינזאַמער אינזל, וווּ, לויט ווי כ׳הער, זי וועט אָנפֿילן אירע וואַסער פֿעסער, איידער זי וועט זיך אַרויס-לאָזן אויפֿן געיעג לענגאויס די יאַפּאַנישע ברעגן. די יעגער האָבן געאיבט און געפּרובירט זייערע ביקסן ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט אין זייער גוטן צושטאַנד. און די וויעסלער און רודערער האָבן געברענגט אין אָרדנונג זייערע זעגלען, געבונדן די וויעסלעס און זייערע צוהאַלטער מיט לעדער און שטריק, כּדי נישט אָנצומאַכן קיין גערויש בעתן געיעג אויף די פּאָקעס, און איינגעאָרדנט זייערע שיפֿלעך און אַן „עפּל-טאָרט״ אָרדנונג — ווי ליטש האָט זיך אויסגעדרוקט.

אַגב איז זײַן אָרעם שוין כּמעט ווי אויסגעהיילט, הגם דער שראַם וועט שוין אויף שטענדיק פֿאַרבלײַבן. טאָמאַס מאַ-גרידזש לעבט אין טויט-שרעק צוליב אים און ער האָט מורא אַרויסצוקומען אויפֿן דעק נאָך בין-השמשות. אין דער הייך, אויפֿן דעק, העגנען אין דער לופֿט צוויי-דריי מחלוקתן.

לויט דערציילט מיר, אַז אַלץ, וואָס די מאַטראָזן רעדן, ווערט אָפּגעטראָגן אַרויף צום קאַפּיטאַן און אַז צוויי פֿון די מוסרים האָבן געקריגן אָנגעבראָכן די ביינער פֿון זייערע חברים. ער שאָקלט ספֿקדיק מיטן קאָפּ אויף דזשאָנסאָנען, וואָס איז

וויטסלער אין דעמזעלבן שיפל ווי ער. דזשאָנסאָן האָט זיך פאַרזינדיקט ווייל ער האָט צופיי גערעדט און צוויי-דריי מאָל האָט ער געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט וואָלף לאַרסענען צוליב דער אויסשפּראַך פון זיין נאָמען. מיט אַ פּאָר נעכט צוריק האָט ער אָנגעשלאָגן דזשאָהאַנסענען אויפן צווישנדעק און זינט דאַן האָט דער באַצמאַן אים גערופן ביים ריכטיקן נאָמען. אָבער נאַטירלעך איז נישטאָ וואָס צו רעדן, אַז דזשאָנסאָן זאָל אָנשלאָגן וואָלף לאַרסענען.

לואיס האָט מיך אויך אינפאָרמירט וועגן „טויט"-לאַרסען, און זיינע ידיעות שטימען מיטן קאַפּיטאַנס קורצער שילדערונג. מעגלעך, אַז מיר וועלן זיך טרעפן מיט „טויט"-לאַרסען ביי די יאַפּאַנישע ברעגן.

„און היט אייך פאַר אַ שטורעמווינט", וואָרנט לואיס, „ווייל זיי האָבן פיינט איינער דעם צווייטן, פּונקט ווי די וועלף".

„טויט"-לאַרסען איז קאַפּיטאַן פון דעם איינציקן פּאָקעדאַמפּער אינם פלאָט, מאַקעדאָניע, וואָס פירט 14 שיפלעך, בעת אַנדערע סקונערס פירן מיט זיך נאָר זעקס. די אויסערלעבע וועלט רעדט שטאַרק וועגן האַרמאַטן און וועגן משונהדיקע גסיעות און עקספּעדיציעס, וואָס זי פירט אויס, אָנהייבנדיק פון שמוגלען אָפּיום אין די פאַרייניקטע שטאַטן און געווער אין כינע, און ענדיקנדיק מיט נעמען געפאַנגען נעגער און אָפּענער ים-רויבעריי. דאָך מוז איך גלייבן לואיסן, ווייל כ'האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געכאַפּט ביי אַ ליגן, און ער באַזיצט ענציקלאָפּעדישע ידיעות וועגן פּאָקע-געיעג און וועגן די פּאָקע-שיפן.

אַזוי ווי אונטן און אין דער קיך, אַזוי זעט אויס אין רודער-שטיבל און אויבן, אויף דער דאָזיקער גיהנום-שיף. די מענטשן קעמפן און ראַנגלען ווי ווילדע חיות פאַרן לעבן. די יעגער ריכטן זיך יעדע מינוט, אַז רויך און הענדערסאָן זאָלן אַליאַדע מינוט דערשיסן איינער דעם אַנדערן,

ווייל זייערע אַלטע חשבונות זענען נאָך נישט רעגולירט געוואָרן. וואָלף לאַרסען זאָגט אַנטשלאָסן, אַז ער וועט דערהרגענען דעם, וואָס וועט בלייבן נאָך דער מחלוקה, אויב די מחלוקה וועט זיך אַזוי ענדיקן. ער איז זיך אָפנהאַרציק מודה, אַז זיין שטעלונג באַזירט זיך נישט אויף אַ מאָראַלישן גרונט, אַז וואָס שייך אים וואָלטן אַלע יעגער געמעגט דערהרגענען איינער דעם אַנדערן, ווען נישט דאָס, וואָס ער דאַרף, אַז זיי זאָלן לעבן צוליבן געיעג. אויב זיי וועלן זיך האַלטן רויִק ביז נאָכן סעזאָן, זאָגט ער זיי צו אַ קעניגלעכן קאַרנאַוואַל, ווען מען קען דערליידיקן אַלע חשבונות, און די זיגער מעגן וואַרפן אין ים אַריין די באַזיגטע און אויסטראַכטן מעשיות ווי אַזוי די פעלנדיקע זענען פאַרלוירן געוואָרן אויפן ים. איך מיין, אַז אַפילו די יעגער שוידערט פון זיין קאַלטבלוטיקייט. ווי שלעכט זיי זענען נישט, האָבן זיי אָבער שטאַרק מורא פאַר אים.

טאָמאַס מאַגרידזש איז הכנעהדיק לגבי מיר ווי אַ הונט, בעת אין געהיים שרעק איך זיך פאַר אים. ער איז דער מוט פון שרעק — אַ מאָדנע זאַך, ווי כ'ווייס פון זיך גופא, — און צו יעדער צייט קען ער באַהערשן די מורא און אים טרייבן צו מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן. אויף דער קני איז מיר שוין בעסער, הגם אָפט טוט מיר וויי אַ לאַנגע צייט, און דער צעקוועטשטער דורך וואָלף לאַרסענען אָרעם פאַרלירט ביסלעכווייז די שטייפקייט. אָבער חוץ דעם געפין איך זיך אין אַ גוטער לאַגע, כ'פיל, אַז כ'געפין זיך אין אַ גוטער לאַגע. מיינע מוסקולן ווערן גרעסער און קרעפטיקער. מיינע הענט אָבער שטעלן מיט זיך פאָר אַ טרויעריק בילד. זיי זעען אויס ווי האַלבפאַרברענט, באַלאָדן מיט אַראָפּהענגנדיקע נעגל, וואָס זענען צעבראָכן און אָן קאָליר, און זייערע שפיצן נעמען אָן די פאָרם פון ווילד-פלייש. חוץ דעם לייד איך נאָך פון געשווילעכטס, אַ דאַנק דער דיעטע, העכסט וואַרשיינלעך, ווייל כ'האָב פריער קיינמאָל נישט געליטן דערפון.

מיט אַ פאָר אָוונטן צוריק בין איך איבערראַשט געוואָרן,

הערנדיק ווי וואָלף לאַרסען לייענט די ביבל, אַן עקזעמפּליאַר פון וועלכער איז, נאָך אַן אומזיסט זוכן אין אָנהויב פון דער רייזע, געפונען געוואָרן אין דעם קעסטל פון טויטן באָצמאַן. כ׳האָב נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס וואָלף לאַרסען האָט דאָרט דערזען פאַר זיך. ער האָט פאַר מיר הויך פאָרגעלייענט קוהלת.

כ׳האָב געקענט מיינען, אַז בעת ער לייענט, דריקט ער דערמיט אויס זיינע אייגענע געדאַנקען, און זיין שטימע, אַ טיף וויברירנדיקער און אומעטיקע- אין דער פאַרמאַכטער קאַבינע, האָט מיך באַצויבערט און צוגעשמידט צו מיין אָרט. ער איז טאַקי אומגעבילדעט, אָבער זיכער, אַז ער ווייסט ווי אויסצו-דריקן די באַדייטונג פונם געשריבענעם וואָרט. איך הער אים אויך איצט, ווי כ׳וועל אים שטענדיק הערן, ווי די פרימיטיווע מעלאַנכאָליע וויברירט אין זיין שטימע, בעת ער לייענט:

„איך האָב מיר אָנגעזאַמלט אויך זילבער און גאָלד, און קיניגלעכע אוצרות און אוצרות פון די פּראָווינצן; איך האָב געהאַט אַרום מיר זינגערס און זינגערינס, און די פאַרגעניגנס פון די מענטשן-קינדער, ווי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, פון אַלע סאָרטן.

„איך בין מעכטיק און איך האָב פאַרגרעסערט אַלץ, וואָס איז געווען פאַר מיר אין ירושלים; און מיין חכמה איז געווען מיט מיר.

„און דאַן האָב איך געקוקט אויף די ווערק, וואָס מיינע הענט האָבן געמאַכט און אויף דער אַרבעט, וואָס איך האָב גע-טון, און זע, אַלץ איז הבל הבלים, און ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום נוצן אונטער דער זון.

„אַלע זאַכן געשעען מיט יעדן; דאָסזעלבע געשעט דעם צדיק און דעם רשע; דעם גוטן און דעם ריינעם, און דעם אומ-ריינעם; דעם, וואָס ברענגט קרבנות און דעם, וואָס ברענגט נישט קיין קרבנות; אַזוי ווי דעם גוטן, אַזוי איז דעם זינדיקן; און דעם, וואָס שווערט, ווי דעם, וואָס האָט מורא צו שווערן.

„דאָס איז שלעכט צווישן אַלץ, וואָס ווערט אָפּגעטון אונ-

זער דער זון, וואָס מיט אַלע געשעט דאָס זעלבע; יאָ, אויך דאָס האַרץ פון די מענטשן איז פול מיט שלעכטס, און משוגעת איז אין זייער האַרץ בעת זיי לעבן, און נאָכדעם שטאַרבן זיי״.

„אָט, האָט איר, העמפּ״, האָט ער געזאָגט, צומאַכנדיק דאָס בוך און קוקנדיק אויף מיר. „קהלת, וואָס איז געווען מלך פון ירושלים, האָט געטראַכט פּונקט ווי איך. איר זאָגט, אַז איך בין אַ פּעסימיסט, איז דאָס נישט דער שוואַרצסטער פּעסימיזם? „הבל־הבלים און פּוסט שטרעבן, נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון״; „איין סוף פאַר אַלע, פאַרן נאַר און קלוגן, פאַרן ריינעם און אומריינעם, פאַרן צדיק און רשע, און דער סוף — איז טויט, — אַ שלעכטע זאַך, ווי ער זאָגט. ווייל קהלת האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, ער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן, זאָגנדיק: „ אַ לעבעדיקער הונט איז בעסער ווי אַ טויטער לייב״ — ער האָט בעסער געוואָלט האָבן די אייטלקייט און פּוסט שטרעבן, איידער די שטילקייט און אומבאַוועגלעכקייט פון קבר. און איך זאָג אויך דאָסזעלבע. קריכן איז חזיריש, אָבער נישט קריכן, זיין ווי אַ קלאָץ אָדער אַ פעלזן, ס׳כאַפּט אָן אַ שוידער צו טראַכטן וועגן דעם, דאָס איז אַ שוידערהאַפטע זאַך פאַרן לעבן, וואָס איז אין מיר, וועמענס קווינטעסענץ איז באַוועגונג, די קראַפט פון באַוועגונג, און דאָס באַוואוסטזיין פון דער קראַפט פון באַוועגונג. דאָס לעבן גופא איז אַ נישטצופרידנקייט, אָבער צו וואַרטן אויפן טויט איז אַ גרעסערע נישטצופרידנקייט״.

„איר זענט נאָך ערגער פון אָמאַרך״, האָב איך געזאָגט.

„ער האָט, לכל הפחות, נאָך דער געוויינלעכער גסיסה פון דער יוגנט, געפונען אַ באַרויקונג און געמאַכט פון זיין מאַטעריאַליזם אַ פריידיקע זאַך״.

„ווער איז געווען אָמאַר״? האָט וואָלף לאַרסען געפרעגט, און איך האָב שוין יענעם טאָג נישט געאַרבעט, נישט צומאָרגנס און נישט איבערמאָרגנס.

לייענענדיק אַלץ צופעליק, האָט ער נישט באַגעגנט די

רובאַיאַט, און דידאָזיקע רובאַיאַט איז פאַר אים געווען אַ גע־פונענער אוצר.

כ'האָב אַ סך געדענקט, מעגלעך צוויי דריטל פון די פיר־פערזנדיקע לידער, און אָן שוועריקייט האָב איך צענויפגע־שטוקעוועט די איבעריקע טיילן.

גאַנצע שעהן האָבן מיר אַדורכגערעדט וועגן איינצעלנע סטאַנצאַס, און איך האָב געזען, אַז ער לייענט פון זיי אַרויס אַ געוויין פון חרטה און בונט, זאַכן, וואָס איך האָב דאָרט גאָר־נישט געפונען.

ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז איך האָב געלייענט מיט אַ גע־וויסן פריילעכן טאָן, מיין אייגענער טאָן, ווייל ער האָט רעצי־טירט דיזעלבע שורות און אין זיי אַריינגעגעבן אַן אומרויִקייט און ליידנשאַפטלעכן בונט, וואָס איז געווען באַצענט איבערצייגנ־דיק. ער האָט געהאַט אַ וווּנדערבאַרן זיכּרון, און ביי אַ צווייט מאָל, אָפט אפילו ביים ערשטן מאָל, האָט ער געשאַפן זיין אייגענעם פיר־פערז. ער האָט רעציטירט די זעלבע שורות און זיי באַקליידט מיט אַן אומרויִקן און ליידנשאַפטלעכן בונט, וואָס איז געווען כמעט איבערצייגנדיק.

כ'בין נייגעריק געווען צו זען וואָס פאַרא פיר־פערז געפעלט אים אַמבעסטן, און ס'האָט מיך נישט איבערראַשט, ווען ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פיר־פערז, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק אַ מאָמענטאַלער צערייצטקייט, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט צו דער רויִקער פילאָזאָפיע פון פערסישן דיכטער און זיין פריילעכן לעבנס קאָדעקס:

„וואָס, נישט פרעגנדיק, האָט אַהער געאיילט דער
וואַנען,
און, נישט פרעגנדיק, וווּהין האָט געאיילט וואַנען
אַ סך כעלערס פון דאָזיקן פאַרבאָטענעם וויין,
האָט מסתמא דערטרונקען דעם אָנדענק פון יענער
באַליידיקונג" !..

„ריזיק”! האָט וואָלף לאַרסען געשריגן. „ריזיק! אָט דאָס איז דער הויפּט־טאָן. חוצפּה! ער האָט נישט געקענט אויסקלייבן אַ בעסער וואָרט”.

ס'האָבן גאָרנישט געהאָלפן מיינע פּראָטעסטן. ער האָט מיך פאַרפּלייצט, דערדריקט מיט אַרגומענטן.

דער כאַראַקטער פון לעבן איז נישט קיין אַנדערער.

דאָס לעבן, ווען עס ווייסט, אַז עס הערט אויף צו לעבן וועט זיך שטענדיק בונטעווען. עס האָט קיין ברירה נישט.

קוהלת האָט איינגעפונען, אַז דאָס לעבן און אַלע טאַטן פון לעבן זענען הבל הבלים, אַ שלעכטע זאַך, אָבער דער טויט, דאָס אויפהערן צו קענען זיין אייטל און אויפגערייצט, איז לויט זיינע ווערטער נאָך אַן ערגערע זאַך. און קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל פייניקט אים דער איינציקער סוף, וואָס טרעפט אַלע גלייך. אַזוי אויך אָמאַר, אַזוי איך, איר, אַפילו איר, ווייל איר האָט זיך געבונטעוועט קעגן שטאַרבן, ווען קוקי האָט געשאַרפט דאָס מעסער פאַר אייך. איר האָט מורא געהאַט צו שטאַרבן, דאָס לעבן, וואָס אין אייך, פון וועלכן איר באַשטייט, וואָס איז גרעסער פאַר אייך, האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. איר האָט גערעדט וועגן אינסטינקט פון אומשטאַרבלעכקייט. איך רעד וועגן אינסטינקט פון לעבן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו לעבן און וועלכעס, ווען דער טויט לאָקערט ווייט און נאָענט, באַהערשט דעם אינסטינקט פון דער אַזוי גערופענער אומשטאַרבלעכקייט. עס האָט באַהערשט דעם אינסטינקט אין אייך (איר קאָנט נישט דאָס אָפּלייקענען) ווייל אַ משוגענער קאָקני האָט געשליפן אַ מעסער.

„איר האָט איצט מורא פאַר אים. איר האָט מורא פאַר מיר. איר קאָנט דאָס נישט אָפּלייקענען. אויב כ'וועל אייך אָננעמען ביים גאָרגל, אָט אַזוי — זיין האַנט איז געווען לעבן מיין גאָרגל און כ'האָב נישט געהאַט קיין אָטעם — „און אָנהייבן אַרויספּרעסן דאָס לעבן פון אייך, אָט אַזוי, וועט אייער אינסטינקט פון שטאַרבלעכקייט אויפבליצן, און אייער אינסטינקט

פון לעבן, וואָס בענקט נאָך לעבן, אויפפלאַטערן און איר וועט קעמפן כדי צו ראַטעווען זיך, האַ? איך זע אין אייערע אויגן טויט שרעק. איר מאַכט מיט די הענט פּדי צו כאַפּן אַביסל לופט. איר שטרענגט אָן אייער גאַנצע שוואַכע קראַפט כדי צו קעמפן פאַרן לעבן; אייער האַנט כאַפּט אָן מיין אָרעם, וועלכע פילט זיך אַזוי לייכט, פונקט ווי אַ זומערפייגעלע וואָלט גע־שטאַנען דערויף; אייער ברוסט הייבט זיך, איר שטעקט אַרויס די צונג, אייער הויט ווערט שוואַרץ, עס שווינדלט אייך פאַר די אויגן. לעבן! לעבן! לעבן! שרייט איר. און איר שרייט כדי צו לעבן דאָ און היינט, נישט אויף אַן אַנדער וועלט. איר זענט מסופק אין אייער אומשטאַרבלעכקייט, האַ? כאַ! כאַ! איר זענט נישט זיכער אין דעם. איר ווילט נישט איינשטעלן דערויף. איר זענט זיכער, אַז נאָר דאָס לעבן איז רעאַל. אַ, עס ווערט פינצ־טער און פינצטערער. דאָס איז די פינצטערניש פון טויט, דאָס אויפהערן צו זיין, דאָס אויפהערן צו פילן, דאָס אויפהערן צו באַוועגן זיך, וואָס קלייבט זיך אָן אַרום אייך, וואָס גייט אויף אייך, וואָס הייבט זיך אויף אַרום אייך. אייערע אויגן קריכן אַרויס פון דער אָרביטע, זיי בלישטשען. מיין שטימע קלינגט שוואַכער און ווי פון ווייטנס. איר קענט נישט זען מיין פנים. און דאָך ראַנגלט איר זיך אין מיין פויסט. איר וואַרפט מיט די פיס. אייער גוף ציט זיך איין אין קנויל ווי אַ שלאַנג. אייער ברוסט הייבט זיך און פאַלט. לעבן! לעבן! לעבן — —".

מער האָב איך נישט געהערט, דאָס באַוווסטזיין איז אויס־געמעקט געוואָרן דורך דער פינצטערניש, וואָס ער האָט אַזוי בילדלעך באַשריבן, און ווען כ'בין געקומען צו זיך, בין איך געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, און ער האָט גערויכערט אַ ציגאַר און מיך שטאַרק אויפמערקזאַם באַטראַכט מיט יענעם אַלטן היי־מישן בליק פון נייגיריקייט אין זיינע אויגן.

„נו, איך האָב אייך איבערצייגט? האָט ער געפרעגט.

„נאַט אייך, גיט אַ טרונק. איך וועל אייך פרעגן אַ פּאָר שאלות".

כ'האָב ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע געשאָקלט מיטן קאָפּ

אויף ניין. „אייערע ארגומענטן זענען צו־פיל — שטאַר־שטאַרקע. האָב איך קוים געקענט אַרויסשטאַמלען מיט גרויס ווייטאָק אין דער קעל.

איר ווערט צו זיך קומען אין אַ דרײַבע שעה אַרום", האָט ער מיך פאַרזיכערט. „און איך זאָג אייך צו, אַז כ׳וועל שוין מער נישט ווייזן אַזעלכע פיזישע דעמאָנסטראַציעס. שטייט אויף, איר קענט זיך זעצן אויף אַ שטול!"

און, וואָס פאַר אַ שפּילעכל איך בין געווען אין זײַנע הענט! מיר האָבן ווייטער פאָרגעזעצט די דיסקוסיע וועגן אָמאַר און קוהלתן און אַזוי געזעסן אַ האַלבע נאַכט.

## קאַפּיטל צוועלף

די לעצטע פּיראונצוואַנציק שעה זענען געווען עדות פון אַ ברוטאַלן קאַרניוואַל. אַזוי ווי עס וואָלט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון דער קאַבינע ביז צום אויבערדעק. כ׳ווייס נישט ווו אָנצוהייבן. וואָס אַן אמת איז וואָלף לאַרסען די סיבה פון דעם אַלעם.

די באַציִונגען צווישן מענטשן, וואָס זענען שוין אַזוי אויך געווען אָנגעשטרענגט און געשפּאַנט אַדאַנק די קריגערייען מחלוקתן און קנאה־שנאה, זענען געווען אין אַ צושטאַנד פון נישט־סטאַבילער גלייכגעוויכט און די ליידנשאַפטן האָבן אויפֿגעפלאַמט ווי פּרעריע־גראָז.

טאָמאַס מאַגרידזש איז אַן אונטערלעקער, שפּיאָן און מסור. ער האָט זיך געסטאַרעט צו געפינען חן און צוריקגעווינען די גנאָד ביים קאַפּיטאַן, אָפּטראָגנדיק צו אים רכילותן אויף די מאַטראָזן. איך ווייס, אַז ער האָט דאָס אָפּגעטראָגן טייל פון דזשאָנסאָנס נישט פאָרזיכטיקע שמועסן צו וואָלף לאַרסענען.

דזשאָנסאָן האָט, ווייזט אויס, געקויפט אַ גומענעם אַנצוג

פון דעם מלבושים-קעסטל און איינגעזען, אַז די קוואַליטעט פון מאַטעריאַל איז אַ זייער געמיינע. און ער האָט זיך צוגעאײַלט באַקאַנט צו מאַכן דעמדאָזיקן פאַקט. דאָס מלבושים-קעסטל איז אַ מין מיניאַטור-געוועלב פון מאַנופאַקטור סחורות, וואָס געפינט זיך אויף אַלע פּאַקעט-סקונערס און וועלכעס איז פאַרזען מיט די אַלע ספּעציפישע אַרטיקלען פאַר די יעגער. וואָס אַ מאַטראָז זאָל נישט קויפן, ווערט אַלץ אַראָפּגערעכנט פון זיין צוקונפטיקן פאַרדינסט פון פּאַקעט-געיעג; ווייל — ווי ס'איז דער מנהג ביי די יעגער און די וויעסלער, — באַקומען זיי אַנשטאָט זייער פּענסיע אַ ראַטע אויף יעדער פאַר פעל, וואָס ווערט געפאַנגען אין יעדן שיפל.

אָבער וואָס שייך דזשאָנסאָנס מורמלען וועגן מלבושים-קעסטל ווייס איך גאָרנישט, אַזוי אַז דער אינצידענט, וועלכן כ'האָב ביגעוווינט איז פאַר מיר געווען אַ פלוצימדיקע איבעראַשונג. כ'האָב נאָר וואָס געהאַט צוגעקערט די קאַבינע, און כ'בין אַרייַנגעצויגן געוואָרן דורך וואָלף לאַרסענען אין אַ דיסקוסיע וועגן האַמלעטן, זיין באַליבטער שעקספּירשער העלד, ווען דזשאָהאַנסען איז אַראָפּגעגאַנגען אויף די טרעפּ און דזשאָנסאָן איז אים נאָכגעגאַנגען. דער לעצטער האָט אַראָפּגענומען זיין היטל, ווי דער שטייגער אויפן ים, און ער איז מיט רעספּעקט געשטאַנען אין מיטן דער קאַבינע, שווער און אומרויִק וויגנדיק זיך צום טרייסלען זיך פון סקונער און קוקנדיק דעם קאַפּיטאַן גלייך אין פּנים אַרײַן.

„פאַרמאַכט די טיר און ציט אַראָפּ די פאָרהאַנגען", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט צו מיר.

ווען כ'האָב דערפילט זיין באַפעל, האָב איך באַמערקט אַ שרעקעוודיק פייער אין דזשאָנסאָנס אויגן, אָבער כ'האָב גאָרנישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער סיבה.

כ'דהאָב גאָרנישט געוווּסט, וואָס עס וועט דאָ געשעען, אָבער ער האָט באַלד פון אָנהייב געוווּסט, וואָס עס קומט אָן און ער האָט עס העלדיש דערוואַרט. און אין זיין טאַט דהאָב

אין געפונען אַ פולשטענדיקע אָפּלייקענונג פון וואָלף לאַרסענס מאַטעריאַליזם. דעם מאַטראָז דזשאָנסאָן האָט באַהויכט אַן אידיי, אַ פּרינציפּ, דער אמת און אויפריכטיקייט. ער איז געווען גערעכט, ער האָט געוווסט, אַז ער איז גערעכט און ער ד׳האָט נישט קיין מורא געהאַט. ער וועט שטאַרבן פאַר דער גערעכטיקייט, אויב מ׳וועט דאַרפן, ער וועט זיין טריי צו זיך, אויפריכטיק צו זיין נשמה. און אין דעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער נצחון פון גייסט איבערן חומר, די אומבאַצווינגבאַרקייט און מאָראַלישע גרויסקייט פון דער נשמה, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום באַגרענצונגען און וואָס הייבט זיך אויף איבער צייט און רוים און מאַטעריע מיט אַ זיכערקייט און אומבאַזיגבאַרקייט, וואָס איז געבוירן פון קיין שום אַנדערער זאַך ווי אייביקייט און אומשטאַרבלעכקייט.

אָבער לאָמיר רעדן צו דער זאַך. איך האָב באַמערקט דאָס שרעקעוודיקע פייער אין דזשאָנסאָנס אויגן, איך האָב עס בטעות אָנגענומען פאַר די איינגעבוירענע שעמעוודיקייט און פאַרלעגנהייט פון דאָזיקן מענטשן. דער האַצמאַן, דזשאָהאַנסען, איז געשטאַנען אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט פון אים, און אַ דריי איילן פון אים איז געזעסן וואָלף לאַרסען אויף איינעם פון די האַמאַק-שטולן. נאָכן צומאַכן די טיר און צוגעפּאַסטע ווייל-ערטער (?)

האַנגען, האָט געהערשט אַ באַדייטנדיקע הפסקה, אַן הפסקה, וואָס האָט געדויערט אפשר אַ מינוט. זי איז איבערגעריסן געוואָרן דורך וואָלף לאַרסענען.

„יאָנסאָן“, האָט ער אָנגעהויבן.

„איך הייס דזשאָנסאָן, סיר“ האָט דער מאַטראָז דרייסט פאַרבעסערט.

„נו, זאָל זיין דזשאָנסאָן, צום טייוול, צי קענט איר משער זיין, פאַרוואָס כ׳האָב געשיקט נאָך אייך?“

„יאָ און ניין, סיר“, ד׳האָט זיך געהערט אַ פלעמלעכער ענטפער. „מיין אַרבעט ווערט אויסגעפירט אין בעסטן אָרדנונג. דער באָצמאַן ווייסט דאָס, און איר ווייסט דאָס אויך, סיר. און

וועגן דעם קאָנט איר זיך נישט באַקלאָגן".

„און דאָס איז עס איגנאָנצן?" האָט וואָלף לאַרסען גע־פרעגט, און זיין שטימע איז געווען אַ ווייכע, פּאַמעלעכע און ברומענדיקע ווי אַ קאַץ.

„איך ווייס, אַז איר זוכט חטאים אויף מיר" האָט דזשאָנ־סאָן פאַרגעזעצט מיט זיין אומפאַרענדערלעכער און פאַרטראַכטער געלאַסנקייט. „איך האָב ביי אייך נישט נושא חן געווען. איר, איר — —".

„רעד ווייטער", האָט וואָלף לאַרסען אונטערגעהאָלפן. „האָב נישט קיין מורא פאַר מיינע געפילן".

„כ'האָב נישט קיין מורא", האָט דער מאַטראָז צוריקגע־ענטפערט, און אַ לייכטע פאַררויטלטקייט פון פעס האָט זיך באַוויזן אויף זיין אָפּגעבריִנט פון דער זון פנים „אויב איך רעד נישט שנעל, איז עס דערפאַר, וואָס איך בין נישט אַזוי לאַנג אין דעם אַלטן לאַנד ווי איר. איך האָב ביי אייך נישט נושא-חן געווען, ווייל כ'בין צופיל אַ זעלבסשטענדיקער מענטש, אָט פאַרוואָס, סיר".

„איר זענט צופיל אַ זעלבסשטענדיקער פאַר דער שיף־דיסציפּלין, אויב איר מיינט אַזוי, און אויב איר ווייסט, וואָס איך מיין", האָט וואָלף לאַרסען געענטפערט.

איך קען ענגליש און איך ווייס וואָס איר מיינט, סיר", האָט דזשאָנסאָן געענטפערט, און זיין פאַררויטלטקייט איז נאָך שטאַרקער געוואָרן צוליב דער נישט פּינקטלעכקייט אין זיין ידיעה אין דער ענגלישער שפּראַך.

„דזשאָנסאָן", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט מיט אַ מינע, וואָס האָט ווי צונישט געמאַכט די פריערדיקע ווערטער אַלס אַן הקדמה צו דער הויפּטזאַך, „איך האָב געהערט, אַז איר זענט נישט איגנאַנצן צופרידן מיט די אייל-פעלעכלעך?"

„ניין, כ'בין טאַקע נישט. זיי זענען נישט גוט, סיר".

„און איר האָט צעפּלוישט וועגן דעם".

„איך זאָג, וואָס איך מיין, סיר", האָט דער מאַטראָז מו־

טיק געענטפערט, נישט פאַרגעסנדיק אין דערזועלבער צייט אָן דער שיף-העפלעכקייט, וואָס פאָדערט, אַז ביי יעדעס מאָל רעדן זאָל באַנוצט ווערן דאָס וואָרט „סיר".

טאַקע אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָב איך צופעליק אַ קוק געטון אויף דזשאָהאַנסענען. זיינע גרויסע פויסטן האָבן זיך גע-ביילט און געעפנט, און זיין פנים איז געווען אַ טייוולאָניש, אַזוי רשעותדיק האָט ער געקוקט אויף דזשאָנסאָנען. איך האָב באַמערקט, אַז דזשאָהאַנסענס אויגן זענען קוים אָנזעבאַר שוואַרץ געוואָרן, אַ שפור פון די קלעפ, וואָס ער האָט געקריגן פונם מאַטראָז מיט עטלעכע נעכט פריער. צום ערשטן מאָל האָב איך געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עס וועט זיך דאָ אָפשפילן אַ שרעקלעכער אַקט, — וואָס, האָב איך נישט געקענט וויסן.

„צי ווייסט איר, וואָס עס געשעט מיט מענטשן, וואָס זאָגן דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן מיין מלבושים-קעסטל און וועגן מיר?" האָט וואָלף לאַרסען געפרעגט.

„איך ווייס, סיר", האָט זיך געהערט אַן ענטפער.

„וואָס?" האָט וואָלף לאַרסען געפרעגט שאַרף און באַפע-לעריש.

„וואָס איר און דער באָצמאַן גייען אָפטוען מיט מיר, סיר".

„קוקט נאָר אויף אים, העמפ", האָט וואָלף לאַרסען גע-זאָגט צו מיר. „קוקט אויף דעמדאָזיקן שטיק באַגייסטערטן שטויב, דידאָזיקע געשטוקעוועטע מאַסע פון מאַטעריע, וואָס באַוועגט זיך און אָטעמט און איז חוצפהדיק אַקעגן מיר און וואָס גלייבט דורכאויס, אַז עס באַשטייט פון עפעס גוטס; אַז עס איז באַ-איינפלוסט פון געוויסע מענטשלעכע פיקציעס ווי גערעכטיקייט און אָרנטלעכקייט, און וואָס וועט לעבן און זיין טראָץ אַלע פערזענלעכע אומבאַקוועמלעכקייטן און דראָונגען. וואָס קלערט איר וועגן אים, העמפ? וואָס קלערט איר וועגן אים?

„איך מיין, אַז ער איז אַ בעסערער מענטש ווי איר", האָב איך געענטפערט, געשטויסן פון אַ ווינטש אויפצוציען

אויף זיך אַ טייל פונם צאָרן, וואָס האָט זיך אַ ליאַדע מינוט געזאָלט אויסגיסן אויפן מאַטראָזס קאָפּ. „זיינע מענטשלעכע פיקציעס, ווי איר רופט זיי אָן, באַשטייען פון איידלקייט און מענלעכקייט. איר האָט נישט קיי פיקציעס, נישט קיין טרוימען, נישט קיין אידעאַלן, איר זענט אַן אָרעמאַן".

ער האָט מיט אַ ווילדער הנאה געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„גאַנץ ריכטיק, העמפּ, גאַנץ ריכטיק. איך האָב נישט קיין פיקציעס, וואָס באַשטייען פון איידלקייט און מענלעכקייט. אַ לעבעדיקער הונט איז בעסער ווי אַ טויטער לייב, זאָג איך גלייך מיט קוהלתן. מיין איינציקע דאָקטרין איז די דאָקטרין פון באַקוועמלעכקייט, און זי באַשטייט שוין פאַר עולם-הבא. דאָסדאָזיקע שטיק פערמענט, וואָס הייסט „דזשאָנסאָן", ווען ער איז שוין נישט מער אַ שטיק פונם פערמענט, נאָר שטויב און אַש, וועט האָבן אַזויפיל איידלקייט אין זיך ווי יעדעס שטויבל און אַש, אין דערצייט, ווען איך וועל נאָךלעבן און ריטשען".

„צי ווייסט איר וואָס איך גיי טון?" האָט ער מיך געפרעגט.

כ'האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„אַלזאָ, איך גיי אויספּרוּוון מיין רעכט פון ריטשען און אייך ווייזן ווי עס זעט אויס די איידלקייט. קוקט זיך צו".

ער איז געזעסן דריי איילן ווייט פון דזשאָנסאָנען. ניין פיס! און דאָך איז ער אַראָפּ פון דער שטול מיט אַ פולן שפרונג, נישט אויפשטעלנדיק זיך. ער איז אַראָפּ פון דער שטול, פונקט ווי ער איז געזעסן אויף איר, גלייך, אויפשפרונגדיק פון זיין זיצנדיקער פּאָזע ווי אַ ווילדע חיה, ווי אַ טיגער, און ווי אַ טיגער האָט ער אַדורכגעמאַכט דעם צווישןשטח. דאָס איז געווען אַ לאַווינע פון צאָרן, וועלכע דזשאָנסאָן האָט זיך אומזיסט באַמיט אָפּצושטויסן. ער האָט פאַרוואָרפן מיט איין אָרעם צו שיצן דעם בויך, און מיטן צווייטן אָרעם האָט ער באַשיצט דעם קאָפּ. אָבער וואָלף לאַרסענס פויסט האָט אַריינגעטראָפן אין מיטן, אין דער ברוסט, מיט אַ צעמאָרשנדיקן,

קנאַקנדיקן אימפּעט. דזשאָנסאָנס אָטעם, וואָס איז פּלוצלונג אַרויס פון אים, איז אויסגעבראָכן פון זיין מויל און איז פּלוצלונג גע־בליבן שטעקן מיט דער גוואַלטזאַמער, הערבּאַרער גסיסה פון אַ מענטש, וואָס האַלט אַ האַק. ער איז געפאַלן הינטערווייַלעכטס און זיך געוואַקלט אַהין און אַהער, זיך אָנשטרענגנדיק צו דערהאַלטן זיין גלייכגעוויכט.

כ׳קען נישט געבן די ווייטערדיקע פּרטים פון דער שרעק־לעכער סצענע, וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען. דאָס איז גע־ווען אַ צו־אויפרייצנדיק בילד אַפילו איצט, ווען איך דענק וועגן דעם, ווערט מיר נישט גוט. דזשאָנסאָן האָט געקעמפט געבוג העלדיש, אָבער וואָלף לאַרסען איז נישט געווען פאַר זיינע כּוחות, דערצו נאָך וואָלף לאַרסען און דער באָצמאַן. עס איז געווען שרעקלעך. איך האָב מיר גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז אַ מענטשלעך וועזן זאָל קענען אַזוי פיל ליידן און נאָך לעבן און ווייטער ראַנגלען זיך. און דזשאָנסאָן האָט ווייטער זיך גע־ראַנגלט. נאַטירלעך, האָט ער נישט געהאַט קיין שום האָפנונג, און ער האָט דאָס גאַנץ גוט געוווּסט, פּונקט ווי איך. אָבער צוליב דער מענטשלעכקייט, וואָס איז געווען אין אים, האָט ער נישט געקענט אויפהערן ראַנגלען זיך פאַר דערדאָזיקער מענטש־לעכקייט.

ס׳איז געווען פאַר מיר צו פיל, אַז איך זאָל דאָס בּיי־וווינען. איך האָב געפילט, אַז כ׳גיי אַראָפּ פון זינען, און איך בין אַראָפּ אויף די קאַבּינע טרעפּ כּדי אַרויפצולויפן אויפן דעק. אָבער וואָלף לאַרסען, איבערלאָזנדיק זיין קרבן אויף אַ ווייל, האָט מיט איינעם פון זיינע שרעקלעכע שפּרונגען מיך אָנגע־כאַפּט בּיי אַ זייט און מיך אַריינגעשליידערט אין אַ ווייטן ווינקל אין דער קאַבּינע.

„די פענאָמענס פון לעבן, העמפּ“, האָט ער געשחוזקט פון מיר. „שטייט און קוקט אייך צו. איר קענט דאָ קלויבן פאַקטן וועגן דער אומשטאַרבלעכקייט פון דער נשמה, חוץ דעם, ווייסט איר דאָך, אַז מיר קענען נישט אומברענגען דזשאָנסאָנס נשמה.

מיר קענען גאָר אַ תּל מאַכן פון דער דער דערוויילּיקער פאָרם אירע״.

ס׳האָט אויסגעוויזן ווי גאַנצע יאָרהונדערטער — ס׳קען זיין, אַז ס׳האָט נישט געדויערט מער ווי צען מינוט—די סצע־נע פון שלאָגן. וואָלף לאַרסען און דזשאָהאַנסען האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן אָרעמען בחור. זיי האָבן אים געשלאָגן מיט די פויסטן, געקאָפּעט אים מיט זייערע שווערע שטיוול, אומגעוואָרפן אים, אויפגעשטעלט אים ביי די פּיס און אים ווייטער אומגעוואָרפן. ער איז געווען ווי בלינד און גאָרנישט געקענט זען, און פון בלוט, וואָס איז גערונען פון די אויערן, באַז און מויל האָט די קאַבינע אויסגעזען ווי אַ יאַטקע. און ווען ער האָט זיך שוין נישט געקענט רירן, האָבן זיי אים אַ ליגנדיקן ווייטער געשלאָגן און געקאָפּעט.

„געלאַסן, דזשאָהאַנסען, געלאַסן, פּאַמעלעך". האָט וואָלף לאַרסען ענדלעך געזאָגט.

אָבער די בעסטיע אין דעם באָצמאַן האָט זיך אויפגע־כאַפּט און צערייצט, און וואָלף לאַרסען האָט געמוזט אים אָוועק־טרייבן מיט אַ הינטערווײַלעכטסדיקן זעץ מיטן אָרעם, ווײַזט אויס אַ גאַנץ דעליקאַטער, אָבער וועלכער האָט אַ שליידער געטון דזשאָהאַנסענען אַהינטער ווי אַ קאָרק, אָנשלאָגנדיק מיט אַ קנאַק דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. ער איז אומגעפאַלן אויף דער פּאָד־לאָגע, האַלב באַטויבט, שווער סאַפּנדיק און נאַריש פינטלענדיק מיט די אויגן.

„גיט אַ פּראַל אויף די טיר״, האָט מיר וואָלף לאַרסען באַפוילן.

איך האָב געהאָרכט און די צוויי בעסטיעס האָבן אויפ־געהויבן דעם באַוווסטלאָזן מאַטראָז ווי אַ זאַק מיט גראַטעס און אים געהויבן גלייך אַרויף די טרעפּ, דורכן שמאָלן אַרויסגאַנג און אַרויס אויפן דעק. דאָס בלוט פון דער נאָז האָט זיך גע־גאָסן ווי אַ רויטער שטראָם איבער די פּיס פון דעם רודערער, טאָקע פון לואיסן, דער באָצמאַן פון זיין שיפל. אָבער לואיס

האָט גענומען און געלייגט אַ שפריכע און געקוקט גלייכגילטיק אויף דעם קעסטל, ווו עס ליגט די בוסאָליע.

אָבער גאָר אַנדערש האָט זיך אויפגעפירט דזשאָרדזש ליטש, דער געוועזענער קאָיוטע-משרת. סיי אין דער הייך, סיי אונטן איז נישט געווען קיין שום זאַך, וואָס האָט אונז מער איבערראַשט ווי זיין קאָנסעקווענטע אויפפירונג. טאַקע ער איז אָן באַפעל אַרויפגעקומען אויפן הינטערשטן דעק און אַרויפגעשלעפט דזשאָנסאָנען, און ער האָט זיך גענומען פאַרבאַנדאַזשירן זיינע ווונדן אויף וויפיל ער האָט געקענט און אים געמאַכט באַקוועם.

דזשאָנסאָנען האָט מען נישט געקענט דערקענען; און נישט נאָר דאָס, ווייל זיינע פנים-שטריכן, אַלס מענטשלעכע פנים-שטריכן בכלל, זענען נישט געווען צו דערקענען, אַזוי מטושטש און געשוואָלן זענען זיי געוואָרן אין משך פון די פאָר מינוט, וואָס זענען אָפּגעלאָפן צווישן דעם אָנהייב פונעם געשלעג ביז צום אַרויפשלעפן זיין קערפער אויפן דעק.

אָבער לאָמיר רעדן וועגן ליטשס אויפפירונג — בעת איך האָב פאַרענדיקט רוימען די קאַבינע, האָט ער אַכטונג געגעבן אויף דזשאָנסאָנען.

כ'בין אַרויף אויפן דעק צו כאַפן אַ ביסל פרישע לופט און זוכן אַ ביסל אָפרו פאַר מיינע איבעראָנגעשטרענגטע נערוון. וואָלף לאַרסען האָט געריכערט אַ ציגאַר און באַטראַכט דאָס שטיק האָלץ, וועלכעס דאָס *געשפענסט* האָט געוויינלעך געהאַט פון הינטן, אָבער וועלכעס איז אַרויסגעשלעפט געוואָרן צוליב עפעס אַ כוונה.

פלוצלונג האָבן מיינע אויערן דערהערט ליטשס קול. עס איז געווען אָנגעשטרענגט און הייזעריק פון אַן איבערגוואַלטיקן כעס. איך האָב מיך אויסגעדרייט און אים דערזען ווי ער שטייט ביים ראַנד פון הינטערשטן דעק אויף דער זייט פון דער קיך. זיין פנים איז געווען אין קאָנוווּלסיעס און בלייך,

די אויגן האָבן געגליט, זיינע געביילטע פויסטן אויפגעהויבן אין דער הויך".

„זאָל גאָט אייך שיקן צום טייוול, וואָלף לאַרסען, נאָר דער גיהינום טויג פאַר אייך, איר פּחדן, איר מערדער, איר חזיר", — אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין ברוך־הבא.

כ'בין געשטאַנען גלייך ווי אַ דונער האָט מיך געטראָפן. כ'האָב מיך געריכט, אַז וואָלף לאַרסען וועט פון אים די אותו רגע אַ תּל מאַכן. אָבער וואָלף לאַרסענס קאַפּריז איז געווען נישט אַ תּל צו מאַכן פון אים איצט. ער איז זיך פּאַמעלעך געגאַנגען היין און צוריק צום ראַנד פון אונטערשטן דעק און אָנגעלענט דעם עלנבויגן אויפן קאַנט פון דער קאַבינע, געקוקט פאַרטראַכט און נייגיריק אויפן אויפגערעגטן בחור.

און דער בחור האָט באַשולדיקט וואָלף לאַרסענען, ווי ער איז קיינמאָל נישט באַשולדיקט געוואָרן.

די מאַטראָזן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ שרעקעוודי־קער גרופּע אין דרויסן פאַרן אויבערשטן דעק און זיך צוגעקוקט און צוגעהאָרכט.

די יעגער האָבן זיך צעגויפגעזאַמלט אין אַן אומאָרדנונג פאַר דעם רודער־שטיבל. אָבער ווען ליטשס טיראַדע האָט זיך פאַרצויגן, האָב איך דערזען, אַז זייערע פּנימער זענען נישט רויק. אַפילו זיי זענען געווען ז'ערשראָקן, נישט צוליב דעם בחורס שרעקלעכע ווערטער, נאָר צוליב זיין שרעקלעכער חוצפּה. ס'האָט נישט אויסגעזען צו זיין וואַרשיינלעך, אַז וועלכע נישט איז לעבעדיקע בריאה זאָל אַזוי קענען רייצן וואָלף לאַרסענען.

איך ווייס פון זיך אַליין, אַז כ'האָב אָנגעהויבן באַוווּנ־דערן דעם בחור און איך האָב אין אים דערזען ווי די הער־לעכע אומבאַזיגבאַרקייט פון אומשטאַרבלעכקייט הייבט זיך אויף איבערן חומר, און איבער דער מורא פונם חומר, ווי ביי די אַלטע נביאים, כדי צו פאַרורטיילן אומגערעכטיקייט.

און אַזאַ פאַרורטיילונג! ער האָט אַנטפּלויזט וואָלף לאַר־סענס נאַקעטע נשמה, אַז מענטשן זאָלן חוזק מאַכן אויס איר.

ער האָט אויף אים געשאָטן מיט קללות פון גאָט און די העכסטע הימלען, און זיי אַרויסגעלאָזט מיט אַזאַ היץ פון זידלעריי, אַז עס האָט געשמעקט מיט די מיטלאַלטערלעכע חרמות פון דער קאַטוילישער קירך. ער האָט גענומען די העכסטע גאַמע פון שטראָפרייד, אויפהייבנדיק זיך צו די הויכקייטן פון צאָרן, וואָס איז געווען אַ דערהויבענער און גאָט-ענלעכער, און פון בלויזער דערשעפונג אַראָפּגעפאַלן צו די געמיינסטע און אומאַנשטענדיקסטע באַליידיקונגען.

דאָס איז געווען אַ כעס פון משוגעת. די ליפּן זיינע זענען געווען באַדעקט מיט אַ ווייסער שוים, און צייטנווייז האָט ער זיך געשטיקט, געגאָרגלט און מען האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער רעדט.

און דורך דער גאַנצער צייט, רויק און גלייכגילטיק, אָנגעלענט אויפן עלנבויגן, קוקנדיק אַראָפּ, האָט אַ וואָלף לאַרסען אויסגעזען ווי איין גרויסע נייגעריקייט. עס האָט אים צעטומלט און פאַראינטערעסירט דאָסדאָזיקע ווילדע באַוועגן זיך פון פערמענטירנדיקן לעבן, דערדאָזיקער שרעקלעכער בונט און טראָציקייט פון דער מאַטעריע, וואָס האָט זיך באַוועגט.

יעדע מינוט האָב איך זיך גערעכנט, און אַלע האָבן זיך גערעכנט, אַז ער וועט זיך וואַרפן אויפן בחור און אים פאַרניכטן. אָבער דאָס איז נישט געווען זיין קאַפּריז. דער ציגאַר איז אויסגעגאַנגען און ער האָט זיך ווייטער געקוקט, שטילשווייגנדיק און נייגעריק.

און ליטש איז אַריינגעפאַלן אין אַן עקסטאַז פון אימפּאָטענטן כעס.

„חזיר! חזיר! חזיר!” האָט ער געגוואַלדעוועט אין די העכסטע טענער, „פאַרוואָס קומסטו נישט אַראָפּ און דערהרגעסט מיך נישט, דו מערדער? דו קענסט דאָס נישט טון! איך האָב נישט קיין מורא! קיינער וועט דיך נישט פאַרהאַלטן! בעסער אָנצוקוקן דעם טויט און זיין ווייט פון דיר, איידער צו לעבן און געפינען זיך אין דיינע לאַפּעס! קום אַהער, פּחדן! דער-

הרגע מיך! דערהרגע מיך! דערהרגע מיך!"

אין דעם מאָמענט האָט טאָמאַס מאַגרידזשס פאַרבלאָנ־דזשעטע נשמה באַוויזן זיך אויף דער סצענע. ער האָט זיך צוגעהערט, שטייענדיק ביי דער קיך־טיר, אָבער איצט איז ער אַרויסגעקומען, ווייזט אויס כדי אַריינצוואַרפן אין ים־אַריין עט־לעכע רעשטלעך פון עסן, אָבער באַשיינפּערלעך כדי צו זען די הריגה־סצענע, וועלכע, ווי ער איז געווען זיכער, וועט דאָ באַלד זיך אָפּשפּילן. ער האָט זיך שמן־זיתדיק אַדורכגעשלייכט דורך וואָלף לאַרסענס פּנים, וועלכער האָט אים גאָרנישט באַ־מערקט. אָבער דער קאָקני איז געווען אומפאַרשעמט, כאָטש משוגע, שטאַרק משוגע. ער האָט זיך געווענדט צו ליטשן, זאָגנדיק:

„אַזאַ לשון! שאָקירט!"

ליטשס כעס איז שוין נישט געווען אימפּאָטענט. ענדלעך האָט ער דאָ געהאַט פאַר זיך אונטער דער האַנט עפּעס אַ זאַך. און צום ערשטן מאָל זינט קאָקני האָט געשטאָכן, איז ער אַרויס־געקומען פון דער קיך אָן אַ מעסער. ער האָט קוים פאַרענדיקט אַרויסצורעדן די פּאָר ווערטער, ווי ליטש האָט אים געגעבן אַ וואָרף אים. דריי מאָל האָט ער זיך געוואָלט אויפהייבן, ווילנ־דיק צוקומען צו דער קיך, און יעדעס מאָל האָט אים ליטש אומגעוואָרפן.

„אָ גאָט", האָט ער געשריגן, „העלף! העלף! נעמט אים אַוועק, נעמט אים אַוועק!".

די יעגער האָבן געלאַכט פון אַנטשפּאַנונג, ס'האָט זיך געענ־דיקט די טראַגעדיע און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרס.

די מאַטראָזן ד'האָבן זיך איצט דרייסט צענויפגעזאַמלט אויבן, שטשירנדיק און צעמישטע, כדי צוצוקוקן זיך צו די קלעפּ פון פאַרהאַסטן קאָקני און אַפילו איך האָב געפילט ווי אַ גרוי־סע פרייד באַוועגט זיך אין מיר. איך בין מיך מודה, אַז איך האָב מיך געפרייט, וואָס ליטש שלאָגט טאָמאַס מאַגרידזשן, הגם

עס איז געווען אַזוי שרעקלעך ווי דאָס שלאָגן, וואָס טאַמאַס מאַגרידזש האָט גורם געווען פאַר דזשאָנסאָנען. אָבער דער אויסדרוק פון וואָלף לאַרסענס פּנים האָט זיך קיינמאָל נישט געענדערט. ער האָט אויך נישט געענדערט זיין פּאָזיציע, נאָר ווייטער געקוקט מיט אַ גרויסער נייגיריקייט. טראָץ זיין פּראַג-מאַטישער זיכערקייט, האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט זיך צו צום שפּיל און באַוועגונג פון לעבן אין דער האָפנונג אויסצו-געפינען עפּעס מער וועגן לעבן, צו דערזען אין זיינע משוגע-נע באַוועגונגען אַזוינס, וואָס איז ביז אַהער געבליבן אומבאַקאַנט פאַר אים — דעם שליסל צו דעם געהיימניש פון לעבן, וואָס וואָלט אַלץ געמאַכט קלאָר און פּשוט.

אָבער דאָס שלאָגן! עס איז געווען אינגאַנצן ענלעך צו דעם, וואָס כ'האָב נאָרוואָס בייגעוווינט אין דער קאַבינע. אומ-זיסט האָט דער קאָנקי זיך געראַנגלט כדי באַשיצן זיך פון דעם משוגע-געוואָרענעם בחור, און בחינם האָט ער געקעמפּט כדי צו זוכן שוץ אין דער קאַבינע. ער האָט זיך אַהינגעקייקלט, — אַהינגעקראָכן, געפאַלן אַהין, ווען מ'האָט אים אומגעוואָרפן. אָבער איין קלאַפּ איז געקומען נאָכן צווייטן מיט אַן איבעראַשנדיקער שנעלקייט. מ'האָט אים אומגעוואָרפן ווי אַ קאָרטן-הייזל, ביז ענדלעך, ווי וואָלף לאַרסען דזשאָנסאָנען, ער האָט אים גוט אָנגעשלאָגן און געקאָפּעט בעת ער איז געלעגן אומבאַהאָלפן אויפן דעק. קיינער האָט זיך נישט אַריינגעמישט. ליטש האָט אים געקענט דערהרגע-נען, אָבער האָבנדיק, ווייזט אויס, פאַרפולט דעם בעכער פון נקמה, איז ער אַוועק פון דעם אויסגעצויגענעם שונא, וועלכער האָט געוויינט און געקוויטשעט ווי אַ חזירל, און איז זיך אַוועק.

אָבער דידאָזיקע צוויי אינצידענטן זענען בלויז געווען די דערעפּנונגס-געשעענישן פון פּראָגראַם פון יענעם טאָג. נאָכ-מיטאָג זענען „רויך״ און הענדערסאָן באַפאַלן איינער דעם אַנדערן, און פון רודער-שטובל האָבן זיך דערהערט שאָסן, און די איבעריקע פיר יעגער זענען אַרויסגעלאָפן אויפן דעק. אַ זייל פון געדיכטן, בייסנדיקן רויך — אַ רויך, וואָס עס מאַכט

שטענדיק אָן דער שוואַרצער פּולווער — האָט זיך אַדורכגעריסן דורך דעם אָפּענעם וועג צום דעק און דורך אים איז געשפּרונגען וואָלף לאַרסען.

צו אונזערע אויערן זענען דערגאַנגען די קלאַנגען פון קלעפּ און ראַנגלען זיך.

ביידע זענען פאַרווונדעט געוואָרן, און ער האָט זיי ביידע געשלאָגן, ווייל זיי האָבן נישט געהאַרכט זיינע באַפעלן און זיך צעקאַלעטשעט פאַרן אָנהויב פון געיעג-סעזאָן. פאַקטיש זענען זיי געווען שטאַרק פאַרווונדעט, און נאָכן שלאָגן זיי, האָט ער זיי אָפּערירט און אומגעשיקט אויפן כירורגישן אופן און באַנדאַזשירט זייערע ווונדן.

איך בין געווען אַסיסטענט, בעת ער האָט אונטערגעזוכט און ריין געמאַכט די לעכער, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די קוילן, און איך האָב געזען ווי די צוויי לייט האָבן איבערגעהאַלטן זיין רויע כירורגיע אָן כלאָראָפאָרם-מיטלען, און בלויז דערוועקט זיי מיט אַ פלאַש וויסקי.

דאַן, בעת דער ערשטער נאַכט-וואַך, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע צרה אויפן פאָדערשטן דעק. דאָס איז געשען צוליב דעם צעפּלוישן און מסירות, וואָס זענען געווען די סיבה פון דזשאָנסאָנס שלאָגן, און פון דעם גערויש, וואָס מיר האָבן געהערט, און פון דעם אָנבליק פון די פאַרווונדעטע. צומאַרגנס איז געווען קלאָר, אַז אַ האַלבער טייל פון אויבערשטן דעק האָט גוט אָנגעבראָכן די ביינער דעם אַנדערן טייל.

די צווייטע וואַך און דער טאָג האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ געשלעג צווישן דזשאָנסאָנען און דעם מאָגערן לאַטימער, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ יענקי.

עס איז אַרויסגעקומען צוליב לאַטימערס באַמערקונג בנוגע דעם גערויש, וואָס דער באָצמאַן מאַכט בעתן שלאָפן, און הגם דזשאָהאַנסען האָט באַקומען אָנגעבראָכן די ביינער, האָט ער געהאַלטן וואַך אין דעם רודער-שטיבל איבער דער גאַנצער נאַכט

בעת ער איז זיך זיס געשלאָפן און אין חלום ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דאָס געשלעג.

וואָס שייך מיר, האָבן מיך געמוטשעט נאַכט־קאָשמאַרן. דער טאָג איז געווען ווי עפּעס אַ שרעקלעכער חלום, ברוטאַל־קייט איז געקומען נאָך ברוטאַלקייט, און צעהיצטע ליידנשאַפטן און קאַטבלוטיקע גרויזאַמקייט האָט געטריבן מענטשן צו דער־הרגענען איינער דעם צווייטן, באַמיען זיך צו פאַרווונדן, צו קאַלעטשען, אומצוברענגען, פאַרניכטן. מיינע נערוון זענען געווען צערייצט.

דער מוח מיינער איז שיער צעפּלאַצט געוואָרן. מיין גאַנץ לעבן איז אַוועק אין פאַרהעלטניסמעסיקער עם־הארצות וועגן דער חיהשקייט פון מענטש.

פאַקטיש האָב איך געקענט דאָס לעבן בלויז פון אינטע־לעקטועלע פאַזעס.

כ'האָב פאַרזוכט דעם טעם פון ברוטאַלקייט, אָבער דאָס איז געווען ברוטאַלקייט פון אינטעלעקט — דער שניידנדיקער סאַרקאַזם פון טשאַרלי פּערוסעט, די אכזריותדיקע עפּיגראַמען און געלעגנהייטלעך — גראָבע וויצן פון די חברים אין ביבע־לאָט, און די עקלהאַפטע באַמערקונגען פון די פּראָפעסאָרן, בעת איך האָב מיך צוגעגרייט צו באַקומען מיין דיפּלאָם.

דאָס איז עס געווען אינגאַנצן. אָבער אַז מענטשן זאָלן אויסגיסן זייער צאָרן איינער אויפן אַנדערן, פאַרווונדנדיק דעם גוף און פאַרגיסנדיק בלוט — דאָס איז געווען עפּעס מאָדנע און שרעקלעך ניי פאַר מיר.

נישט בחינם האָט מען מיך גערופן „סיסי" וואַן ווידן, האָב איך מיר געטראַכט, וואַרפנדיק זיך אומרויִק אויף מיין געלעגער צווישן איין קאָשמאַר און צווייטן. און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין אומוויסנהייט בנוגע דעם רעאַלן לעבן איז באמת געווען אַ פולשטענדיקע.

כ'האָב ביטער געלאַכט פון מיר גופא, און געפינען אין וואָלף לאַרסענס פאַרבאָטענער פילאָזאָפיע אַ גענוגנדיקע אויס־

טייטשונג פון לעבן, ווי איך האָב געפונען אין מיין פילאָ-זאָפיע.

איך האָב זיך דערשראָקן, ווען כ׳בין געוואָרן באַוווסטזיניק וועגן מיין געדאַנקען-גאַנג. די שטענדיקער ברוטאַלקייט אַרום מיר האָט געהאַט אַ דעגענערירנדיקן איינפלוס.

עס האָט מיך געהייסן פאַרניכטן דאָס בעסטע און ליכ-טיקסטע אין לעבן. דער שכל האָט מיר דיקטירט, אַז דאָס שלאָגן טאָמאַס מאַגרידזשן איז געווען אַ שלעכטע זאַך, און דאָך, צו-ליבן לעבן, וואָס אין מיר, האָב איך מיך נישט געקענט איינ-האַלטן נישט צו פרייען זיך צוליב דעם. און אפילו ווען עס האָט מיך געמוטשעט מיין גרויסער חטא — ווייל אַ חטאַ איז דאָס געווען — האָב איך געלאַכט אין זיך מיט אַ משוגענער פרייד, כ׳בין שוין מער נישט געווען העמפרי וואַן ווײַדן. כ׳בין שוין געווען העמפ, קאַבינע-משרת אויפן סקונער ג ע-ש פ ע נ ס ט.

וואָלף לאַרסען איז געווען מיין קאַפּיטאַן, טאָמאַס מאַגרידזש און די איבעריקע — מיינע חברים, און איך האָב באַקומען פילמאָליקע סימנים פון דעם שטעמפל, וואָס האָט זיי אַלע געחתמעט.

## קאַפּיטל דרייצן

אין משך פון דריי טאָג האָב איך געטאָן מיין אַרבעט און טאָמאַס מאַגרידזשס, און איך באַרים מיך אַליין, אַז כ׳האָב גוט אויסגעפירט זיין אַרבעט.

איך ווייס, אַז איך האָב פאַרדינט וואָלף לאַרסענס אָנער-קענונג, בעת די מאַטראָזן האָבן געשיינט פאַר צופרידנקייט דורך דער גאַנצער צייט, וואָס עס האָט געדויערט מיין רעזשים.

„דער ערשטער ריינער ביסן זינט כ׳בין אויף דער שיף", האָט צו מיר געזאָגט העריסאָן ביי דער קיקיטער, ברענגענדיק צוריק די טעפּ און פענדלעך פון דעם אויבערדעק. „טאָמאַס׳עסן שמעקט שטענדיק מיט שמוץ, פאַרזשאַווערט שמוץ, און כ׳מיין, אַז ער האָט נישט געביטן זיין העמד זינט ער איז אַרויסגעפאָרן פון „פריסקאָ" *).

„כ׳ווייס, אַז ער האָט דאָס נישט געטון", האָב איך געענטפערט.

„און כ׳געוועט מיך, אַז ער שלאָפט דערין", האָט העריסאָן צוגעגעבן.

„און איר וועט נישט פאַרשפּילן", האָב איך צוגעשטימט. „עס איז דאָס זעלבע העמד און ער האָט עס נישט אויסגעטון די גאַנצע צייט".

אָבער נאָר דריי טאָג האָט אים וואָלף לאַרסען דערלויבט צו קומען צו זיך נאָך די רעזולטאַטן פונם שלאָגן. אויפן פירטן טאָג איז ער, אַ לאָמער און קראַנקער, קוים וואָס ער האָט געזען, אַזוי זענען זיינע אויגן געווען פאַרמאַכט, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן ביים קאַרק פון זיין נאָרע און אַוועקגעזעצט געוואָרן צו דערפילן זיינע פליכטן.

ער האָט געקרעכצט און געוויינט, אָבער וואָלף לאַרסען איז געווען אומבארחמנותדיק.

„און טו אַכטונג, אַז דו זאָלסט נישט דערלאַנגען קיין שמוץ", האָט ער אים געמוסרט. „אויס שמוץ און ברוד. געדענק, און טו אָן אַ ריין העמד, אַז נישט וועסטו באַקומען אַ שליידער אין וואַסער אַריין. פאַרשטאַנען"?

טאָמאַס מאַגרידזש איז קוים געקראָכן איבער דער קיך־ פאָדלאָגע און ביי דעם קלענסטן ריר פונם געשפּענסט האָט ער זיך געוואַקלט. פרווונדיק אויפצוהייבן זיך, איז ער צוגעקומען צו דעם אייזערנעם פאָרענטש, וואָס האָט באַשיצט דעם

*) פאַרקירצט פון סאַן־פראַנציסקאָ.

איוון און נישט געלאָזט די טעפּ אַראָפּגליטשן זיך. ער האָט אָבער נישט דערזען דעם פּאַרענטש, און זיין האַנט מיט דער משא אונטער זיך האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דער הייסער אויבער־פלאַך.

ס'האָט זיך גענומען שפּירן אַ סוואָנד און אַ ריח פון געבראָטן פליייש, און אַ שאַרפער אויסגעשריי פאַר ווייטאָק.

„אָ, גאָט, גאָט, וואָס האָב איך געטון?" האָט ער געוואָיעט אַנידערזעצנדיק זיך אויפן קוילן־קעסטל און געפּלעגט זיין נייע וונד, שאָקלנדיק זיך הין און צוריק.

„פאַרוואָס קומט דאָס מיר אַלץ? כ'בין דאָך טויט־קראַנק, איך באַמי זיך דאָך אַדורכצוגיין דאָס לעבן נישט ברענגענדיק קיינעם קיין שאָדן".

די טרערן זענען גערונען פון זיינע אָנגעבלאָזענע און געשטאַלטלאָזע באַקן, און זיין פּנים האָט זיך צעצויגן פאַר ווייטאָק, און ס'האָט באַקומען אַ ווילדן אויסדרוק.

„אָ, ווי כ'האַס אים! ווי כ'האַס אים!" האָט ער אויסגעקריצט מיט די ציין.

„וועמען?", האָב איך געפרעגט; אָבער דער אָרעמער שלימזל האָט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען איבער זיינע אומגליקן. ס'איז אַ סך לייכטער געווען משער צו זיין זיך וועמען ער האַסט, ווי וועמען ער האַסט נישט. ווייל איך האָב אין אים דערזען אַ בייזן טייוול, וואָס טרייבט אים פיינט צו האָבן די גאַנצע וועלט. צייטנווייז האָב איך געמיינט, אַז ער ד'האָט זיך גופא פיינט, אַזוי גראָטעסקיש, אַזוי שווידערלעך האָט דאָס לעבן אים באַהאַנדלט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ גרויסע סימפּאַטיע צו אים, און כ'האָב מיך געשעמט פאַר מיין פרייען זיך אין זיין אומגליק און פּיין. דאָס לעבן איז פאַר אים געווען אַ שטיף־מוטער, עס האָט אים אָפּגעטון אַ מיאוס שטיקל, אויספורעמדיק אים אין דער זאַך, וואָס ער איז היינט, און עס האָט אים שטענדיק אָפּגעטון מאוסע שטיקלעך, וואָס פאַר אַ שאַנסן האָט ער געהאַט צו ווערן אַן אַנדערער

ווי ער איז איצט? און גלייך ווי ער וואָלט געענטפערט אויף מיינע נישט אַרויסגערעדטע געדאַנקען, האָט ער גענומען יאָ־מערן:

„כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שאַנס, קיין מזל! ווער האָט מיך געוואָלט שיקן אין שול אַריין, אָדער געבן עפּעס עסן מיין הונגעריקן בויך, אָדער אָפּווישן מיין בלוטנדיקע נאָז, ווען כ'בין געווען אַ קליין קינד? ווער האָט עפּעס געטון פאַר מיר? ווער, פרעג איך?"

„זאָרג נישט, טאָמי", האָב איך געזאָגט, אַרויפלייגנדיק אַ גלעטנדיקע האַנט אויף זיינע אַקסלען. „זיי פרייליך. ס'וועט סוף כל סוף גוט זיין. דו האָסט נאָך גענוג יאָרן הינטער זיך, און דו וועסט קענען מאַכן פון דיר, וואָס דו וועסט נאָר וועלן".

„דאָס איז אַ ליגן! אַ געמיינער ליגן!" האָט ער געשריגן אין מיין פנים אַריין, אַראָפּוואַרפנדיק די האַנט. „דאָס איז אַ ליגן, און איר ווייסט דאָס. איך בין שוין דערשעפּט, דערשעפּט פון לעבן פון רעשטלעך און איבערבלייבעכץ. אייך איז גוט, העמפּ. איר זענט געבוירן געוואָרן אַ דזשענטלמען, איר ד'האָט קיינמאָל נישט געוווּסט—וואָס עס הייסט זיין הונגעריק, איינשלאָפן ווייטנדיקערהייט מיט אַ נאָגנדיקן בויך פאַר הונגער, פונקט ווי אַ מויז וואָלט אין אייך געזעסן. אויב איך ווער מאָרגן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי וואָלט איך מיר אָנגעשטופּט דעם בויך פאַר דער גאַנצער צייט, ווען איך בין געווען אַ קינד און אַרומגעגאַנגען מיט אַ ליידיקן בויך!"

„ווי אַזוי וואָלט איך געקענט, האַ? איך בין געבוירן געוואָרן צו ליידן און צו פּייניקן זיך. כ'האָב מער געליטן ווי צען מענטשן. אַ האַלב פון מיין בלוטיק לעבן האָב איך פאַרבראַכט אין שפּיטאָל. כ'האָב געפיבערט אין אַספּינוואַל, אין האַוואַנאַ, אין ניי־אָרלעאַן. כ'בין שיער געשטאָרבן אויף סקאָרבוט און גע־פוילט דערפון זעקס־חדשים און באַרבאַדאָעס. געפּאַקט אין האָ־נאָלולו, צעבראָכן ביידע פיס אין שאַנכאַי, לונגען־אָנצינדונג

אין אוגאלאסקא, צעבראָכן דריי זשעבערעס און די מיטעלע ביי־נער אין „פריסקאָ”. און אָט קוקט מיך איצט אָן! קוקט אויף מיר! מיינע זשעבערעס פאַלן אַרויס פון מיין רוקן. איידער עס וועט קלינגען אַכט דער זייגער, וועל איך שפייען מיט בלוט, וואָס וועט זיין פון מיר, פרעג איך? ווער וועט פאַר מיר עפּעס טון? גאָט, גאָט, אָ גאָט האָט מיך געמוזט פיינט האָבן, ווען ער האָט אָנגעצייכנט, אַז איך זאָל אַרומבלאָנדזשען אויף דער דאָזיקער בליענדיקער וועלט!”.

דידאָזיקע טיראַדע קעגן מזל האָט געדויערט אַ שעה אָדער אפשר מער, און דאַן איז ער צוגעקראָכן צו זיין אַרבעט, לאָמענדיק און זיפצנדיק, און אין די אויגן האָט מען געזען אַ גרויסע שנאה צו אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן.

אָבער זיין דיאַגנאָז איז געווען ריכטיק, ווייל עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פּלוצימדיקע נישטגוטסקייט און ער האָט גע־שפּיגן מיט בלוט און שרעקלעך געליטן. און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט דהאַסט אים צו־פיל אים צו לאָזן שטאַרבן, ווייל סוף־כל־סוף איז אים בעסער גע־וואָרן און ער איז וואָס אמאָל געוואָרן בייזער.

ס׳זענען פאַרביי נאָך עטלעכע טעג און דזשאָנסאָן איז אַרויפגעקראָכן אויפן דעק און זיך גענומען צו זיין אַרבעט אין אַ האַלב־פאַרצווייפלטן געמיט.

ער איז נאָך געווען קראַנק, און מער ווי איינמאָל האָב איך געזען, ווי ער קריכט מיט ווייטאָק אַרויף אויפן העכסטן זעגל, אָדער ווי ער וואַקלט זיך אַ מידער שטייענדיק ביים ראָד, אָבער, וואָס איז נאָך ערגער, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיין מוט איז געבראָכן. ער האָט זיך געפילט געפאַלן פאַר וואָלף לאַרסענען און כמעט געקראָכן דזשאָהאַנסענען אונטער די פיס.

נישט אַזאַ איז אָבער געווען די אויפפירונג פון ליטשן. ער איז אַרומגעגאַנגען אויפן דעק ווי אַ קליין טיגערל און

אָפּן אַרויסגעוויזן זיין האַס צו וואָלף לאַרסענען און דזשאָהאַנסענען.

„כ׳וועל מיך נאָך נעמען צו דיר, דו פּלאַט-פּוסיקער שוועד", האָב איך געהערט ווי ער האָט איינמאָל ביינאַכט געזאָגט אויפן דעק צו דזשאָהאַנסענען.

דער באָצמאַן האָט אים אין דער פינצטערניש געשאָלטן און באַלד האָט אָפּגעהילכט א שאַרפער שאָס אין דער קיך. עס האָט זיך ווידער געהערט קללות און א חוזקדיק געלעכטער, און ווען אַלץ איז געוואָרן רויק, האָב איך מיך אַרויסגעגנבעט און דערזען ווי אין דעם האַרטן האָלץ איז איבער אַ צאָל אַריינגעשטעקט אַ שווער מעסער. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער באָצמאַן אַרויסגעקומען און עס געזוכט, אָבער איך האָב עס צומאָרגנס אין געהיים אַוועקגעגעבן ליטשן. ער האָט פאַרשטשירעט מיט די ציין, ווען כ׳האָב עס אים איבערגעגעבן, דאָך איז עס געווען אַ שטשירען, וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן מער אויפריכטיקע דאַנקבאַרקייט ווי אַ מבול פון ווערטער-אויסדרוקן, וואָס זענען אייגנטימלעך די מיטגלידער פון מיין קלאַס.

נישט ענלעך צו אַלע אויף דער שיף, בין איך מיט קיינעם נישט צעקריגט און כ׳האָב נושא חן געווען ביי יעדן. די יעגער, מעגלעך, טאָלערירן מיך, מער נישט, הגם קיינער פון זיי האָט מיך נישט פיינט; בעת „רויך" און הענדערסאָן, רעקאָנוואַלעסצענטן אויפן דעק — זענען זיך געלעגן אין אַ האַמאַק און זיך געהוידעט טאָג און נאַכט, האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז איך בין פאַר זיי בעסער ווי אַ קראַנקן-שוועסטער, און זיי וועלן מיך נישט פאַרגעסן ביים סוף פון דער נסיעה, ווען מען וועט זיי אויסצאָלן די פּענסיע. (גלייך ווי כ׳וואָלט געשטאַנען נאָך זייער געלט? איך, וואָס האָב זיי געקאַנט אויסקויפן, מיט האַק און פּאַק, מיטן סקונער און זיין אויסשטאַטונג, און נאָך צען מאָל אַזוי פיל!) אָבער אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די פליכט צו פלעגן זייערע ווונדן, און כ׳האָב געטון אַלץ, וואָס כ׳האָב געקאַנט.

וואָלף לאַרסען איז איבערגעקומען אַ צווייטן שטאַרקן אַטאַק פון קאָפּווייטאָק, וואָס האָט געדויערט צוויי טאָג. ער האָט, ווייזט אויס, שרעקלעך געליטן, ווייל ער האָט מיך אַריינגערופן און געהאָרכט מיינע באַפעלן ווי אַ קראַנק קינד. אָבער וואָס כ'האָב אַלץ נישט געטון, האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. אָבער אויף מיין עצה האָט ער אויפגעהערט צו רויכערן און צו טרינקען; אָבער דאָך האָט עס מיך שטאַרק געחידושט, וואָס אַזאַ בעסטיע ווי ער זאָל ליידן אויף קאָפּ-ווייטאָק.

„דאָס איז גאָטס שטראָף, כ'זאָג אייך דאָס", אַט ווי לו-איס דריקט זיך אויס. „דאָס איז אַ פאַרגעלטונג פאַר זיינע שוואַרצע מעשים, און נאָך מער וואַרט אויף אים אָדער אַז נישט — —

„אָדער אַז נישט", האָב איך צוגעזאָגט.

„גאָט זעט-צו און טוט זיין פליכט, כ'זאָג עס, הגם כ'טאָר דאָס נישט זאָגן".

כ'האָב געהאַט אַ טעות, ווען כ'האָב געזאָגט, אַז כ'האָב נושא חן געווען ביי אַלע. נישט נאָר האָט מיך טאָמאַס מאַ-גרידזש ווי פריער, נאָר ער האָט געפונען אַ נייע סיבה מיך צו האַסן. ס'האָט מיר צוגענומען נישט ווינציק צייט כדי צו ליידן דאָסדאָזיקע רעטעניש, אָבער ענדלעך האָב איך אויסגעפו-נען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך בין געבוירן געוואָרן אַ מער מזלדיקער ווי ער, „אַ געבוירענער דזשענטלמען", ווי ער האָט עס אויסגעדריקט.

„און דאָך זענען זיי שוין נישט מער קיין טויטע מענטשן", האָב איך פאָרגעוואָרפן לואיסן ווען „רויך" און הענדערסאָן האָבן דאָס ערשטע מאָל האַנט ביי האַנט, שמועסנדיק פריינטלעך, גע-מאַכט זייער איבונג אויפן דעק.

לואיס האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע שאַרפע גראָע אויגן און ווי אין אַ שלעכט נביאות געשאָקלט מיטן קאָפּ. „עס קומט אָן, איך זאָג אייך, און מ'וועט מוזן אָנגרייטן די ליילעכער און די שטריק, און אַלע אַרבעטער וועלן מוזן שטיין אויפן פלאַץ.

ווען עס וועט אָנהייבן צו קוויטשען, כ'שפּיר שוין דאָס אַ לאַנגע צייט. איך פיל עס איצט, פּונקט ווי כ'הער בײַנאַכט דאָס רוישן פון די שיפּשטריק. עס איז נאָענט, עס איז נאָענט".

„ווער גייט צום ערשטן?" האָב איך געפרעגט.

„נישט דער אַלטער פעטער לואיס, כ'פאַרזיכער אייך", האָט ער געלאַכט. „איך ווייס, אַז אין אַ יאָר אַרום וועל איך מיך זען מיט מיין אַלטער מוטער, וועמענס אויגן זענען שוין מיד צו קוקן אין ים אַריין, נאָך די פינף זין, וואָס זי האָט אים אָוועקגעגעבן".

„וואָס האָט ער אייך געזאָגט?" האָט מיך טאָמאַס מאַגרידזש געפרעגט אַביסל שפּעטער.

„אַז אינגיכן וועט ער אַהיימפאָרן, כדי צו זען זיך מיט זיין מוטער", האָב איך געענטפערט דיפּלאָמאַטיש.

„כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין מאַמע", האָט דער קאָקני געזאָגט, קוקנדיק אויף מיר מיט אויסגעלאָשענע, האָפנונגסלאָזע אויגן.

## קאַפּיטל פערצן

ס'איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז כ'האָב קיינמאָל נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די פרויען. צוליב דעם, הגם נישט גענייגט צו פאַרליבן זיך, בין איך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פרעמד צו דער פרויען-געזעלשאַפט, ווי איצט.

מיין מאַמע און שוועסטערן האָבן זיך שטענדיק געפאָרעט אַרום מיר, און איך האָב שטענדיק געוואָלט אַנטלויפן פון זיי; ווייל זיי האָבן מיך שטענדיק געמוטשעט ביז צום משוגע ווערן מיט זייער זאָרגן זיך פאַר מיין געזונט און מיט זייערע פאַריאָדישע איבערפאַלן אין מיין צימער, ווען מיין אָרדנונגס־פולע אומאָרדנונג, מיט וועלכער איך האָב שטאָלצירט, איז געוואָרן

נאָך אַן ערגערע אומאָרדנונג און נאָך ווינציקער אָרדנונג, הגם אויסערלעך האָב איך גוט אויסגעזען. ווען זיי זענען אַרויס, האָב איך נישט געקענט געפונען קיין שום זאַך. אָבער איצט, לײַדער, ווי גוט וואָלט איך געפילט זייער אָנוועזנהייט, דער רויש און שאָרך פון זייערע קליידער, וועלכע כ'האָב אַזוי האַרציק פאַראַכטעט! כ'בין זיכער, אויב כ'וועל ווען-עס-איז אַהיים קומען, אַז זיי וועלן מיך קיינמאָל נישט מער דענערווירן. זיי וועלן מיר מעגן געבן דאָזעס און דאָקטאָרן אין דער פרי, מיטאָג און בײַנאַכט און רוימען, קערן און מאַכן אין אָרדנונג מײַן נאָרע יעדע מינוט אין טאָג, און איך וועל מיך אָנלענען און אַלץ באַקוקן און דאַנקבאַר זײַן, וואָס איך פאַרמאָג אַ מאַמע און עטלעכע שוועסטערן.

די גאַנצע סביבה דאָ האָט מיך איבערראַשט. ווו זענען די מאַמעס פון די עטלעכע און צוואַנציק מענטשן פונם געשפענסט? עס איז פאַר מיר אַן אומנאַטירלעכע און נישטגעזונטע זאַך, אַז מענער זאָלן זײַן אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון פרויען און אַרומבלאָנקען זיך אויף דער וועלט אַליין. די אומפאַרמײַדלעכע רעזולטאַטן דערפון זענען גראָבקייט און פאַרווילדקייט. דידאָזיקע מענטשן אַרום מיר דאַרפן האָבן ווייבער, שוועסטערן און טעכטער; דאַן וואָלטן זיי פאַרמאָגט ווייכקייט, צערטלעכקייט און סימפּאַטיע. ווי די זאַך שטעלט זיך פאָר, איז קיינער פון זיי נישט קיין באַווייבטער. גאַנצע יאָרן האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט קיין באַציונגען מיט אַ גוטער פרוי, אָדער זיך געפינען אין איינפלוס-קרייז, אָדער זינד-באַפרייאונג, וואָס שטראַלט אומבאַדינגט אַרויס פון אַזאַ וועזן. נישט פאַראַן קיין שום גלייכגעוויכט אין זייער לעבן. זייער מענערישקייט, וואָס האָט אין זיך חיהשקייט, איז צו-שטאַרק אַנטוויקלט. די אַנדערע און גײַסטיקע זייטן פון זייערע נאַטורן איז געוואָרן פאַרקריפּלט—פּאַקטיש אַטראָפּירט.

זיי זענען אַ חברה צעליבאַטן, וואָס קריצן ווילד איינער אויפן צווייטן און ווערן פון טאָג צו טאָג דהאַרטהערציקער

פון זייער קריצן. טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז אוממעג־לעך, אַז זיי האָבן געזאָלט האָבן מאַמעס. ס'זעט אויס ווי זיי וואָלטן געווען אַ האַלב־היהשע, אַ האַלב־מענטשלעכע אַרט, אַ באַזונדערע ראַסע, וווּ ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי געשלעכט; אַז זיי זענען אויסגעבריט געוואָרן דורך דער זון ווי קליינע טערקל־טויבן אייער, אָדער געקומען צום לעבן אויף אַן ענלעכן אָדער אַנדערן אופן; און אַז זייער גאַנץ לעבן דה־אַדעווען זיי זיך אין ברוטאַלקייט און געמיינהייט, און סוף־כּל־סוף וועלן זיי שטאַרבן אַזוי נישט סימפּאַטיש ווי זיי האָבן געלעבט.

ווערנדיק נייגיריק דורך דעמדאָזיקן נייעם געדאַנק־גאַנג מיינעם, האָב איך פּאָריקע נאַכט געשמועסט מיט דזשאָהאַנסע־נען. די ערשטע איבריקע ווערטער מיט וועלכע ער האָט מיך מזכּה געווען זינט די נסיעה האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט פאַרלאָזט שוועדן, ווען ער איז אַלט געווען אַכצען יאָר, איצט איז ער אַלט 38 יאָר, און אין משך פון דער גאַנצער צייט איז ער אפילו קיין איין מאָל נישט געווען אין דער היים.

מיט איינציקע יאָר צוריק האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ לאַנדסמאַן, אין אַ מאַטראָזן־שענק אין טשילי, און ער איז גע־וואָר געוואָרן, אַז זיין מוטער לעבט נאָך.

„זי איז מסתּמא אַן אַלטע פרוי", האָט ער געזאָגט, קוקנ־דיק פאַרטראַכט אין דעם בוסאַליע־קעסטל און דאַן געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף הערי־סאָנען, וועלכער האָט געפירט די שיף אַ ביסל ווייטער פון דעם קורס.

„ווען האָט איר צום לעצטן מאָל געשריבן צו איר?"

ער האָט אויפן קול געמאַכט דעם חשבון:

„81 — ניין: 82 — האַ? 83 — יאָ, 85, — מיט צען יאָר צוריק. פון עפּעס אַ קליינעם פּאָרט אין מאַדאַגאַסקאַר. כ'האָב געהאַנדלט".

„איר זעט", האָט ער פאַרגעזעצט, גלייך ווי ער וואָלט זיך דורכן האַלבן ערדקויל געווענדעט צו זיין מוטער, וועלכע ער האָט פאַרנאַכלעסיקט, „יעדעס יאָר בין איך געפאָרן אַהיים,

נאָך וואָס האָב איך געדאַרפט שרייבן? נאָר איין יאָר בין איך נישט אַהיים געפאָרן. און יעדעס יאָר האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז כ׳בין נישט געפאָרן. אָבער איצט בין איך אַ באָצמאַן, און ווען מ׳וועט אויסצאָלן אין פריסקאָ, מעגלעך אַ פינף הונדערט דאָלאַר, וועל איך מיך אָנדינגען אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין ליווערפול, וואָס עס וועט מיר געבן נאָך מער געלט; און פון דאָרט וועל איך פאָרן אַהיים. דאַן וועט זי שוין מער נישט דאַרפן אַרבעטן".

„אָבער צי אַרבעט זי איצט? ווי אַלט איז זי"?

„אַרום זיבעציק", האָט ער געענטפערט. און דאַן באַרי־מעריש: אין אונזער לאַנד אַרבעטן מיר פון געבוירנסטאָג ביזן טויט. אָט פאַרוואָס מיר לעבן אַזוי לאַנג. איך וועל דערלעבן ביז הונדערט יאָר".

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעמדאָזיקן שמועס. די־דאָזיקע ווערטער זענען געווען די לעצטע, וואָס כ׳האָב ווען עס איז געהערט פון אים. מעגלעך, אַז דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. אַראָפּגייענדיק אין דער קאַבינע אַריין, האָב איך איינגעזען, אַז עס איז צו־דושנע צו שלאָפן אונטן. עס איז געווען אַ רויִקע נאַכט. מיר זענען אַרויס פון די גרויסע ווינטן און דאָס געשפּענסט האָט זיך געשטופּט פאָרויס קוים אַ מייל אַ שעה.

איך האָב מיר גענומען אַ קאָלדרע און אַ קישן אונטערן אָרעם און אַרויף אויפן דעק.

בעת איך בין אַדורכגעגאַנגען צווישן העריסאָנען און דעם בוסאָלע־קעסטל, וואָס איז געווען געבויט אויפן שפּיץ פון דער קאַבינע, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז אַראָפּ דריי פונקטן פונם קורס. מיינענדיק, אַז ער שלאָפט און ווילנדיק אַז ער זאָל אויסמיידן אַ פאָרוואורף אָדער עפּעס ערגערס, האָב איך אָנגעהויבן רעדן צו אים.

ער איז אָבער נישט געשלאָפן. זיינע אויגן זענען געווען ברייט־אָפן און אויסגעגלאָצט.

ער האָט אויסגעזען צו זיין שטאַרק צעטומלט, נישט גע־
קענט מיר ענטפערן.

„וואָס איז אייך?" האָב איך געפרעגט. „זענט איר
קראַנק?"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט אַ טיפן זיפץ,
גלייך ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער
אָפּגעאָטעמט.

„גיט־זשע בעסער לויטן קורס", האָב איך איבם גע־
מוסרט.

ער האָט איבערגעלייגט עטלעכע שפּריכעס און כ'האָב
באַמערקט, אַז דער קאָמפּאַס דרייט פּאַמעלעך צו N.N.W. און
וואַקלט זיך לייכט.

כ'האָב גענומען מיין בעטגעוואַנט און גרייט געווען ווײ־
טער צו גיין, ווען מיין אויג האָט דערזען עפּעס אַ באַוועגונג
און איך האָב אַרויפגעקוקט צום פּאַרענטש. אַן אָדערדיקע האַנט,
פון וועלכער ס'האָט אַראָפּגעקאַפּעט וואַסער, האָט זיך געקלאַמערט
אָן דעם פּאַרענטש.

אין דער פינצטערניש האָט זיך לעבן איר געזען אַ צווײ־
טע האַנט.

כ'האָב זיך צוגעקוקט ווי אַ פאַרכישופטער. וואָס פאַר אַ
גאַסט פון דער פינצטערער טיף האָב איך דאָ דערזען? ווער עס
זאל נישט זיין — האָב איך געוואוסט, אַז עס קלעטערט אויפן
דעק לענגאויס דעם לאַנגן שטריק.

כ'האָב געזען אַ קאָפּ, די האָר נאַסע און גלייכע, אַ בלוי־
זע געשטאַלט, און דאַן די בלי־ספקדיקע אויגן און פּנים פון
וואָלף לאַרסענען.

זיין רעכטע באַק איז רויט געווען פון בלוט, וואָס האָט
געראָנען פון עפּעס אַ וואונד אין קאָפּ.

ער האָט זיך אַריינגעשלייכט אין דעק אַריין מיט אַ
שנעלער אָנשטרענגונג, און זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס,
שנעל זיך אומקוקנדיק, בעת ער האָט דאָס געטון, אויפן מענטש

ביים ראָד, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט זיכער זיין אין זיין אידענטישקייט און אַז עס דראָט אים נישט קיין סכּנה פון יענעם. ס'האָט זיך פון אים געגאָסן דאָס ים־וואַסער. עס האָט זיך געהערט כאָרכלען, וואָס האָט מיך ווי משוגע געמאַכט.

ווען ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָב איך מיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט, ווייל איך האָב געזען אין זיינע אויגן דעם טויט.

„ס'איז אַלץ גוט, העמפּ", האָט ער געזאָגט אין אַ שטילן טאָן. „ווו איז דער באָצמאַן?"

כ'האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„דזשאָהאַנסען"! האָט ער הויך געשריגן. „דזשאָהאַנסען"!

„ווו איז ער"? האָט ער געפרעגט הערישאָגען.

דער יינגער בחור איז, ווייזט אויס, געקומען צו זיך, ווייל ער האָט געלאָזן געענטפערט:

„כ'ווייס נישט, סיר, כ'האָב אים געזען אַרויסגיין מיט אייניקע מינוטן צוריק".

„כ'בין אויך דאָרט אַרויף. אָבער איר זעט, אַז כ'בין נישט צוריקגעקומען מיטן זעלבן וועג. קענסטו דאָס דערקלערן?"

„איר האָט געמוזט זיין אין ים, סיר".

„זאָל איך אים זוכן אין דעם רודער־שטיבל, סיר"? האָב איך אים געפרעגט.

וואָלף לאַרסען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„איר וועט אים נישט געפינען, העמפּ. אָבער זוכט אים. קומט. זאָרגט אייך נישט וועגן אייער בעטגעוואַנט. לאָזט עס דאָ איבער".

כ'בין אים נאָכגעגאַנגען. אויפן צווישנדעק האָט זיך גאָרנישט באַוועגט.

„יענע פאַרשאָלטענע יעגער", האָט ער דערקלערט. „זענען אַזוי

פּעט און פּויל, אַז זיי זאָלן אויסמאַלן אַ פיר־שעהדיקע וואַך".

אָבער אויפֿן שפּיץ פֿון אויבערדעק האָבן מיר דערזען דריי שלאָפֿנדיקע מאַטראָזן.

ער האָט זיי איבערגעדרייט און געקוקט אין זייערע פּנימער אַריין.

דאָס איז געווען די דעק־וואַך, און ס'איז געווען אַ מנהג אויף דער שיף בעת אַ גוט וועטער צו לאָזן דער וואַך שלאָפֿן, מיטן אויסנאַם פֿון אָפֿיציר, דעם רודערער און דעם אויס־שפּירער.

„ווער איז דער אויסשפּירער?" האָט ער געפֿרעגט.

„איך, סיר", האָט געענטפֿערט האָליאָוק, איינער פֿון די כ'אַטראָזן מיט אַ לייכטן ציטער אין זיין שטימע.

„כ'האָב נאָר וואָס איינגעדרימלט."

„סיר, כ'באַדויער עס, סיר. ס'וועט שוין מער נישט פּאַרקומען אַזאַ זאַך".

„האָסטו עפּעס געזען אָדער געהערט אויפֿן דעק?"

„ניין, סיר. איך — —"

אָבער וואָלף לאַרסען האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט מיט אַ מינע פֿון עקל, איבערלאָזנדיק דעם מאַטראָז, וועלכער האָט געריבן די אויגן פֿאַר איבעררעשונג, וואָס ער איז אָפּגעקומען מיט גאָרנישט.

„שטיל", האָט מיך וואָלף לאַרסען געוואָרנט שעפּטשנדיק, בעת ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין צווייען און אַריין אין דעם לאָך און זיך צוגעגרייט אַראָפּצוגיין.

מיט אַ ציטעריק האַרץ בין איך אים נאָכגעגאַנגען. כ'האָב אַזויפיל געוווסט, וואָס עס וועט באַלד פּאַרקומען, ווי כ'האָב געוווסט, וואָס עס איז געשען. אָבער בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן, און ס'איז נישט געווען קיין קאַפּריז פֿון וואָלף לאַרסענען וואָס ער איז אַריבערגעגאַנגען דעם דעק מיט אַן אָפֿענעם שאַרבן. אַגב איז דזשאָהאַנסען אַוועקגעקומען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין דעם פאָדערשטן שיף-טייל און איך וועל נישט אַזוי שנעל פאַרגעסן דעם רושם, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט, בעת איך בין געשטאַנען אינטן אויף דער לייטער. געבויט גלייך קעגנאיבער דעם סקונער, האָט דערדאָזיקער שיף-טייל געהאַט די געשטאַלט פון אַ דרייעק, און לענגאויס זיינע דריי עקן זענען געווען די נאַרעס, אין אַ טאָפּלטעריי, צוועלף שטיק. עס איז נישט געווען גרעסער ווי אַ שלאָף-צימער אין דער גרעב-גאַסן און דאָך האָבן זיך דאָרט אַריינגעפּאַקט צוועלף מענטשן, געגעסן דאָרט און געשלאָפן און אויסגעפירט אַלע פונקציעס פון לעבעדיקע באַשעפענישן. מיין שלאָפצימער אין דער היים איז נישט געווען איבעריק גרויס, דאָך האָט עס געקענט אַריינגעמען אין זיך אַ טוץ אַזעלכע שיף- טיילן, און בעמענדיק אין באַטראַכט די הייך פונם סופיט לכל-הפחות אַ צוואַנציק.

ס'האָט זיך געשפירט דער ריח פון זויערקייט און שימל, און ביים טונקעלן שיין פון דעם זיך הוידנדיקן ים-לאָמפּ האָב איך געזען ווי יעדעס שטיקל וואַנט, וואָס איז נאָר פאַראַנען, איז געווען באַהאָנגען מיט ים-שטיוול, אייל-פּעלעכלעך, און מלבושים, ריינע און ברודיקע, פון פאַרשידענע סאָרטן.

און דידאָזיקע זאַכן האָבן זיך געהוידעט-הין און צוריק, ביי יעדן וויגן זיך פון דער שיף, אָנמאַכנדיק אַ גערויש, ווי ביימער קלאַפּן זיך אָן אָן אַ דאַך אָדער אַ מויער. ערגיץ-ווו האָט אַ שטיוול זיך אָנגעשטויסן מיט אַ הויכן קלאַפּ און בעת נישט-רעגולערע הפסקות אָן דער וואַנט; און כאָטש ס'איז געווען אַ רויקע נאַכט אויפן ים, האָט זיך געהערט אַ כסדרדיקער כאָר פון קנאַקנדיק געהילץ און פאַרצווימונגען און פון גהינומדיקע קולות אונטער דער פּאָדלאָגע, אָבער די שלאָפנדיקע האָט דאָס אַלץ גאָרנישט געאַרט. אַכט זענען זיי געווען — מיט די צוויי שומרים אונטן — און די לופט איז געווען געדיכט פון דער וואַרימקייט און אויך פון זייער אָטעמען, און אין די אויערן האָט גערוישט פון זייער שנאָרכן, קרעכצן און זיפצן — סימנים

פון אַפרו פון דער חיה-מענטש.

צי זענען זיי אָבער געשלאָפן? אַלע? צי שלאָפן זיי איצט? אַט דאָס האָט וואָלף לאַרסען וואַרשיינלעך געוואָלט וויסן. אויסצוגעפינען די, וואָס מאַכן זיך שלאָפן און די יעניקע, וואָס שלאָפן נישט, אָדער וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג איינגעשלאָפן. און ער האט דאס געטון אויף אַן אופן, וואס האט מיך דערמאנט אן באַקאַטשיאָס דערציילונגען.

ער האט אַראפגענומען דעם ים-לאמפ און אים מיר דערלאַנגט. ער האט אנגעהויבן פון דער ערשטער נאַרע פון דער רעכטער זייט. אויבן איז געלעגן אופטי-אופטי, אַ קאַנאַקאַ און אַ פרעכטיקער ים-מענטש, ווי די מאַטראָזן האבן אים גערופן. ער איז געשלאפן אויף אַ זייט און געאטעמט אַזוי רויִק ווי אַ פרוי. איין האַנט האט ער געהאַלטן אונטערן קאפ, און די אַנדערע אויף דער קאָלדרע. וואָלף לאַרסען האט צוגעלייגט צוויי פינגער צום שלאפנדיקנס האַנט און געציילט דעם פולס. אין מיטן ציילן האט זיך דער קאַנאַקאַ איבערגעוועקט. ער איז אַזוי רויִק אויפגעקומען, ווי ער איז געשלאפן. זיין קערפער האט זיך נישט קיין ריר געטון. בלויז די אויגן האבן זיך אַ באַוועג געטון. זיי האבן זיך ברייט געעפנט. — גרויסע און שוואַרצע אויגן זענען דאס געווען — און געקוקט, נישט פינטלנדיק, אויף אונז. וואָלף לאַרסען האָט צוגעלייגט די האַנט צום מויל—אַ סימן פון שווייגן און די אויגן האָבן זיך צוריק פאַרמאַכט.

אין אַ נידריקער נאַרע איז געלעגן לואיס, אַן אומגעוויינלעך דיקער, וואַרעמער און שוויצנדיקער, און ער איז אויף אַן אמת געשלאָפן און שווער געכראָפעט. בעת וואָלף לאַרסען האָט געהאַלטן זיין האַנט-בייגל, האָט ער זיך אומרויִק אַ וואָרף געטון, איינבייגנדיק זיין קערפער און אַ ווײַלע איז ער געלעגן אויף די אַקסלען און די פיאַטעס, זיינע ליפן האָבן זיך באַוועגט, און ער האָט אַרויסגערעדט אַן אומפאַרשטענדלעכע פראַזע:

„אַ שילינג איז ווערט אַ פערט-חלק, אָבער בייט נישט

אייערע לאָמפּן פאַר דריי פּענס, ווייל דער שענקער וועט רע-
כענען צו זעקס פּענס".

דאַן האָט ער זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט
מיט אַ שווערן שלאָכצנדיקן זיפץ, זאָגנדיק:

„זעקס פּענס רופט דאָס פאָלק אַ גאַרבער און אַ שילינג—
איז אַ באָב; אָבער וואָס הייסט אַ פּאָני, ווייס איך נישט".

צופרידן מיט דער אָרנטלעכקייט פון לואיסן און מיט קאַ-
נאַקאס שלאָף, איז וואָלף לאַרסען צוגעגאַנגען צו די צוויי אַנדע-
רע נאַרעס אויף דער רעכטער זייט, וואָס איז געווען פאַרנו-
מען אויבן און אונטן, ווו מיר האָבן געזען ביים שיין פון ים-
לאָמפּ ליטשן און דזשאָנסאָנען.

בעת וואָלף לאַרסען האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ניד-
ריקער נאַרע צו נעמען דזשאָנסאָנס פּולס, האָב איך, שטייענדיק
גלייך און האַלטנדיק דעם לאָמפּ, געזען ווי ליטשס קאָפּ ד׳האָט
זיך בגנבה אויפגעהויבן, אַריבערקוקנדיק איבער זיין נאַרע, וואַכ-
דיק וויסן וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר.

ער האָט מסתמא פאַרגעפילט וואָלף לאַרסענס טריט, און
דעם זיכערן רעזולטאַט פון דאָזיקן מיטל, ווייל דאָס ליכט איז
אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פון מיין האַנט און ס׳איז געוואָרן פינצ-
טער חושך.

אין דערזעלבער מינוט איז ער, ווייזט אויס, אָנגעפאַלן
אויף וואָלף לאַרסענען.

די ערשטע קלאַנגען זענען געווען ווי פון אַ צוזאַמענ-
שטויס צווישן אַן אָקס און אַ וואָלף.

איך האָב געהערט אַ גרויסן ווילדן ברום פון וואָלף לאַר-
סענען, און פון ליטשן האָב איך דערהערט אַ פאַרצווייפלט און
בלוט-פאַרגליווערנדיק געשריי.

דזשאָנסאָן האָט, וואַרשיינלעך, באַלד זיך פאַראייניקט מיט
אים, אַזוי אַז זיין קריכערישע און דערנידעריקנדיקע אויפפירונג
אויפן דעק מיט אַ פּאָר טאָג צוריק איז נישט מער געווען ווי
אַ פאַראויסבאַטראַכטע אָפּנאַרונג.

כ׳בין געווען אַזוי איבערגעשראָקן פון דעמדאָזיקן גע־ראַנגל אין דער פינצטערניש, אַז כ׳האָב זיך אָנגעלעגט אויף דער לייטער, געציטערט און נישט בכּוח געווען אַראָפּצוגיין פון איר. און עס האָט מיך אָנגעהויבן צו איבלען אין בויך, אַ גע־פיל, וואָס איז שטענדיק פאַראורזאַכט געוואָרן ביי סצענעס פון פיזישער געוואַלט. אין דעם פאַל האָב איך נישט געקענט זען, כ׳האָב נאָר געקענט הערן דעם אימפּעט פון די קלעפּ — דעם ווייכן צערייבנדיקן קלאַנג, וואָס עס באַקומט זיך, ווען פלייש שלאָגט זיך שטאַרק אָן אָן פלייש. דאַן האָב איך געהערט דאָס קנאַקן פון די איינגעפלאָכטענע קערפּער, דאָס שווערע אָטעמען, דאָס קורצע שנעלע סאַפּען פון פלוצימדיקער פיין.

ס׳האָבן, ווייזט אויס, אַנטייל גענומען נאָך מענטשן אין דער פאַרשווערונג צו דערהרגענען דעם קאַפּיטאַן און דעם באַצמאַן, ווייל לויט די קולות האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ליטש און דזשאָנסאָן האָבן שנעל באַקומען פאַרשטאַרקונגען פון זייערע חברים.

„זאָל עמיצער געבן אַ מעסער!״, האָט ליטש דהוין גע־שריגן.

„גיב אים אין קאָפּ אַריין! צעשפּאַלט אים דעם געהירן!״ האָט דזשאָנסאָן געשריגן.

אָבער וואָלף לאַרסען האָט נאָך זיין ערשטן ברום נישט געלאָזט הערן פון זיך. ער האָט פינצטער און שטילשווייגנדיק געקעמפט פאַרן לעבן. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. באַלד אין אָנהייב האָט ער זיך נישט געקענט האַלטן, און כאָטש ער איז געווען שרעקלעך שטאַרק, האָב איך גע־פילט, אַז ער האָט נישט קיין האָפנונג אַרויס מיטן לעבן.

כ׳האָב באַלד דערפילט די קראַפט פון זייער ראַנגלען זיך, ווייל זייערע צעקנוילטע קערפּער האָבן מיך אומגעוואָרפן אין שטאַרק צעקלאַפּט. אָבער בעת דער מהומה איז מיר גע־לונגען אַוועקצוגאַרן זיך פון דאָרט און אַריינצוקריכן אין אַ נידעריקע נאַרע.

„זאָלן אַלע אַהער קומען! כ׳האַלט אים!" האָט ליטש הויך געשריגן.

„ווער?" האָבן געפרעגט די יעניקע, וואָס זענען באמת געשלאָפן און וואָס זענען אויפגעקומען, נישט וויסנדיק וואָס דאָ טוט זיך.

„דאָס איז דער בלוטיקער באַצמאַן", האָט ליטש קוים אויסגעשריגן מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

דידאָזיקע ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן מיט פריידיקע יובעל געשרייען, און דאַן האָט וואָלף לאַרסען געהאַט צו טון מיט זיבן שטאַרקע מענער, ווייל לויס, גלייב איך, האָט זיך נישט באַטייליקט דערין. דער פאָדערשטער שיפטייל איז געוועזן ענלעך צו אַ בייזן בינשטאָק, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ מאַרודער.

„וואָס! נידריקער!" האָב איך געהערט, ווי לאַטימער האָט געשריגן ביים קוילן-קאַסטן. ער איז געוועזן צו פאָרזיכטיק, אַז ער זאָל אַראָפגיין אין גהינום פון ליידנשאַפטן, וואָס ער האָט געהערט בושעווען אונטער זיך אין דער פינצטערניש.

„צי וועט קיינער נישט דערלאַנגען אַ מעסער? אָ, צי וועט קיינער נישט דערלאַנגען אַ מעסער?" האָט ליטש זיך געבעטן בעת דער ערשטער הפסקה פון פאַרהעלטנישמעסיקער שטילקייט.

די גרויסע צאָל פון די אָנפאַלער איז געוועזן די סיבה פון זייער צעטומלטקייט, זיי האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות, בעת וואָלף לאַרסען מיט אַן איינציקן ציל האָט דער-גרייכט זיינס: ער האָט געוואָלט אויסקעמפן אַ וועג צו דער לייטער. הגם כ׳בין געווען איינגעהילט אין פולשטענדיקער פינצ-טערניש, דאָך האָב איך נאָכגעפאָלגט לויט די קלאַנגען וואָלף לאַרסענס יעדן טריט. קיינער, סיידן אַ ריז, וואָלט נישט געטון דאָס, וואָס ער האָט געטון. באַלד ווי ער האָט דערגרייכט די ליי-טער, טריט ביי טריט, מיטן כוח פון זיינע אָרעמס, בעת די גאַנצע באַנדע האָט זיך באַמיט אים צוריקצושלעפן, האָט ער זיך אויפ-

געהויבן פון דער פּאַדלאָגע און זיך אויפגעשטעלט. און דאַן, טריט ביי טריט, מיט הענט און פיס, האָט ער פּאַמעלעך זיך דערשלאָגן צו די לייטער.

דעם פינאַל האָב איך יאָ געזען. ווייל לאַטימער, וועלכער איז ענדלעך געגאַנגען נאָך אַ לאַמטער, האָט זי געהאַלטן אַזוי, אַז דאָס ליכט האָט באַלויכטן דעם קוילן-קאַסטן.

וואָלף לאַרסען איז שוין כמעט געווען ביים שפּיץ, הגם כ׳האָב אים נישט געקענט זען. מען האָט נאָר געקענט זען, אַז די באַנדע מענטשן איבער אים האָט זיך געדרייט, ווי אַ ריזיקער פּיל-פּיסיקער שפּין, און זיך געוויגט הין און צוריק צום רעגולערן טאַקט פון דער שיף. און דאָך, טריט ביי טריט, מיט לאַנגע צווישן-הפסקות, איז די מאַסע אַראָפּגעגאַנגען. איינמאָל האָט זי זיך אַ וואַקל געטון, שיער צוריקגעפאַלן, אָבער דער פאַרלוירענער אָנלען איז צוריקגעוויגען געוואָרן און זי איז ווידער אַרויף.

„ווער איז דאָס?" האָט לאַטימער געשריגן.

דורך די שטראַלן פון דער לאַמטער האָב איך געקענט זען ווי זיין צעטומלט געזיכט קוקט אַראָפּ.

„לאַרסען" האָב איך געהערט אַ פאַרשטיקטע שטימע אַרויסרעדן אָפּער פון אונטער דער מאַסע.

לאַטימער האָט אויסגעשטרעקט זיין פרייע האַנט. איך האָב געזען, ווי אַ האַנט האָט זיך אויפגעהויבן זי אָנצונעמען. לאַטימער האָט געגעבן אַ צי, און די פּאָר טרעפּלעך זענען אדורכגעמאַכט געוואָרן מיט אַ שפּרונג. דאַן האָט וואָלף לאַרסען אויסגעשטרעקט זיין צווייטע האַנט און אָנגעכאַפּט ביים ראַנד פון קוילן-קאַסטן. די מאַסע האָט זיך צעצויגן ביי דער לייטער, ווייל די מענטשן האָבן זיך נאָך געקלאַמערט אָן זייער אנטלויפנדיקן שונא. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן, אָנגעהויבן אָנשלאָגן זיך אָן דעם שאַרפן ראַנד פון קוילן-קאַסטן, זיי זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך די פיס, וואָס האָבן זיי איצט שטאַרק געקאָפּעט.

ליטש איז דער לעצטער אראָפּגעפאלן, פּאלנדיק פון שפּיץ פון קוילן-קאסטן און צעקלאפּנדיק דעם קאָפּ און פּלייצעס אָן זיינע פּאלנדיקע חברים אונטן.

וואָלף לארסען און דער לאמטער זענען פארשוואונדן און מיר זענען געבליבן אין דער פינצטערניש.

ס'האָבן זיך דערהערט קללות און קרעכצן, בעת די מענטשן אונטן ביי דער לייטער האָבן זיך אויפגעהויבן.

„זאָל עמיצער אָנצינדן אַ ליכט, מיין פינגער איז ארויס פון ביין", האט געזאָגט איינער פון זיי, פּארסאנס, אַ ברוינער אומעטיקער מענטש, רודערער אין סטענלישס שיפל, אין וועלכן הערריסאָן איז געווען וויעסלער.

„איר וועט געפינען ביי די מאַטראַצן", האָט ליטש געזאָגט, זיך אַנידערזעצנדיק אויפן ראַנד פון דער נאַרע, ווו איך בין געווען באַהאַלטן.

## קאַפּיטל פופצן

ס'האָט זיך געהערט אַ רייבן פון זאַפּאַלקעס, און דער ים-לאַמפּ האָט אַ לייכט געטון, טונקל און פארקאָפּטשעט און ביי זיין אומהיימלעך ליכט האָבן זיך באַוועגט באָרוויסע מענטשן, וואָס האָבן געפּלעגט זייערע וווּנדן. אופטי-אופטי האָט אָנגענומען פּאַרסאָנס פינגער, שטאַרק אויסגעצויגן אים און אים צוריק אַריינגעזעצט. אין דערזעלבער צייט האָב איך באַמערקט, אַז דעם קאָנאַקס קנעכל איז געווען אָפן, אַדורכגעלעפּערט און מען האָט אַרויסגעזען דעם ביין. ער האָט דאָס געוויזן אַלעמען, ווייזנדיק בעתן פאַרטשירן זיינע ווייסע ציין, און דערקלערט, אַז די דיזאָזיקע וווּנדן האָט ער באַקומען, געבנדיק וואָלף לאַרסענען אַ זעץ אין מויל אַריין.

„אַזוי, זענט איר דאָס געווען, איר, שוואַכער קבצן?" האָט

צודרינגלעך געפרעגט אמנער קעללי, אַן אַמעריקאַנער-אירלענדער און אַ יבשה-מענטש, קערפּוטס אַ וויעסליער, וואָס איז צום ערשטן מאָל געפאָרן אויפן ים.

בעת ער האָט געשטעלט די פראַגע, האָט ער אויסגע־שפּיגן אַ פול מויל בלוט אין דעם ים אַריין און געוויזן זיין קריגעריש פּנים באַענט צו אופּטי-אופּטי.

דער קאנאקא איז צוריקגעשפּרונגען צו זיין נאַרע, כּדי צוריקצוקומען מיט אַ צווייטן שפּרונג, דהאַלטנדיק אין דער האַנט אַ לאַנג מעסער.

„אָ, לאָזט געמאַך, איר שוטים", האָט ליטש זיך אַריינגע־מישט. ער איז באַשיינפּערלעך געווען, טראָץ זיין יוגנט און נישט דערפאַרונג, דער קריגערישסטער פון דעם פאָדערשטן שיפטייל. „לאָזט אָפּ, קעללי. לאָזט אופּטין צו-רו. ווי אַזוי, צום טייוול, האָט ער אין דער פינצטער געוווסט, אַז דאָס זענט איר?".

קעללי האָט מיט אַ געמורמל זיך אונטערגעגעבן, און דער קאַנאקא האָט געבלישטשעט מיט די ציין אנשטאט אַ דאַנקבאַרן שמייכל.

ער איז געווען אַ שיינער מענטש, מיט כּמעט ווייבערשע שטריכן, און אין זיינע גרויסע אויגן איז געלעגן אַ ווייכקייט און פאַרחלומטקייט, וואָס האָט אָפּגעלייקנט זיין גוט-פאַרדינטן שם אַלס שלעגער און אַוואַנטוריסט.

„ווי אַזוי האָט ער זיך אויסגעריטן?" האָט דזשאָנסאָן געפרעגט.

ער איז געזעסן אויף זיין נאַרע, און זיין גאַנצע פיגור האָט געדרעדט פון פולשטענדיקער נידערגעשלאָגנקייט און האָפ־נונגסלאָזיקייט. ער האָט נאָך שווער געאָטעמט צוליב די נאַר־וואס דורכגעמאַכטע אנשטרענגונגען. בעתן קאַמף איז צוריסן געוואָרן זיין העמד, און פון אַ לאָך אין דער באַק האט דאס בלוט אַראָפּגערונען אויף זיין נאַקעטער ברוסט, מאַכנדיק אַ רויטן פאַס לענגאויס די ווייסע ברוסטן און אַראָפּגיסנדיק ביז צו דער פאַדלאגע.

„ווייל ער איז אַ טייוול. כ'האָב דאָך אייך באַלד געזאָגט" האָט ליטש געענטפערט, דאַן האָט ער זיך אויפגעשטעלט און מיט טרערן אין די אויגן אויסגעדרוקט זיין אַנטוישונג.

„און קיין איינער פון אייך האָט נישט געהאַט קיין מע-סער", האָט ער נישט אויפגעהערט צו קלאָגן.

אָבער די איבעריקע האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן און האָבן זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אים.

„ווי אַזוי וועט ער וויסן, ווער ס'האָט זיך באַטייליקט?" האָט קעלי געפרעגט, און רעדנדיק ווייטער האָט ער מיט מער-דערישע אויגן געקוקט אַרום זיך. „כּל זמן קיינער פון אונז וועט נישט אויסגעבן".

„ער וועט נאָר אַ קוק טון אויף אונז און באַלד אַלץ וויסן", האָט פּאַרסאָן געענטפערט. „איין בליק אויף אייך און גענוג".

„זאָג אים, אַז דער דעק האָט זיך אַ וואַקל געטון און אַרויסגעריסן דיינע ציין פון פּיסק", האָט לואיס געשטשירעט. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז נישט אַרויס פון זיין נאַרע און ער האָט טריומפירט, ווייל ער האָט נישט גע-האַט קיין וווּנד, וואָס זאָל אויסזאָגן, אַז ער האָט שטעקן אַ האַנט אין דעם קאַמף פון דער היינטיקער נאַכט. „וואַרט נאָר ביז ער וועט אַ קוק טון אויף אייערע מאָרדעס, מאָרגן איני-דערפרי, איר חברה", האָט ער געכיכיקעט.

„מיר וועלן זאָגן, אַז מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז דער באָצמאַן", האָט איינער געזאָגט.

און אַן אַנדערער ווידער:

„איך ווייס שוין וואָס כ'האָב צו זאָגן — אַז כ'האָב גע-הערט אַ גוואַלד, בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון מיין נאַרע, אומגעריכט באַקומען אַ זעץ אין די ציין אַריין — משמעות פאַר מיינע פאַרדינסטן — און כ'האָב מיך אָפּגעטראָגן. כ'האָב נישט קיין אַנונג ווער און וואָס און כ'האב עמעצן אַ קלאַפּ געטון"

„מיך האָט איר דאָס געטראָפן, נאַטירלעך", האָט קעדי צוגעהאָלפן, און זיין פנים האָט אַ ווײַלע אויפגעלויכטן.

ליטש און דזשאָנסאָן האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער דיסקוסיע, און ס'איז געווען קלאָר, אַז די איבעריקע קוקן אויף זיי ווי אויף מענטשן, פאַר וועלכע דאָס ערגסטע איז אומפאַרמיידלעך, וועלכע האָבן שוין נישט קיין האָפנונג און וועלכע זענען שוין טויט. ליטש האָט אַ געוויסע צייט אויסגעהאַלטן זייער מורא און פאָרווורפן, נאָכדעם האָט ער אויסגעבראָכן:

„איר מאַכט מיך דול! איר זענט אַ שיינע באַנדע פריי-ערס! ווען איר וואָלט ווינציקער גערעדט מיט אייערע מײַלער און מער געאַרבעט מיט די הענט, וואָלט שוין פון אים קיין זכר נישט געווען. פאַרוואָס האָט קיינער נישט פון אייך, כאָטש איינער, מיר דערלאַנגט אַ מעסער, ווען כ'האָב געשריגן? עס איבלט מיך פון אייך! און זיי ריטשען און קוויטשען גלייך ווי ער וואָלט זיי דערהרגעט, ווען ער וועט זיי כאַפּן! איר ווייסט, צו אַלדע טייוול, אַז ער וועט אייך גאָרנישט טון. ער קען זיך דאָס נישט דערלויבן. ס'איז דאָ נישטאָ קיין שיפס-קאַפּיטאַנען אָדער אָפיצירן, און ער דאַרף אייך האָבן פאַר זיינע געשעפטן, ער דאַרף אייך נויטיק האָבן. ווער וועט ווייעסלעווען, אָדער רו-דערן, אָדער אַרבעטן ביי די זעגלען, אויב איר וועט נישט זיין? איך און דזשאָנסאָן דאַרפן מיר זיך היטן די ביינער. קריכט אין אייערע נאַרעס אַריין און פאַרשטופּט די מײַלער; איך וויל אַ ביסל שלאָפן".

„דאָס איז טאַקע אמת", האָט פאַרסאָן אַ זאָג געטון. „ס'קען זיין, אַז ער קען אונז גאָרנישט טון, אָבער געדענקט מיינע ווערטער, פון היינט אָן וועט ער זיך רעכענען מיט אונז אויף שריט און טריט".

די גאַנצע צייט האָב איך געציטערט, וואָס וועט זיין מיט מיר, ווען זיי וועלן אַנטדעקן מיין אָנוועזנהייט? איך בין

נישט בכוח זיך אויסצוקעמפן אַ וועג ווי וואָלף לאַרסען. פּלוצ-לונג האָט לאַטימער אַ געשריי געטון ביים קוילן-קאַסטן:

— העמפּ! דער אַלטער דאַרף אייך האָבן״.

„ער איז דאָ נישטאָ״, האָט פּאַרסאָן צוריקגעענטפערט.

„יאָ, ער איז דאָ״, האָב איך געזאָגט, זיך אַרויסרוקנדיק פון דער נאַרע און אָנשטרענגנדיק מיינע אַלע כּוחות צו רעדן געלאַסן און דרייסט.

די מאַטראָזן האָבן געפּלעפטע געקוקט אויף מיר. אין זייערע פּנימער האָט זיך געזען די מורא, און די טייוולאָניש-קייט, וואָס זי רופט אַרויס.

„כ׳גיי״, האָב איך אַרויסגעשריגן צו לאַטימערן.

„ניין, איר גייט נישט״. האָט קעלי אַ געשריי געטון, זיך שטעלנדיק צווישן מיר און דער לייטער, און זיין רעכטע האַנט איז געוואָרן אַ פויסט פון אַן אמתן היצעל.

„דו פאַרשאָלטענער קליינער מנוול! איך פאַרמאַך דיר דעם פּיסק!״.

„לאָז אים גיין״, האָט ליטש באַפוילן.

„נישט ביי אייער לעבן״, האָט זיך געהערט אַ בייזער ענטפער.

ליטש האָט נישט געביטן זיין פּאָזיציע אויפן ראַנד פון דער נאַרע.

„כ׳זאָג אייך נאָכאַמאָל, לאָזט אים גיין!״, האָט ער אי-בערגעחזרט; אָבער דאָס מאָל איז זיין קול געווען אַ קריצנדי-קער און מעטאַלישער.

דער אירלענדער האָט זיך געקווענקלט. כ׳האָב געמאַכט אַ פּאָר טריט און ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט. ווען כ׳בין צוגעקומען צו דער לייטער, האָב איך מיך אויסגעדרייט צום ראָד פון די ברוטאַלע און בייזע פּנימער, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר אין דער האַלב-פינצטערניש. אַן אומגעריכטע און טיפע סימפּאַטיע האָט זיך דערוועקט אין מיין האַרץ צו דידאָ-זיקע מענטשן. כ׳געדענק ווי דער קאָקני האָט דאָס אויסגעדרוקט:

„ווי פיינט האָט זיי גאָט געמוזט האָבן, וואָס זיי ווערן אַזוי געפּייניקט״.

„כ׳האָב גאָרנישט געהערט און געזען, כ׳פאַרזיכער אייך, האָב איך געלאָסן געזאָגט.

„איך זאָג אייך, אַז ער איז אין אָרדנונג״, דערהער איך, בעתן אַרויפגיין אויפן לייטער, געהערט ליטשס קול. „ער האָט אַזוי ליב דעם אַלטן, ווי איך, ווי איר״.

כ׳האָב געטראָפן וואָלף לאַרסענען אין דער קאַבינע, די מלבושים אַראָפּגעריסן, איינגעבוגן אַ צעבלוטיקטער, און ער האָט געוואַרט אויף מיר. ער האָט מיך באַגריסט מיט זיין קאַפּריזנעם שמייכל.

„נו, נעמט אייך צו דער אַרבעט, דאָקטאָר, פאַראַן גוטע סימנים פאַר אַ רייכער פּראַקטיק בעת דער נסיעה. איך ווייס נישט, וואָס דאָס געשפּענסט וואָלט געווען אָן אייך, און אויב איך וואָלט געקענט פּלעגן צערטלעכע סענטימענטן, וואָלט איך געזאָגט, אַז איר קאַפּיטאַן איז אייך טיף דאַנקבאַר״.

כ׳בין געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון דעם פּשוטן מעדיצין-קעסטל אויפן געשפּענסט און בעת איך האָב פאַרקאָכט וואַסער אויפן קאַבינע-אויוון און צוגעגרייט די מאַטעריאַלן צו באַנדאַזשירן זיינע וווּנדן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט, לאַכנדיק און פּלוידערנדיק, און באַטראַכט זיינע וווּנדן מיט די אויגן פון אַ ספּעציאַליסט. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אָן מלבושים, און דער אָנבליק פון זיין קערפּער האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שוואַכקייט אַריינצופאַלן אין התפּעלות פון אַ שיינעם קערפּער — ווייט געווען פון דעם, אָבער כ׳פאַרמאָג גענוג קינסטלערישן געשמאַק כדי דאָס אָפּצושאַצן.

כ׳מוז זאָגן, אַז כ׳בין געווען פאַרכשופט פון די גרויסאַרטיקע ליניעס פון וואָלף לאַרסענס פיגור, און פון דעם וואָס איך מעג דאָ אָנרופן — די שיינקייט פון זיין גוף. כ׳האָב מיך צוגעקוקט צו די מענטשן אין דעם פאָדערשטן שיף-טייל.

הגם מאַנכע פון זיי האָבן געהאַט אויסערגעוויינלעך שטאַרקע מוסקולן, האָט עפּעס געפעלט ביי זיי; דאָ עפּעס אַ נישט גענוגנטע אַנטוויקלונג, דאָרט אַ נישט געהעריקע ליניע, אַ דריי אָדער אַ קרום וואָס האָט קאַליע געמאַכט די סימעטריע, צו־לאַנגע אָדער צו־קורצע פיס, אָדער צו־פיל אָדערן אָדער צו פיל אַרויסגעשטאַרצטע ביינער. אופטי־אופטי איז געווען דער איינציקער, וועמעס ליניעס זענען געווען אָנגענעם, אָבער דאָך ווייט פון צו זיין צאַרט ווי ביי אַ פרוי.

אָבער וואָלף לאַרסען איז געווען דער טיפ פון מאַנס־פּערשוין, דער זכר, כמעט אַ גאָט אין זיין פולקאָמענהייט. בעת ער האָט זיך אַ באַוועג געטון אָדער אויפגעהויבן זיינע אָרעמס, זענען די גרויסע מוסקולן געשפּרונגען און באַוועגט זיך אונטער דער סאַטינענער הויט. כ'האָב פאַרגעסן צו זאָגן, אַז זיין פּנים איז געווען בראָנז, דער גוף זיינער—אַ דאַנק זיין סקאַנדינאַווער אָפּשטאַמונג, איז געווען אַזוי שיין ווי ביי דער שענסטער פרוי, און כ'געדענק ווי ער האָט אויפגעהויבן די האַנט כדי אָנצורירן די וואונד אויפן קאָפּ, און ווי די מוסקולן האָבן זיך באַוועגט אונטער זיין ווייסער דעק, ווי אַ לעבעדיקע זאַך. טאַקע די זעלבע מוסקולן האָבן מיר איינמאָל שיער צוגענומען דאָס לעבן, און זיי האָבן געגעבן אַזוי פיל טויטע קלעפּ. איך האָב נישט געקענט אָוועקנעמען מיינע אויגן פון אים. איך בין געשטאַנען אומבאַוועגלעך, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פּעקעלע אַנטיסעפּטישע וואַטע, וואָס האָט זיך אויפגעוויקלט און זיך געקייקלט איבער דער פּאָדלאָגע.

ער האָט דאָס באַמערקט, און איך האָב דערזען, אַז איך קוק אויף אים.

„גאָט האָט אייך גוט באַשאַפן". האָב איך געזאָגט.

„יאָ!", האָט ער געענטפערט. „כ'האָב אָפט אַזוי געטראַכט און מיך געחידושט פאַרוואָס".

„צוועק — —" האָב איך אָנגעהויבן.

„נוצלעכקייט" האָט ער איבערגעריסן. דערדאָזיקער קער־

פער איז באַשאַפן געוואָרן צום נוצן. דידאָזיקע מוסקולן זענען באַשאַפן געוואָרן אָנצוכאַפּן, צערייסן און פאַרניכטן לעבעדיקע זאַכן, וואָס שטעלן זיך צווישן מיר און דעם לעבן. אָבער צי האָט איר אַ טראַכט געטון וועגן די אַנדערע לעבעדיקע זאַכן? אויך זיי האָבן מוסקולן, אַזעלכע אָדער אַנדערע, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אָנצוכאַפּן, צו רייסן און פאַרניכטן; און ווען זיי שטעלן זיך צווישן מיר און דעם לעבן, באַקעמף איך זיי, צערייס זיי און פאַרניכט זיי. צוועק קען דאָס נישט דערקלערן. נוצלעכקייט — יאָ".

„דאָס איז נישט שיין", האָב איך פּראָטעסטירט.

„איר מיינט, אַז דאָס לעבן איז נישט שיין", האָט ער געשמייכלט. „דאָך זאָגט איר, אַז כ'בין גוט באַשאַפן געוואָרן. צי זעט איר דאָס?"

ער האָט צונויפגעפּרעסט זיינע פיס, דריקנדיק די קאַפּי־נע־פאָדלאָגע מיט זיינע פיס־פינגער און גלייך ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אָננעמען מיט זיי. אונטער דער הויט האָבן זיך געדרייט און געקנוילט קניפּן, רוקנס און בייטן פון מוסקולן.

„טאַפּט אָן", האָט ער באַפוילן.

זיי זענען געווען האַרט ווי אייזן. און איך האָב אויך באַמערקט, אַז זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך אינסטיקטיוו איינגעצויגן, פלינק און שנעל, אַז [illegible] מוסקולן זענען פאַמעלעך געקראָכן און געפורעמט זיך לעבן די היפּטן, לענג־אויס דעם רוקן און איבער די פּלייצעס, אַז די אָרעמס האָבן זיך לייכט געהויבן, זייערע מוסקולן איינגעקאָרטשעט, די פינגער האָבן זיך פאַרקרומט, ביז זיי זענען געוואָרן ווי פאַזורעס; און אַפילו די אויגן האָבן געענדערט זייער אויסזען און ס'האָט זיך אין זיי באַוויזן וואַכזאַמקייט, געמאָסטנקייט און אָפּשיין פון קאַמף.

„סטאַביליקייט, גלייכגעוויכט", האָט ער געזאָגט, אָפּלאָזנדיק זיינע אברים און זיין קערפּער איז צוריק געקומען צו אַ רויקער פּאָזיציע.

„פיס מיט וועלכע צו טרעטן דעם באָדן, פיס אויף וועל־

כע צו שטיין, און וועלכע העלפן ביישטיין, בעת מיט די אָרעמס און די הענט, ציין און נעגל, קעמף איך צו דערהרגענען און נישט דערהרגעט צו ווערן. צוועק? נוצלעכקייט איז אַ בעסער וואָרט".

כ'האָב מיך נישט געשפּאַרט. כ'האָב געזען דעם מעכאַניזם פון די פּרימיטיווע קעמפנדיקע בעסטיעס; און איך האָב מיך געפונען אונטער אַזאַ שטאַרקן רושם, גלייך ווי כ'וואָלט געזען די מאַשינעס פון אַ גרויסער קריגסשיף אָדער אַן אַטלאַנטישע גרויסע שיף.

כ'בין געווען איבערראַשט, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם שרעקלעכן קאַמף און דעם פּאָדערשטן שיפּטייל, פון דער גרויסער צאָל ווונדן זיינע, און איך בין שטאָלץ, וואָס כ'האָב זיי געשיקט באַנדאַזשירט. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע ערגסטע ווונדן, זענען די איבריקע געווען בלויז קלעפּ און צעראַצטע הויט. דער קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען פאַרן אַרויפגיין אויפן אויבערדעק, האָט געעפנט דעם שאַרבן אויף עטלעכע צאָל. איך האָב אים געריייניקט און צוגענייט אונטער זיינע אָנווייזונגען, אָפּראַזירנדיק פריער די ראַנדן פון דער וווּנד. דאַן איז זיין פוס־דלאָניע געווען שטאַרק צעראַצט און אויסגעזען ווי זי וואָלט צעריבן געוואָרן דורך אַ בולדאָג: עפּעס אַ מאַטראָז, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט, האָט זי אָנגענומען ביי די ציין, אין אָנהויב פונם קאַמף, אָנגעהאָנגען זיך און געשלעפּט זיך ביז צום שפּיץ פון דער לייטער, ווען ער האָט אים אַראָפּגעשליידערט מיטן גאַנצן פוס.

„אַגב, העמפּ, זענט איר, ווי איך זע, אַ געשיקטער מענטש", האָט וואָלף לאַרסאָן אָנגעהויבן, ווען כ'האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט. „ווי איר ווייסט, פעלט אונז אויס אַ באָצמאַן. פון היינט אָן וועט איר שטיין אויף דער וואַך, באַקומען 75 דאָלאַר אַ חודש, און אַלע וועלן צו אייך זיך ווענדן אַלס צו מר. וואַן ווײַדן".

„איך—איך האָב נישט קיין השגה אין נאַוויגאַציע, איר

ווייסט דאָך", האָב איך שווער אַרויסגעסאָפּעט.

„ס'איז לחלוטין נישט נויטיק".

„כ'באַמי זיך גאָרנישט צו זיצן אויף אַ הויך אָרט", האָב איך קעגנגעענטפערט. מיין לעבן איז אַזוי אויך גענוג איינגע־שטעלט אין מיין איצטיקער נידעריקער פּאָזיציע. כ'האָב נישט קיין שום דערפאַרונגען. איר זעט, מיטלמעסיקייט האָט אירע אַנטשעדיקונג".

ער האָט געשמייכלט, גלייך ווי עלף וואָלט שוין געווען דערליידיקט.

„איך וויל נישט זיין קיין באָצמאַן אויף דערדאָזיקער גיהנום־שיף", האָב איך טראַציק געשריגן.

כ'האָב געזען ווי זיין פּנים ווערט האַרט און אין זיינע אויגן באַווייזט זיך אַן אומברחמנותדיקער גלאַנץ. ער איז צוגע־גאַנגען צו דער טיר פון זיין צימער און געזאָגט:

„און איצט, מר. וואַן וועידן, אַ גוטע נאַכט."

„אַ גוטע נאַכט, מר. וואָלף לאַרסאָן", האָב איך שוואַך גע־ענטפערט.

## קאַפּיטל זעכצן.

כ'קען נישט זאָגן, אַז די פּאָזיציע מיינע אַלס באָצמאַן האָט געהאַט די איינציקע גינסטיקע מעלה, וואָס כ'האָב שוין מער נישט געדאַרפן וואַשן דאָס געפעס.

איך בין געווען אַן עם־הארץ וואָס שייך די געוויינלעכסטע פליכטן פון אַ באָצמאַן און איך וואָלט שלעכט אָפּגעשניטן, ווען די מאַטראָזן סימפּאַטיזירן נישט מיט מיר.

כ'האָב נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער נעץ פון שטריק און אויסשטאַטונג, וועגן באַדעקן און גלייכמאַכן די זעגל; אָבער די מאַטראָזן האָבן זיך געפלייסט מיר אַרויסצוהעלפן — לואיס

האָט זיך דערבײַ אַרױסגעװיזן אַלס אַ פּאָרטרעפֿלעכער לערער — און כ'האָב געהאַט װײניק דאגות מיט מײַנע אונטערטעניקע.

מיט די יעגער איז געװען גאָר עפּעס אַנדערש. זײַענדיק אין אַ געװיסער מאָס היימיש מיטן ים, האָבן זײ מיך אָנגע־נומען אַלס אַ װײץ.

באמת, ס'האָט פֿאַר מיר אױסגעזען װי אַ װײץ, װאָס איך, דער אמתער יבשה-מענטש, זאָל דערפֿילן דעם פּאָסטן פֿון אַ באַצמאַן; אָבער ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש, װען אַנדערע נעמען אײַך אָן פֿאַר אַ װײץ.

איך האָב מיך גאָרנישט באַקלאָגט, אָבער װאָלף לאַרסען האָט געפֿאָדערט פֿון זײ דעם געגױיעסטן ים-עטיקעט לגבי מיר, — אַ סך גרעסערער װי לגבי דעם אומגליקלעכן דזשאָהאַנסענען, און נאָך עטלעכע מאָל אָנשרײַען, דראָען און נאָך אַ סך מורמלען פֿון זײער זײַט, האָט ער אױסגעפֿירט בײַ די יעגער.

אַלע האָבן מיך גערופֿן „מר. װעידען", און נאָר נישט־אָפֿיציעל האָט זיך צו מיר לאַרסען אַמאָל געװענדעט אַלס צו „העמפּן".

די גאַנצע זאַך האָט מיך אַמוזירט.

למשל, אַמאָל בעתן מיטאָג, אַז דער װינט פֿלעגט אונדז אַראָפּיאָגן מיט אַ פּאָר פּונקטן, און װען כ'בין אַװעק פֿון טיש, פֿלעגט װאָלף לאַרסען זאָגן:

„מר. װאַן װעידען, זײַט אַזױ גוט און פֿאַרקערעװעט רעכטס".

און איך פֿלעג אַרױפֿגײן אױפֿן דעק, מיט אַ װינק צו־גערופֿן לואיסן און אים געפֿרעגט, װאָס מ'דאַרף טון. דאַן, אין אַ פּאָר מינוט אַרום, גוט צעקײַענדיק זײַנע אינסטרוקציעס און גרונטלעך, באַהערשנדיק דעם מאַנעװער, בין איך װײַטער גע־גאַנגען, כּדי אַרױסצוגעבן די באַפֿעלן.

כ'געדענק װי אײנמאָל האָט זיך װאָלף לאַרסען באַװיזן

אויף דער סצענע, פונקט ווען כ׳האָב אָנגעהויבן צו געבן באַפעלן.

ער האָט געריוכערט אַ ציגאַר און רויִק זיך צוגעקוקט ביז ס׳איז אַלץ געווען אין אָרדנונג, און דאַן אַרויף מיט מיר און שפּאַצירט אויפן אונטערשטן דעק.

„העמפּ", האָט ער געזאָגט, „מר. וואַן ווײַדן, כ׳גראַטוליר אײַך. איך מיין, אַז איצט קענט איר אָפּשיקן צו אײַער פּאָטער זיינע פּיס אין קבר אַרײַן. איר האָט שוין געפונען אײַערע אייגענע פּיס און איר קענט שוין שטעלן זיך אויף זיי. אַ ביסל אַרבעט ביי די שטריק, ביי די זעגל, דערפאַרונג מיט שטורעמס און ענלעכע זאַכן, און ביים סוף פון דער נסיעה וועט איר קענען אָנפירן מיט וועלכן-עס-איז ברעג-סקונער".

און טאַקע בעת דעמדאָזיקן צייט-משך, צווישן דעם טויט פון דזשאָהאַנסענען און דעם אָנקומען צום אָרט פון די פּאָקעס, האָב איך פאַרברענגט מיינע אָנגענעמסטע שעהן אויפן ג ע־ש פּ ע נ ס ט.

וואָלף לאַרסען איז געווען דערטרעגלעך, די מאַטראָזן האָבן מיר צוגעהאָלפן, און כ׳האָב זיך שוין נישט געפונען אין קריגס-צושטאַנד מיט טאָמאַס מאַגרידזשן.

און איך מוז זאָגן, אַז מיט דער צייט האָב איך אָנגע־הויבן צו שטאָלצירן מיט זיך. ווי פאַנטאַסטיש די סיטואַציע איז נישט געווען — אַ יבשה-איינוווינער, אַ געהילפס-קאַפּיטאַן — האָב איך דאָך אויסגעפירט זייער גוט; און במשך פון דערדאָ־זיקער קורצער צייט בין איך געווען שטאָלץ פון זיך, און כ׳האָב מיך צוגעוויינט און ליב באַקומען דאָס הייבן זיך און וויגן פונם געשפּענסט אונטער מיינע פּיס, בעת עס האָט זיך געטוקט אין צפון און מערב דורכן טראָפּישן ים צו אַ קליינעם אינזל, וווּ מיר האָבן אָנגעפילט אונזערע וואַסער-פעסער.

אָבער מיין גליק איז געווען נישט פולשטענדיק. דאָס איז געווען אַ פאַרהעלטנישמעסיק גליק, אַ פעריאָד פון ווינציקער צרות, וואָס האָט זיך אַריינגעצאָרט צווישן אַן עבר פון גרויסע

ליידן און אַ צוקונפֿט פֿון נאָך גרעסערע יסורים. ווייל דאָס געשפּענסט, אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן די מאַטראַזן, איז געווען אַ גהינום־שיף פֿון ערגסטן מין. זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין מינוט רו.

וואָלף לאַרסען האָט זיך אָפּגערעכנט מיט זיי פֿאַר דעם אַטענטאַט אויף זיין לעבן און די וווּנדן, וואָס ער האָט בשעת מעשה באַקומען פֿון זיי; און אינדערפֿרי, נאָכמיטאָג און ביינאַכט, און אַפֿילו אַ גאַנצע נאַכט, האָט ער זיך געפֿלייסט צו פֿאַרמיאוסן זיי דאָס לעבן.

ער האָט גוט געקענט די פּסיכאָלאָגיע פֿון די קליינינקייטן, און טאַקע מיט דער הילף פֿון דידאָזיקע קליינינקייטן האָט ער דערפֿירט די מאַנשאַפֿט ביז צו דער גרענעץ פֿון משוגעת. כ׳האָב געזען, ווי מ׳האָט אַרויסגערופֿן הערי־סאָנען פֿון זיין געלעגער כדי אַוועקצולייגן אויפֿן געהעריקן אָרט אַ שלעכט אַוועקגעשטעלטן פּענזל, און די צוויי שומרים פֿון אונטן האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייער מידן שלאָף, כדי מיטצוגיין מיט אים און אַכטונג געבן, אַז ער זאָל דאָס טון.

אמת, אַ קליינינקייט, אָבער, ווען מ׳כפֿלט עס דורך די טויזנטער אָריגינעלע איינפֿאַלן פֿון אַזאַ מענטש ווי וואָלף לאַרסען, קען מען לייכט האָבן אַ באַגריף פֿון דעם גייסטיקן צושטאַנד פֿון די מענטשן אין דעם פֿאָדערשטן שיף־טייל.

באַטירלעך האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטאַרק מורמלען, און ס׳זענען כסדר פֿאָרגעקומען קליינע אויסברוכן.

עס זענען פֿאָרגעקומען געשלעגערייען און שטענדיק האָבן צוויי־דריי מענטשן זיך געהיילט זייערע וווּנדן ביי דער מענטשלעכער בעסטיע, וואָס איז געווען זייער באַלעבאָס.

צוליב דעם שווערן אַרסענאַל פֿון געווער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דעם רודער־שטיבל און אין דער קאַבינע, האָט נישט געקענט זיין קיין רייד פֿון אַ געשלאָסענער אַקציע. באַזונדערס זענען דזשאָנסאָן און ליטש געווען די קרבנות פֿון וואָלף לאַרסענס טייוולאָנישן טעמפּעראַמענט, און מיין האַרץ האָט מיר

געשניטן, זעענדיק ווי דזשאָנסאָן ווערט מעלאַנכאָלישער פון טאָג צו טאָג.

אָבער מיט ליטשן איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. עס האָט אין אים צופיל געשטעקט די קעמפנדיקע חיה. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָט זיך אין אים באַזעצט אַ נישט־אָנזעטיקנדיקע פוריע, וואָס האָט אים נישט געגעבן קיין צייט צו טרויערן.

זיינע ליפּן זענען פאַרקרומט געוואָרן אין אַ שטענדיקן ברומען, וועלכע האָבן ביים בלויזן אָנבליק פון וואָלף לאַרסענען אויסגעבראָכן אין דראָענדיקע, שרעקלעכע קולות. און איך מיין, אַז דאָס איז געשען אומבאַוווסטזיניק פאַר אים. כ'האָב אים געזען ווי ער פאָלגט־נאָך וואָלף לאַרסענען מיט די אויגן, ווי אַ חיה פאָלגט־נאָך איר באַצווינגער, און דאָס חיה־ענלעכע ברומען האָט טיף אָפּגעקלונגען אין זיין קול און צוריקוויברירט צווישן די ציין.

כ'געדענק ווי איינמאָל אין אַ שיינעם העלן טאָג, זייענדיק אויפן דעק, האָב איך אים אָנגערירט ביי דער פּלייצע, ווילנדיק אים איבערגעבן אַ באַפעל.

ער איז, דערפילנדיק מיין האַנט, אויפגעשפּרונגען און אָפּגערוקט זיך פון מיר, ברומענדיק און דרייענדיק מיטן קאָפּ בעתן שפּרונגען.

ער האָט אין יענער מינוט בטעות מיך אָנגענומען פאַר דעם מענטשן, וועלכן ער האָט געהאַסט.

ער און דזשאָנסאָן וואָלטן דערהרגעט וואָלף לאַרסענען ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, אָבער זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו.

וואָלף לאַרסען איז געווען צו קלוג און אויף דעם האָבן זיי נישט געהאַט קיין גענוגנטיק געווער. מיט זייערע בלויזע פויסטן האָבן זיי זיך נישט געקענט גלייכן צו אים. אַ סך מאָל האָט ער זיך געשלאָגן מיט ליטשן, וועלכער האָט אים צוריקגעשלאָגן, פּונקט ווי אַ ווילדע קאַץ. מיט די ציין, נעגל און

פויסט, ביז ער איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן, דערשעפט, אָן באַוווסטזיין אויפן דעק, און ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגע-שראָקן פון אַ צוויט באַגעגעניש.

דער טייוול, וואָס איז געזעסן אין אים, האָט אַרויסגע-רופן דעם טייוול אין וואָלף לאַרסענען.

ווען זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן אויפן דעק, האָט זיך עס אָנגעהויבן, זיך שילטנדיק, ברומענדיק, שלאָגנדיק, און איך האָב געזען ווי ליטש האָט זיך געוואָרפן אויף וואָלף לאַרסענען, נישט וואָרנענדיק אים, נישט וואַרנדיק פּראָוואָצירט.

איינמאָל האָט ער אויף אים געוואָרפן זיין שווערן מעסער, און אויף אַ האָר שיער נישט געטראָפן אין האַלז אַריין. אַן אַנדער מאָל האָט ער געוואָרפן אַ שטאָלענע אָל.

דאָס איז געווען אַ שווערער ענין אויף אַ וויגנדיקער שיף, אָבער דער שאַרפער שפּיץ פון דער אָל, פייפנדיק 75 פוס אין דער לופט, האָט שיער נישט געטראָפן וואָלף לאַרסענס קאָפּ בשעת ער איז אַרויפגעקומען פון די קאַבינע-טרעפּ, און זי איז געבליבן שטעקן אויף צוויי צאָל אין דער פּאָדלאָגע. און אַן אַנדער מאָל ווידער האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין דעם רו-דער-שטיבל, גענומען אַן אָנגעלאָדענע ביקס און זיך געלאָזט לויפן צום דעק, אָבער קערפוט האָט אים געכאַפּט און אַנט-וואָפנט.

כ'האָב מיך אָפט געחידושט, פאַרוואָס וואָלף לאַרסען דער-הרגעט אים נישט און מאַכט נישט קיין סוף פון דער שפּיל.

ער האָט בלויז געלאַכט און ווי הנאה געהאַט דערפון. ער האָט געמוזט פילן עפּעס אַ באַזונדערן טעם אין דעם, פּונקט ווי מענטשן האָבן הנאה צו מאַכן זיך ליבלינגען פון ווילדע חיות.

„דאָס גיט אַנטציקונג דעם לעבן", האָט ער מיר דערקלערט „ווען דאָס לעבן איז אין די הענט פון אַ מענטש. דער מענטש איז אַ נאַטירלעכער האַזאַרד-שפּילער, און דאָס לעבן איז דער

נרעסטער קאָן, וואָס ער קען איינשטעלן. וואָס גרעסער דער איינשטעל, אַלץ גרעסער די אַנטציקונג. פאַרוואָס זאָל איך מיר אָפזאָגן דאָס פאַרגעניגן אויפצורעגן ליִטשס נשמה ביז צו פיבער־צושטאַנד? צוליב דעם טו איך אים אַ טובה. די גרויסקייט פון געפיל איז קעגנזייטיקייט. ער לעבט מער קיניגלעך, ווי ווער עס איז אויפן אויבערשטן דעק, כאָטש ער ווייסט דאָס נישט. ווייל ער האָט דאָס, וואָס זיי האָבן נישט — צוועק, עפּעס צו טון, באַמיען זיך צו דערגרייכן אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקן ציל, דער פאַרלאַנג מיך צו דערהרגענען, די האָפנונג, אַז ער וועט מיך אפשר דערהרגענען. באמת, העמפּ, ער לעבט אַ טיף און הויך לעבן. כ׳בין מסופק צי ער האָט ווען־עס־איז געלעבט אַזוי האַסטיק און שאַרף, און איך בין אים באמת מקנא, טיילמאָל ווען כ׳זע אים אַ צעווילדעוועטן ביים העכסטן שפּיץ פון ליידנ־שאַפט און געפילבאַרקייט״.

„יאָ, אָבער דאָס איז פּחדנות, פּחדנות״, האָב איך גע־שריגן. „איר האָט אויף אייער זייט אַלע גינסטיקע באַדינ־גונגען״.

„פון אונז ביידע, פון מיר און אייך, ווער איז מער פּחדן״? האָט ער ערנסט געפרעגט. „אויב די סיטואַציע איז אַן אומאַנגענעמע, מאַכט איר אַ קאָמפּראָמיס מיט אייער געוויסן, ווען איר ווערט אַ שותף צו איר. אויב איר וואָלט אויף אַן אמת געווען גרויס, אויף אַן אמת טריי צו זיך, וואָלט איר זיך פאַרייניקט מיט דזשאָנסאָנען און ליטשן, אָבער איר האָט מורא, איר שרעקט זיך. איר ווילט לעבן. דאָס לעבן, וואָס איז אין אייך, שרייט, עס וויל לעבן, נישט געקוקט אויף קיין שום פּרייז; און אַזוי לעבט איר אַ שענדלעכן לעבן, נישט געטריי צו דעם בעסטן, וועגן וואָס איר טרוימט, זינדיקנדיק קעגן אייער גאַנצן נעבעכדיקן קליינעם קאָדעקס, און אויב ס׳וואָלט געווען אַ גהינום, וואָלט איר גלייך דאָרט אַריינגעגאַנגען מיט אייער נשמה. באַ! איך שפּיל דעם העלדישן טייל. איך זינדיק נישט, ווייל איך בין טריי צו דער שטימע פון לעבן, וואָס איז אין מיר.

איז לכל-הפחות אויפריכטיק מיט מיין נשמה און איר — נישט״.

ס׳האָט זיך געפילט אַ שטאָך אין זיינע רייד. מעגלעך, אַז נאָך אַלעם, האָב איך געשפּילט די ראָל פון אַ פּחדן. און וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיין פליכט צו מיר הייסט מיך טון ווי ער האָט מיר געעצהט, צו פאַרייניקן זיך מיט דזשאָנסאָנען און ליטשן און מיטווירקן צו זיין טויט.

טאַקע דאָ, מיין איך, האָט זיך אַריינגעמישט דער שטרענגער געוויסן פון מיינע פּוריטאַנישע אורעלטערן, שטויסנדיק מיך צו פינצטערע מעשים און סאַנקציאָנירנדיק אַפילו מערדעריי אַלס אַ ריכטיקע אויפפירונג.

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף דערדאָזיקער אידיי. עס וואָלט געווען אַהעכסט-מאָראַלישער אַקט צו באַפרייען די וועלט פון אַזאַ פאַרזעעניש.

די מענטשהייט וועט זיך שפירן בעסער און גליקלעכער, דאָס לעבן וועט זיין שענער, אָנגענעמער.

כ׳האָב אַ לאַנגע צייט געטראַכט וועגן דעם, ליגנדיק אַ שלאָפלאָזער אויפן געלעגער און אומצייליקע מאָל באַטראַכט די פאַקטישע לאַגע.

אין די וואָך-נעכט, בעת וואָלף לאַרסען איז געווען אונטן, האָב איך געשמועסט מיט דזשאָנסאָנען און ליטשן.

ביידע האָבן פאַרלוירן די האָפנונג — דזשאָנסאָן, צוליב זיין צייטווייליקער פאַרצווייפלונג; ליטש, — ווייל זיינע כוחות זענען אויסגעגאַנגען אין דעם אומזיסטן געראַנגל, און ער איז געווען דערשעפּט.

אָבער איינמאָל ביינאַכט האָט ער ליידנשאַפטלעך אָנגענומען מיין האַנט און געזאָגט:

„איך האַלט אייך פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש, מר. וואַן ווײדן. אָבער בלייבט ווי איר זענט און רעדט גאָרנישט. זאָגט גאָרנישט, נאָר טוט אייער זאַך. כ׳ווייס, מיר זענען שוין כמעט

זוי טויטע מענטשן; אָבער פונדעסטוועגן קענט איר אונז טון א טובה, ווען עס וועט נויטיק זיין״.

און אויפן צווייטן טאָג נאָכן דאָזיקן שמועס, ווען אין דער ריכטונג פון ווינט האָט זיך באַוויזן וועיברייט אינזל, האָט וואָלף לאַרסען נביאות געזאָגט.

ער האָט אטאַקירט דזשאָנסאָנען, אליין אטאַקירט גע־וואָרן פון ליטשן, און ער האָט נאָר וואָס געהאַט זיי ביידע אָנגעשלאָגן.

„ליטש״, האָט ער געזאָגט, „דו ווייסט, איך וועל דיך א ליאַדע טאָג דערהרגענען, האָסט געהערט״?

אלס ענטפער האָט זיך נאָר געהערט א ברומען.

„און וואָס שייך דיר, דזשאָנסאָן, וועט דיר דאָס לעבן אזוי פאַרמיאוסט ווערן, אז איידער כ׳וועל מיך נעמען צו דיר, וועסטו זיך אַריינוואַרפן אין ים אריין. וועסט זען, צי דו וועסט נישט דאָס טון״.

„דאָס איז אַן אָנצוהערעניש״, האָט ער צוגעגעבן, אוועק־רופנדיק מיך אָן א זייט. כ׳געוועט מיך אויף אייער מאַנאַטלע־כער פענסיע, אז ער וועט אזוי טון״.

איך האָב געהאַט א האָפנונג, אז זיינע קרבנות וועלן האָבן א געלעגנהייט צו אַנטלויפן בעתן אָנפילן די וואַסער־פעסלען, אָבער וואָלף לאַרסען האָט אויסגעקליבן א גוט אָרט.

דאָס געשפענסט איז געבליבן שטיין א האַלבע מייל אונטער דער שטראָם־ליניע פון אַן איינזאַמען איינגוס. דאָ האָט זיך געענדיקט א טיפער קעל, מיט קרומע, וווּלקאַנישע ווענט, אויף וועלכע קיין שום מענטש וואָלט נישט געקענט קלעטערן. און דאָ אונטער זיין דירעקטער אָנפירונג — ווייל ער איז אַרויף אויפן ברעג — האָבן ליטש און דזשאָנסאָן אָנגעפילט די פעסער און זיי צוגעקייקלט צום איינגוס.

זיי האָבן נישט געהאַט קיין שאַנס צו אַנטלויפן מיט א שיפל.

אָבער העריסאָן און קעלי האָבן יאָ געמאַכט אַ פּרווו אַנטלויפן.

זיי זענען געפאָרן אין איין שיפל, און זייער אויפגאַבע איז געווען צו שווימען צווישן סקונער און דעם ברעג, און בייַ יעדעס מאָל געפירט אַן איינציק פעסל.

פונקט פאַרמיטאָג, לאָזנדיק זיך צום ברעג מיט אַ ליידיק פעסל, האָבן זיי געענדערט די ריכטונג און זיך געלאָזט לינקס אַרומצוקרייזן דעם פעלזן, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט אין ים אַריין צווישן זיי און דער פרייהייט.

צווישן דערדאָזיקער שווימענדיקער באַזע זענען געלעגן די דערפער פון די יאַפּאַנישע קאָלאָניסטן און שמייכלענדיקע טאָלן, וואָס זענען טיף אַריינגעדרונגען אין דער יבשה. זיך אַריינבאַקומענדיק דאָרט אַהין, האָבן זיי געקענט טראָצן וואָלף לאַרסענען.

כ׳האָב באַמערקט ווי אינדערפרי האָבן זיך הענדערסאָן און „רויך" אַרומגעבלאָנקעט אויפן דעק, און איצט האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס. נעמענדיק זייערע ביקסן, האָבן זיי געלאָזן געעפנט אַ פייער אויף די דעזערטירן. דאָס איז געווען אַ קאַלטע בלוטיקע אויסשטעלונג פון גוטן שיסן.

מתחלת זענען זייערע קוילן אומשעדלעך געפלויגן לענגאויס דער אויבערפלאַך פון וואַסער אויףביידע זייטן פון שיפל; אָבער ווען די אַנטלאָפענע האָבן ווייטער געשלעפט דאָס שיפל ענערגיש, האָבן זיי געטראָפן וואָס אַמאָל נענטער.

„איצט זעט ווי איך ציל אין קעלי'ס רעכטער וויעסלע", האָט „רויך" געזאָגט, צילנדיק אַ ביסל מער פּאָרזיכטיק.

איך האָב געקוקט דורך אַ לאָרנעטע, און כ׳האָב געזען ווי די פעדער פון דער וויעסלע איז נאָכן שיסן צעשמעטערט געוואָרן.

הענדערסאָן האָט נאָכגעטון, נעמענדיק פאַר אַ ציל העריסאָנס רעכטע וויעסלע.

דאָס שיפל האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט, די איבע-

נעבליבענע צוויי וויעסלעס זענען אינגיכן צעבראָכן געוואָרן. די דעזערטירן האָבן געפּרוווט וויעסלעווען מיט די צעבראָכענע שטיקער, אָבער זיי זענען נאָך אַ שאָס אַרויסגעפֿאַלן פֿון זייערע הענט.

קעלי האָט אַרויסגעריסן אַ ברעט פֿון דער פּאָדלאָגע און אָנגעהויבן גיין אין וואַסער, ער האָט עס אָבער אַוועקגעוואָרפֿן מיט אַן אויסרוף פֿון ווייטאָק, בעת די דזשאוזעס האָבן זיך אַרײַנבאַקומען אין זײַנע הענט אַרײַן.

דאַן האָבן זיי רעזיגנירט, לאָזנדיק דאָס שיפֿל שווימען, ביז עס איז צוגעקומען צו אַ צווייט שיפֿל, וואָס איז פֿון ברעג אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך וואָלף לאַרסענען, אַרויסגענומען זיי אויף אַ לינע און אַרויפֿגעברענגט אויפֿן דעק.

שפּעט נאָכמיטאָג האָבן מיר אַרויפֿגעזעצט דעם אַנקער און געפֿאָרן ווייטער.

מיר האָבן פֿאַר זיך געהאַט דריי אָדער פֿיר חדשים געיעג אין דער פּאָקע־געגנט.

די אויסזיכטן זענען באמת געווען זייער טרויעריקע און כ׳האָב מיט אַ שווער האַרץ געטון מײַן אַרבעט. ווי אַ פֿינצטערער אומעט פֿון אַ לויה וואָלט אַרויף אויף דעם ג ע ש פּ ע נ ס ט.

וואָלף לאַרסען איז אַוועק אין זײַן נאָרע אַרײַן, מיט אײנעם פֿון זײַנע שרעקלעכע משוגעדיקע קאָפּ־ווייטאָקן.

העריסאָן איז שטילשווײַגנד געשטאַנען ביים ראַד, האַלב אַנגעלענט, גלייך ווי ער וואָלט פֿאַרמאַטערט געווען פֿון דער משא פֿון זײַן אייגענעם גוף.

די איבעריקע שיפֿס־מענטשן זענען געווען פֿאַר׳מרה־שחורהט און שווײַגנדיק. איך האָב געטראָפֿן קעלין ווי ער איז געקראָכן לינקס צו דעם קוילן־קאַסטן פֿון דעם אונטערשטן שיפֿטײל, מיטן קאָפּ אויף די קני, מיט די הענט אַרום קאָפּ, אין אַ פּאָזע פֿון אומבאַשרייבלעכן יאוש.

דזשאָנסאָנען האָב איך געטראָפֿן ליגן אויסגעצויגן אויפֿן

שפּיץ פון אונטערשטן שיפטייל, גלאָצנדיק אויף די ריטשקעלעך פון די פאָדערשטע רעדער, און מיט שרעק האָב איך זיך דער־מאָנט אָן וואָלף לאַרסענס אָנצוהערעניש. ס'האָט אויסגעזען, אַז זי האָט געווירקט.

כ'האָב געפּרוווט אים אַרויסצורייסן פון זיינע קרענקלעכע געדאַנקען, אַוועקרופנדיק אים, ער האָט בלויז טרויעריק גע־שמייכלט און זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן.

ווען כ'בין אַרויפגעקומען אויבן, איז ליטש צוגעגאַנגען צו מיר.

„כ'וויל אייך בעטן אַ טובה, מר. וואַן ווײַדן", האָט ער געזאָגט. „אויב איר וועט האָבן מער מזל און קומען קיין פריסקאָ, וועט איר אויפזוכן מאַטט מעק'קאַרטי? ער איז מיין אַלטער, ער וווינט אויפן בערגל, הינטער דער מעיפער בעקע־ריי, לעבן אַ לאַטשאַרזשס געוועלב, וואָס איז יעדן איינעם באַקאַנט, איר וועט נישט דאַרפן לאַנג זוכן. זאָגט אים, אַז כ'האָב חרטה פאַר די צרות, וואָס כ'האָב אים אָנגעטון און פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געליטן צוליב מיר, און זאָגט אים: גאָט זאָל אייך בענטשן".

כ'האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער געזאָגט:

„מירן אַלע צוריקקומען קיין סאַן־פראַנציסקאָ, ליטש, און איר וועט מיט מיר מיטגיין און זיך זען מיט מאַטט מעק־קאַרטי".

„כ'וואָלט אייך געוואָלט גלויבן", האָט ער געענטפערט, דריקנדיק מיין האַנט, „אָבער איך קען נישט. וואָלף לאַרסען וועט שוין דאָס טון פאַר מיר, כ'ווייס דאָס, און מיין גאַנצע האָפ־נונג איז, אַז ער וועט דאָס טון שנעל".

און ווען ער האָט מיך פאַרלאָזט, האָב איך אין האַרצן געהאַט דעמזעלבן פאַרלאַנג. קוים דאַרף עס געשען, זאָל עס געשען וואָס שנעלער.

דער אַלגעמיינער אומעט האָט אויך מיך אַרומגענומען. דאָס ערגסטע האָט אויסגעזען צו זיין אומפאַרמיידלעך;

און ווען כ'האָב שעהענווייז געשפּרייזט אויפֿן דעק, בין איך געווען אַדורכגעדרונגען מיט וואָלף לאַרסענס אָפּשטויסנדיקע אידייען. וואָס זאָל דאָס אַלץ באַטייטן? ווו איז די גרויסקייט פֿון לעבן, וואָס עס דערלויבט אַזאַ מוטווילליקע פֿאַרניכטונג פֿון מענטשלעכע נשמות? נאָך אַלעם איז עס אַ ביליקע און שמוציקע זאַך, דאָס לעבן, און וואָס פֿריער דער סוף, אַלץ בעסער. אַ סוף און געענדיקט דערמיט!

איך האָב מיך אָנגעלענט אויפֿן פּאָרענטש און מיט בענקשאַפֿט געקוקט אין ים אַריין, אין דער זיכערקייט, אַז פֿריער־שפּעטער וועל איך זינקען אַראָפּ, אַראָפּ, דורך די קאַלטע, גרינגע טיפֿענישן פֿון פֿאַרגעסנקייט.

## קאַפּיטל זיבעצן

אַ מאָדנע זאַך! טראָץ אַלע שלעכטע פּראָוויזאָנגען איז אויפֿן ג ע ש פּ ע נ ס ט נישט געשען קיין שום באַזונדערס שלעכטע זאַך.

מיר זענען געלאָפֿן צו צפֿון און מערב, ביז מיר זענען געקומען צו די ברעגן פֿון יאַפּאַן און געטראָפֿן זיך מיט דער גרויסער פּאָקעס־סטאַדע.

אָנקומענדיק אין דעם גרענעצלאָזן שטילן ים פֿון אַ געגנט, וואָס קיינער האָט נישט געקענט, איז די דאָזיקע סטאַדע געגאַנגען צו צפֿון אויף איר יערלעכער עמיגראַציע צו די וורשאָנעס־געביטן פֿון בערינג־ים. און מיר זענען דעריבער אויך געפֿאָרן צו צפֿון, פֿאַרוויסטנדיק און פֿאַרניכטנדיק, אַוועקוואַרפֿנדיק די טויטע פּגרים צו די היי־פֿיש און איינזאַלצנדיק די פֿעל, כּדי זיי זאָלן שפּעטער באַשיינען די שיינע פּלייצעס פֿון די שטאָטישע פֿרויען.

דאס איז געווען אַ ווילקירלעכע שחיטה און אַלץ צוליב פרויען.

קיינער האָט נישט געגעסן דאָס פלייש אָדער פעטס פון די פּאָקעס.

נאָך דער שחיטה פון אַ גאַנצן טאָג, האָב איך געזען ווי דער דעק איז באַדעקט מיט פעל און פגרים, גליטשיק פון פעטס און בלוט, און די לעכער פון דעם דעק זענען געווען רויט; די מאַסטביימער, די שטריק און די פּאַרענטשעס זענען געווען באַשפּריצט מיטן בלוטיקן קאָליר; און די מענטשן, פונקט ווי קצבים, וואָס פירן אויס זייער אַרבעט, נאַקעטע און מיט רויטע אָרעמס און הענט, זענען אָנגעשטרענגט ביי דער אַרבעט מיט גרויסע קיילער-מעסערס, און זיי שינדן-אָפּ די הויט פון די שיינע ים-חיות, וואָס זיי האָבן דערהרגעט.

מיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין ציילן די פעלעכלעך, ווען מ'האָט זיי אַרויפגעבראַכט פון די שיפלעך, אַכטונג צו געבן ביים שינדן און נאָכדעם אָפּצורייניקן דעם דעק און ברענגען אַלץ אין אָרדנונג. דאָס איז נישט געווען קיין אָנגענעמע אַרבעט.

מיין נשמה און מיין גוף האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דעם, און דאָך, אין אַ געוויסן זין, איז די דיזאַזיקע באַהאַנדלונג און אָנפירונג פון אַ סך מענטשן געווען אַ גוטע זאַך פאַר מיר.

עס האָט אַנטוויקלט מיינע קליינע אויספירנדיקע פעאיקייטן, און כ'האָב געשפּירט, אַז כ'ווער פאַרהאַרטעוועט און פאַרפעסטיקט, און דאָס איז געווען גאַנץ געזונט פאַר „סיסי" וואַן וועידן.

איין זאַך האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין — אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט קענען זיין דערוועלבער מענטש ווי כ'בין געווען פריער.

בעת מיין האָפנונג און גלויבן אין מענטשלעכן לעבן האָט

נאָך איבערגעלעבט וואָלף לאַרסענס צעשטערנדיקע קריטיק, איז ער דאָך געווען די סיבה פון אַן ענדערונג אין קליינע זאַכן.

ער האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט די אמתע וועלט, וועגן וועלכער כ'האָב פּאַקטיש גאָרנישט געוווּסט און וועלכע כ'האָב שטענדיק אויסגעמיטן.

כ'האָב מיך אויסגעלערנט מער אויפמערקזאַמער באַטראַכטן דאָס לעבן, ווי עס לעבט זיך, צו אָנערקענען, אַז ס'זענען פּאַראַן אַזעלכע זאַכן ווי פאַקטן אויף דער וועלט, אויפהויבן זיך פון דער מלוכה פון גייסט און אידייע און צו געבן אַ געוויסן ווערט די קאָנקרעטע און זאַכלעכע פאַזעס פון דער עקזיסטענץ.

ווען מיר זענען אַרויף דער יבשה, האָב איך מער ווי אַלעמאָל זיך צוגעקוקט צו וואָלף לאַרסענען. ווייל ווען דאָס וועטער איז געווען שיין און מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון דער סטאַדע, זענען אַלע מאַטראָזן און יעגער אַוועק אין זייערע שיפלעך, און אויפן דעק איז געבליבן וואָלף לאַרסען און איך, און טאָמאַס מאַגרידזש, וואָס קומט נישט אַריין אין חשבון.

אָבער דאַן איז עס נישט געווען קיין שפּילעכל. די זעקס שיפער, אויסשפּרייטנדיק זיך פון סקונער ווי אַ פעכער אַזוי, אַז דאָס ערשטע שיפל פון דער זייט פון ווינט און דאָס לעצטע ווינט-שיפל זענען געווען אַ 10—20 מייל ווייט, האָבן אַרומגעקרייזט אַ גלייכן קרייז איבערן ים, ביז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט אָדער אַ שלעכט וועטער האָט זיי אַריינגעטריבן. מיר האָבן געדאַרפט קירעווען דאָס געשפּענסט אין דער ווינט-ריכטונג פון דעם לעצטן ווינט-שיפל אַזוי, אַז אַלע שיפלעך זאָלן האָבן אַ גינסטיקן ווינט אין פאַל פון אַ שקוואַל אָדער אַ דראָענדיק וועטער.

ס'איז נישט קיין לייכטע זאַך פאַר צוויי מענטשן, באַזונדערס ווען ס'הויבט זיך אָן אַ שטאַרקער ווינט, אָנצופירן מיט אַזאַ שיף ווי דאָס געשפּענסט, רודערן, האַלטן אויפן

אויג די שיפֿלעך, און אַרויפֿזעצן אָדער ברענגען אין אָרדנונג אַ זעגל; און אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו לערנען זיך און טאַקע וואָס שנעלער. רודערן האָב איך לייכט תּופֿס געווען, אָבער דאָס אַרויפֿקלעטערן אין דער הויך צו די מאַסטבוימער און הוידען מיין גאַנצע משא מיט די אָרעמס, בעת כ'האָב פֿאַרלאָזט די לייטערס און געקלעטערט נאָך העכער, איז געווען אַ שווערער ענין.

אויך דאָס האָב איך מיך אויסגעלערנט, און שנעל, ווייל ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט עפּעס אַ ווילדער פֿאַרלאַנג צו רעהאַביליטירן זיך אין וואָלף לאַרסענס אויגן, צו דערווייזן מיין רעכט צו לעבן אויף אַן אַנדערן, נישט-גייסטיקן אופֿן. נאָכמער, ס'איז געקומען אַ צייט, ווען כ'האָב הנאה געהאַט אַרויפֿצוּלויפֿן אויפֿן שפּיץ פֿון די מאַסטבוימער און קלאַמערן זיך מיט די פֿיס אָן יענער געפֿערלעכער הויך, בעת איך האָב מיט אַ שפּאָקטיוו דורכגענישטערט דעם ים, זוכנדיק די שיפֿלעך.

כ'געדענק אַ שיינעם טאָג, ווען די שיפֿלעך זענען אַרויס פֿרי און די אָפּקלאַנגען פֿון די יעגערישע ביקסן זענען געוואָרן אומקלאָר און ווייט און אָפּגעשטאָרבן, בעת זיי האָבן זיך צעשפּרייט ווייט און ברייט איבערן ים.

ס'האָט דאַן געבלאָזן אַ גאָר שוואַך ווינטל פֿון מערב-זייט; אָבער ס'האָט שוין געהאַלטן ביי זיין סוף, ווען ס'איז אונז געלונגען צוצוקומען צו דער ריכטונג פֿון לעצטן ווינטשיפֿל.

איינס נאָכן אַנדערן — כ'בין געווען אויפֿן שפּיץ פֿון די מאַסטבוימער און אַלץ געזען — זענען די זעקס שיפֿלעך פֿאַרשוווּנדן איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד, בעת זיי האָבן נאָכגעפֿאָלגט די פֿאָקעס צו מערב-צו.

מיר זענען געלעגן, קוים וויגנדיק זיך אויפֿן רויִקן ים, נישט קענענדיק נאָכפֿאָלגן. וואָלף לאַרסען איז געווען איבערגעשראָקן.

דער באַראָמעטער איז אַראָפּ, און דער אויסזען פֿון הימל

אין מזרח־זייט איז אים נישט געפֿאַלן. ער האָט אים געפּאָרשט מיט אומאויפהערלעכער וואַכזאַמקייט.

„אויב דער שטורם וועט אַרויסקומען פון דאָרט", האָט ער געזאָגט, „אַ שווערער און קנאַקעדיקער, שטייסנדיק אונז צו דער ווינט־ריכטונג פון די שיפלעך, איז עס גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז ס'וועלן זיין ליידיקע געלעגערס אין דעם רודער־שטיבל און אין דעם פאָדערשטן שיפטייל".

אַרום עלף אַ זייגער איז דער ים געוואָרן דורכזיכטיק ווי גלאָז.

מיטאָג־צייט, הגם מיר האָבן זיך געפונען אַ שפּאָר שטיקל וועגס אין די צפונדיקע וואַסערן, איז די היץ געוואָרן שוואַכער.

די לופט איז נישט געווען פריש. עס איז געווען שווייסיק און דושנע, דערמאָנענדיק אָן דעם, וואָס די אַלטע קאַליפאָרניער רופן „ערד־ציטערניש וועטער".

ס'איז אין דעם אַלעם געווען אַ שלעכטער סימן, און מען האָט געפילט בחוש, אַז ס'וועט געשען דאָס ערגסטע.

דער גאַנצער מזרח־הימל האָט זיך פאַמעלעך איינגעהילט אין וואָלקנס, וואָס האָבן אונז איבערגעדעקט ווי אַ שוואַרצער באַרג פון דעם גהינום־געגנט.

מען האָט אַזוי בולט געזען די טיפע לעכער אין אָפּגרונט, און די שאָטנס, וואָס זענען געלעגן דערין, אַז מען האָט אומבאַוווסטזיניק געקוקט אויף דער ווייסער כוואַליע־ליניע און די ריטשענדיקע היילן, ווו דער ים וואַרפט זיך אויף דער יבשה. און דאָך האָבן מיר זיך געלאַסן געוויגט און ס'האָט נישט געבלאָזן קיין ווינט.

„דאָס איז נישט קיין שקוואַל", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט. „די אַלטע מאַמע־נאַטור גייט זיך אויפשטעלן אויף אירע הינטערשטע פיס און אַרויסשרייען מיט אַלע אירע כוחות, און מירן אָנהויבן צו שפּרינגען, העמפּ, און אַדורכלויפן מיט דער העלפט פון אונזערע שיפלעך. איר וועט גלייכער טון אַרויס־

קלעטערנדיק אין דער הויך, און לויז מאַכן די העכסטע זעגלען".

„אָבער אויב ס'וועט אָנהויבן צו ווילדעווען און מיר זענען נאָר צוויי"? האָב איך געפרעגט, און אין מיין שטימע האָט זיך געהערט אַ פּראָטעסט.

„נו, מיר מוזן אויסנוצן דעם סאַמע אָנהויב און אַראָפּלויפן צו אונזערע שיפלעך, איידער די לייַלעכער וועלן ווערן אַראָפּ־געריסן. וואָס עס וועט געשען נאָכדעם, איז שוין נישט מיין דאגה. אונזערע מאַסטן וועלן אויסהאַלטן, הגם מיר וועלן האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט".

אָבער ס'איז נאָך אַלץ געווען שטיל אַרום און אַרום. מיר האָבן געגעסן מיטאָג, אַ האַסטיק און נערוועז עסן איז עס געווען פאַר מיר, מיט אַכצן מאַן אויפן ים און אונטער דער אויבערפלאַך פון דער ערד, און מיט די הימל־הויכע בערג פון וואַלקאַנס, וואָס האָבן זיך פאַמעלעך גערוקט אויף אונז. אָבער וואָלף לאַרסען איז געבליבן קאַלטבלוטיק; הגם כ'האָב באַמערקט, ווען מיר זענען צוריק אַרויפגעקומען אויפן דעק, אַ לייכטן צוויק פון זיינע נאָזלעכער, אַן אָנגעצעוודיקע שנעלקייט פון באַוועגונג.

זיין פּנים איז געווען שטרענג, די שטריכן זענען געוואָרן האַרט, און דאָך איז אין זיינע אויגן — בלאָע, לויטער בלאָ ווי דער טאָג — געווען אַ מאָדנע לויטערקייט, אַ העל פינקלדיק ליכט.

עס איז מיר געווען אויפפאַלנד, וואָס ער איז געווען פריילעך, אויף אַ געוויסן ווילדן אופן; אַז ער איז צופרידן, וואָס עס הויבט זיך אָן אַ קאַמף; אַז ער איז אַנטציקט און דערהויבן פונעם באַוווסטזיין, אַז עס קומט פאַר אים אָן איינער פון די גרויסע לעבנס־מאָמענטן, ווען עס וועלן זיך אויף אים וואַרפן די נאַטור־כּוחות.

איינמאָל, — נישט וויסנדיק אַז ער טוט דאָס, אָדער אַז איך זע דאָס — האָט ער געלאַכט הויך, מיט חוזק און אַרויס־

דוּרך דעם אָנקומענדיקן שטורעם.

כ׳זע אים, ווי ער שטייט דאָרט ווי אַ קאַרליק פון „טויזנט און איין נאַכט" פאַרן גרויסן פּראַנט פון עפּעס אַ שלעכטן גייסט.

ער האָט זיך אָפּגעגעגעשטעלט דעם גורל, און ער האָט נישט קיין מורא געהאַט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער קיך.

„קוקי, ווען דו וועסט האָבן פאַרענדיקט מיט די טעפּ און פענדלעך, וועט מען דיך דאַרפן אויפן דעק. שטיי גרייט צו יעדן רוף".

„העמפּ״! האָט ער געזאָגט, באַמערקנדיק דעם פאַרכישופטן בליק, וואָס כ׳האָב אויסגעגלאָצט אויף אים, „אָט דאָס שטייגט איבער וויסקי, און דאָ האָט אָמאָר געהאַט אַ טעות. איך מיין, אַז נאָך אַלעם האָט ער האַלב געלעבט".

דער מערב-טייל פון הימל איז איצט געוואָרן פינצטער. די זון איז פינצטער געוואָרן און פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

ס׳איז געווען צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג און אַ געשפּענס-טיקע דעמערונג, אַדורכגעמישט מיט וואַנדערנדיקע פּורפּור-ליכט, איז אַראָפּ אויף אונז.

אין דאָזיקן פּורפּור-ליכט האָט וואָלף לאַרסענס פּנים גע-נומען גליען, און פאַר מיין אויפגערעגטער פאַנטאַזיע האָט ער אויסגעזען ווי אַרומגענומען פון אַן אָרעאָל.

מיר האָבן זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון אַ נישט-ערדישער רויִקייט, בעת אַרום אונז האָט מען געזען סימנים און אָנזאָגן פון אָנקומענדיקער באַוועגונג און שטורעם.

די שווייסיקע היץ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. דער שווייס האָט אַראָפּגערונען פון מיין שטערן, און כ׳האָב געפילט, אַז ער רונט אַראָפּ פון מיין נאָז.

כ׳האָב געשפּירט, אַז כ׳גיי חלשן און אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי אָנצולענען זיך אָן פאָרענטש.

און דעמאָלט, טאַקע דעמאָלט, האָט זיך געהערט דאָס שוואַכסטע פליסטערן פון דער לופט.

דאָס איז געווען פון מזרח, און עס איז געקומען ווי אַ פליסטערן און אַוועק.

די אַראָפּהענגענדיקע ליילעכער האָבן זיך נישט באַוועגט, און דאָך דאָט מיין פּנים געפילט, אַז די לופט ווערט קילער.

„קוקי", האָט וואָלף לאַרסען געראָפן שטילערהייט.

טאָמאַס מאַגרידזש האָט אויסגעדרייט אַ נעבעכדיק, רחמנות־דיק פּנים.

„שלעפּ אַראָפּ יענעם אויבערשטן שלעפּשטריק און לייג אים איבער, און אויב ס'וועט זיך לאָזן — מיטן זעגל. און אויב דו וועסט דערפון מאַכן אַ ביגאָס, וועט דאָס זיין דיין לעצט שטיקל אַרבעט, פאַרשטאַנען?"

„מר. וואַן ווײַדן, שטייט און העלפט אַראָפּנעמען די אויבערשטע זעגל. דאַן שפּרינגט צו צו די העכסטע זעגלען און שפּרייט זיי אויס אַזוי שנעל ווי מעגלעך — וואָס שנעלער איר וועט דאָס טון, אַלץ לייכטער וועט עס זיין פאַר אייך. וואָס שייך קוקי, אויב ער וועט זיך נישט אַרויספאָרן, האַקט אים אונטער די אויגן".

כ'האָב פאַרשטאַנען דעם קאָמפּלימענט און כ'בין געווען צופרידן, וואָס קיין דראָונג האָט נישט באַגלייט זיינע אינסט־רוקציעס פאַר מיר.

מיר האָבן זיך געפונען צו צפון־מערב, און ער האָט בדעה געהאַט צו באַפרייען זיך פון די אויבערשטע זעגל ביים ערשטן בלאָז.

„מיר וועלן האָבן דעם ווינט אין אונזער ריכטונג", האָט ער מיר דערקלערט. „אורטיילנדיק לויט די לעצטע שאָסן, האָט עס צוועקגעטראָגן די שיפלעך אַ ביסל צו דרום־צו".

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און אַרויפגעגאַנגען צום ראָד.

איך בין אַרויף אויפֿן פֿאָדערשטן טייל און פֿאַרנומען מיין אָרט ביי די זעגלען. דאַן איז אַדורך אַ צווייטער שאַרף פֿונם ווינט, און דאַן נאָך איינער. די לייַלעכער האָבן זיך פֿויל באַוועגט.

„גאָט צו דאַנקען, וואָס דער שטורם קומט נישט מיטאַמאָל, מר. וואַן ווערדן“, האָט דער קאָקני היציק אויסגערופֿן.

און איך בין באמת געווען דאַנקבאַר, ווייל כ׳האָב שוין דאַן אַזוי פֿיל מיך געהאַט אויסגעלערנט און געוואוסט וואָס פֿאַר אַן אומגליק עס דערוואַרט אונז מיט אַלע אונזערע לייַלעכער אויסגעשפּרייט.

דאָס פֿליסטערן פֿון ווינט איז געוואָרן אַ בלאָז. די זעגל זענען פֿול געוואָרן, דאָס געשפּענסט האָט זיך גערירט. וואָלף לאַרסען האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו דרייען דאָס ראָד, און מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערצוגעבן זיך.

דער ווינט איז איצט געווען פֿאָרויס און מיינע שפּיקזעגלען האָבן זיך אומרויִק געבלאָזן.

כ׳האָב נישט געזען, וואָס עס טוט זיך ערגעץ אַנדערש, הגם כ׳האָב געפֿילט דעם אומגעריכטן רעש אין ראָד פֿונם סקונער, בעת דער דרוק פֿונם ווינט האָט זיך אויסגעדרייט צו די פֿאָדערשטע הויפּט-זעגלען.

מיינע הענט זענען געווען פֿאַרנומען מיט די פֿליענדיקע דרייקאַנטיקע זעגלען; און אין דער צייט, ווען דערדאָזיקער טייל פֿון מיין אויפֿגאַבע איז געווען פֿאַרענדיקט, איז דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט געלאָפֿן צו דרום-מערב, מיטן ווינט אויף איר זייט און אַלע אירע לייַלעכער צו דער רעכטער זייט. נישט אָפּשטעלנדיק זיך צו כאַפּן דעם אָטעם, הגם מיין האַרץ האָט פֿון אָנשטרענגונג געקלאַפּט ווי אַ קוזשניע-האַמער, בין איך צוגעשפּרונגען צו די העכסטע זעגלען, און איידער דער ווינט איז געוואָרן צו-שטאַרק, האָבן מיר זיי גוט אַרויפֿגעזעצט און פֿאַרוויקלט. דאַן בין איך אַרויף אינדערהויך נאָך באַפֿעלן.

וואָלף לאַרסען האָט מיט אנערקענונג געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיר איבערגעגעבן דאס רודערן.

דער ווינט האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשטאַרקן און דער ים — אין הייבן זיך.

כ׳האָב גערודערט אַ שעה צייט, און יעדע מינוט איז גע־וואָרן שווערער דאָס צו טון.

כ׳בין נישט געוווינט געווען צו רודערן בעת אַזאַ שנעל־קייט און ווינט.

„איצט קלעטערט אַרויף מיט דעם שפּאָקטיוו און זוכט אויס עמעצן פון די שיפלעך. מיר האָבן לכל־הפּחות שוין אַדורכגע־מאַכט צען ים־מייל, און איצט מאַכן מיר 12—13. דאָס אַלטע „מיידל״ קען גיין״.

כ׳האָב מיך געראַנגלט מיט די פאָדערשטע מאַסטן, עפּעס זיבעציק פיס איבערן דעק.

בעת כ׳האָב געזוכט דעם פרייען וואַסער־שטח, האָב איך גוט פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון דער שנעלקייט, אויב מיר ווילן אַרויסראַטעווען וועמען־ס׳איז פון אונזערע מענטשן. באמת, קוקנדיק אויפן שטורמישן ים, אויף וועלכן מיר זענען געשווימען, האָב איך געצווייפלט, צי עס איז דאָ אַ שיפל אויף דער אויבערפלאַך. ס׳האָט נישט אויסגעזען פאַר מעגלעך, אַז אַזאַ שוואַכע שיף זאָל איבערלעבן אַזאַ שטורעם פון ווינט און וואַסער.

איך האָב נישט געקאָנט פילן די פולע קראַפט פונם ווינט, ווייל מיר זענען געלאָפן צוזאַמען מיט אים; אָבער פון מיין הויכן אָרט האָב איך אַראָפּגעקוקט, איבער די גרענעצן פון געשפּענסט און ווייט פון איר, און כ׳האָב געזען ווי די ליניעס פון איר געשטאַלט האָבן זיך שאַרף אָפּגעשפּיגלט אין דעם שוימענדיקן ים, ווי זי האָט זיך געריסן מיט איפּמעט. טיילמאָל האָט זי זיך אויפגעהויבן און איבערגעשיקט גרויסע כוואַליעס, פאַרדעקנדיק פאַרן אויג דעם פאָרעגטש פון דער

רעכטער זייט, און באַדעקנדיק איר דעק ביז צו די האַקעס מיטן פרויזנדיקן אָקעאַן.

אין אַזעלכע מאָמענטן, אויפשפּרינגנדיק נאָך אַ שטויס פון ווינט, בין איך געפלויגן אין דער לופטן מיט אַ חלשותדיקער שנעלקייט, גלייך ווי כ'וואָלט מיך געקלאַמערט אָן דעם עק פון אַ ריזיקן, אומגעדרייטן זייגער-אומרו, וועמענס בויגן, צווישן די גרעסערע שטויסן, האָט געמוזט זיין אַ זיבעציק פיס אָדער מער.

איינמאָל האָט מיך באַהערשט די שרעק פון דעמדאָזיקן חלשותדיקן שטויס, און אַ ווײַלע האָב איך זיך ווייטער געקלאַמערט, מיט די הענט און די פיס, שוואַך און שווינדלענדיק, נישט זייענדיק בכוח צו זוכן אין ים די פאַרלוירענע שיפלעך אָדער עפּעס צו דערזען אין ים, בלויז דאָס, וואָס עס האָט געברומט אונטן און געריסן זיך אומצוּוואַרפן דאָס געשפּענסט.

אָבער דער געדאַנק וועגן די מענטשן אין מיטן ים האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש, און זוכנדיק זיי, האָב איך פאַרגעסן אָן זיך גופא. אין משך פון אַ שעה האָב איך גאָרנישט געזען, חוץ דעם בלויזן, ווייטן ים. און דאַן דאָרט, ווו אַ בלענדנדיקער סנאָפּ-ליכט האָט אַ בליץ געטון אין אָקעאַן און די אויבערפלאַך איז געוואָרן ווי זידנדיק זילבער, האָב איך דערזען אַ קליינעם שוואַרצן פלעק, ווי ער שטופּט זיך אַרויס צום הימל און ווערט צוריק איינגעשלונגען. כ'האָב געדולדיק געוואַרט. ווידער אַמאָל האָט אַרויסגעשטאַרט דער קליינטשיקער שוואַרצער פונקט דורך דעם זידנדיקן בלענדעניש, נישט איבעריק ווייט פון דער ליני־קער זייט פון אונז.

כ'האָב נישט געפּרוּווט צו שרייען, נאָר געמאָלדן דאָס נייעס וואָלף לאַרסענען, פאָכנדיק מיט דער האַנט.

ער האָט געענדערט די ריכטונג, און איך האָב מיט סיג־נאַלן באַשטעטיקט, אַז ס'איז אין אָרדנונג.

דער פלעק איז געוואָרן גרעסער, און אַזוי שנעל, אַז צום ערשטן מאָל האָב איך פולשטענדיק אָפּגעשאַצט די שנעל־

קייט פון אונזער שווימען.

וואָלף לאַרסען האָט מיר געווינקען, אַז כ'זאָל אַראָפּגיין. און ווען כ'בין לעבן אים געשטאַנען ביים ראָד, האָט ער מיר געגעבן אינסטרוקציעס ווי צו לאַווירן.

„מ'דאַרף זיך ריכטן, אַז אַלע טייוולאָנישע כוחות וועלן זיך צעלאָזן", האָט ער מיך געוואָרנט, „אָבער לאָז אייך דאָס נישט אַרן. איר דאַרפט טון אייער זאַך און קוקי זאָל שטיין ביי די פאָדערשטע ליילעכער".

ס'איז מיר געלונגען צו גיין פאָרווערטס, אָבער ס'איז נישט געווען וואָס אויסצוקאָמבינירן, ווייל דער רעכטער פאָרענטש איז אָפּט געווען פאַרגאָסן אונטערן וואַסער, ווי דער לינקער.

נאָכן געבן טאָמאַס מאַגרידזשן אָנווייזונגען, וואָס ער האָט צו טון, האָב איך אַרויפגעקלעטערט אַ פּאָר פיס הויך אויף דער פאָדערשטער איינריכטונג.

דאָס שיפל איז איצט געווען זייער נאָענט. און כ'דהאָב קלאָר פאַרשטאַנען, אַז עס איז געלעגן מיטן קאָפּ צום ווינט און ים און געשלעפּט זיין מאַסטבוים און זעגל, וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין, כדי צו נוצן אַלס אַ ים-אַנקער.

די דריי מענטשן דהאָבן געשעפּט דאָס וואַסער. יעדער ברויזנדיקער באַרג האָט זיי פאַרדעקט פון אויג, און איך פלעג וואַרטן מיט אַ קרענקלעכער מורא, זיך געשראָקן טאָמער וועלן זיי זיך שוין מער נישט באַווייזן. דאַן, און מיט אַ שרעקלעכער אומגעריכטקייט, איז דאָס שיפל אַדורכגעלאָפן דעם שוימענדיקן רוקן, מיטן דזשאָב אויסגעשטרעקט צום הימל, און ס'האָט זיך געזען די גאַנצע לענג פון איר דנאָ, אַ נאַסער און פינצטערער, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז שוין געקומען איר סוף.

ס'האָט זיך דאַן באַקומען אַ דורכלויטנדיקער בליק פון די דריי מענטשן, ווי זיי שליידערן דאָס וואַסער אין אַ ווילדער

איילעניש, בעת עס פלעגט איבערפלייצן און אריינפאלן אין א לעבעדיקן טאל, מיטן דזשאב אראפ און ווייזנדיק איר פולע אינעווייניקסטע זייט מיט דעם שפיץ.

יעדעס מאל, ווען עס האט זיך באוויזן, איז עס געווען א נס.

דאס געשפענסט האט פלוצלונג געענדערט איר ריכטונג, זיך האלטנדיק פון דערווייטנס, און ס׳האט מיך געטראפן ווי א דונער דער געדאנק, אז וואלף לארסען האט געהאלטן, אז עס איז אוממעגלעך צו ראטעווען דאס שיפל. דאן האב איך פארשטאנען, אז ער גרייט זיך צו לאווירן און כ׳בין דערייבער אראפ אויפן דעק, כדי צו זיין גרייט.

מיר זענען איצט געשטאנען אונטערן פולן ווינט, דאס שיפל ווייט און אין דער ריכטונג צו אונז. כ׳האב געפילט, אז דער סקונער ווערט פלוצלונג לייכטער, א צייטווייליק אפשוואכונג פון דרוק, און אײנצייטיק מיט א שנעלער מארגרעסערונג פון לויף. דער סקונער איז געלאפן גלייך אויפן ווינט.

ווען ער איז אריינגעקומען אין די רעכטע ווינקלען פון ים, האט די גאנצע קראפט פון ווינט, פון וועלכן מיר זענען ביז אהער אנטלאפן, אונז געכאפט.

צום אומגליק און נישט ווייסנדיק, בין איך געשטאנען מיטן פנים צום ווינט. ער איז געשטאנען פאר מיר ווי א מויער, אנפילנדיק מיינע לונגען מיט לופט, וועלכע כ׳ד׳האב נישט געקענט ארויסיאגן פון זיך.

און בעת כ׳האב מיך געווארגן און געדושעט און בעת דאס געשפענסט האט זיך איבערגעבויגן א ווייל אין דער ברייט, און זיך וויגנדיק גלייך איבער און ווייטער אין ווינט, האב איך דערזען ווי א ריזיקע כוואליע הייבט זיך איבער מיין קאפ. כ׳בין אפגעטרעטן אן א זייט, געכאפט דעם אטעם און ווידער זיך גענומען קוקן.

די כוואליע האט פארפלייצט דאס געשפענסט און איך האב פארריסן דעם קאפ, כדי צו קענען קוקן. א פאסמע

וון-ליכט האָט באַלויכטן דעם אויבערשטן שיפטייל און איך האָב דערזען אַדורכזיכטיקע, לויפנדיקע, גרינע מאַסע, באַגאָסן מיט אַ מילכיקער שוים.

דאַן האָט עס זיך אָראָפּגעלאָזט, דער גיהינום האָט זיך צעפלאַקערט.

איך האָב באַקומען אַ פאַרניכטנדיקן, איבעראַשנדיקן קלאַפּ, אין קיין שום אבר נישט און דאָך אין אַלע אברים. כ'האָב פאַרלוירן מיין שטיץ-פונקט און כ'האָב מיך געפונען אונטערן וואַסער, און אין מיין מוח האָט געעגבערט דער געדאַנק, אַז דאָס איז עס דאָס שרעקלעכע וועגן וועלכער כ'האָב געהערט: פאַרגאָסן ווערן דורך אַ כוואַליע.

מיין קערפּער האָט זיך אָנגעשלאָגן, געוואָרפן געוואָרן און איבערגעדרייט געוואָרן, און ווען כ'האָב שוין נישט געהאַט קיין כוח צו אָטעמען, האָב איך אַריינגעאָטעמט אין מיינע לונגען דאָס בייסנדיקע געזאַלצענע וואַסער. אָבער טראָץ דעם אַלעם האָב איך מיך געקלאַמערט אָן איין געדאַנק — כ'מוז איבעררוקן די דרייקאַנטיקע זעגל צו דער ווינט-ריכטונג. כ'האָב נישט קיין מורא געהאַט פאַרן טויט. כ'האָב נישט געצווייפלט, אַז כ'וועל ווי-עס-איז אויסהאַלטן. אין מיין פאַרטונקלטן באַוווסטזיין האָב איך געדענקט וואָלף לאַרסענס באַפעל, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ סטימול, און געדאַנקלעך האָב איך אים געזען, ווי ער שטייט ביים ראָד אין סאַמע מיטן פון ווילדן שטורעם, אָנשטרענגנדיק זיין ווילן קעגן ווילן פון שטורעם און טראָגנדיק אים.

כ'האָב מיך געוואַלטיק אַ וואָרף געטון צו דעם, וואָס איך האָב אָנגענומען פאַר אַ פאָרענטש, כ'האָב אָפּגעאָטעמט, און כ'האָב ווידער איינגעזויגן די פרישע לופט.

כ'האָב געפרווט זיך אויפהייבן, כ'האָב מיר אָבער צעקלאַפּט דעם קאָפּ און אַנידערגעפאַלן אויף אַלע פיר. דורך אַ קאַפּריז פון וואַסער בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן אונטער דעם פאָדערשטן דעק.

אַרויסקריכנדיק פון דאָרט אויף אַלע פיר, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף סאָמאַס מאַגרידזשן, וועלכער איז געלעגן איינגעקאָרטשעט און געקרעכצט. ס׳איז נישט געווען קיין צייט צו פרעגן זיך. כ׳האָב געמוזט איבעררוקן די דרייקאַנטיקע זעגל.

אַרויפקומענדיק אויפן דעק, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז דעם סוף. פון אַלע זייטן האָט זיך געלאָזט הערן דאָס רייסן און סקריפּען פון האָלץ, שטאָל און די קאַנוועס. ד אָ ס ג ע ש פּ ע נ ס ט האָט געפּלאַצט און איז צוריסן געוואָרן אויף פּיצלעך.

די פֿאָדערשטע זעגל און די פֿאָדערשטע-העכסטע זעגל, בלייבנדיק צוליב אַ מאַנעווער אָן ווינט, און אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל זיי איינוויקלען, זענען זיך מיט אַ דונערדיקן גערויש צעפּאַלן אויף שטיקער, און די שווערע באַלקנס האָבן זיך געוואָרפן און געקלאַפּט פון פּאָרענטש צו פּאָרענטש.

די לופט איז פול געווען מיט פליענדיקע שטיקער, אָפּגעריסענע שטריק און ליניעס האָבן געפּייפט און זיך געקנוילט ווי שלאַנגען און אין דעמדאָזיקן כאַאָס איז מיט אַ זעץ אַראָפּגעפאַלן דער דראָנג פון פֿאָדערשטן זעגל.

דער דראָנג איז געפאַלן אַ פּאָר איילן פון מיר און דאָס האָט מיך אויפגעוועקט צו מעשים. אפשר איז גאָרנישט די לאַגע אַזוי האָפענונגסלאָז. כ׳האָב מיר דערמאָנט אָן וואָלף לאַרסענס התראה. ער האָט זיך גערעכט, אַז אַלע טייוואָלים וועלן זיך צעלאָזן, און אָט איז עס געשען. און ווו איז ער? איך האָב אים דערזען, ווי ער האָרעוועט ביי די הויפּט-ליילעכער, הייבט זיי אויף, גלייכט זיי אויס מיט זיינע מעכטיקע מוסקולן. דער אונטערשטער שיפּטייל האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אין דער לופטן, און זיין קערפּער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ ווייסער פאַרביילויפנדיקער כוואַליע. דאָס אַלץ — אַ גאַנצע וועלט פון כאַאָס און צעבראָכענע שטיקער — האָב איך געזען גע-

הערט און באַנומען אין נישט קיין גאַנצע פופצן סעקונדעס.

כ׳האָב מיך נישט געשטעלט קוקן וואָס עס איז געוואָרן מיטן קליינעם שיפל, נאָר זיך געלאָזט לויפן צו די דרייקאַנטיקע זעגל.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו רייסן, און ס׳האָט זיך געהערט שאַרפע קנאַלן, ווען זיי האָבן זיך אָנגעפילט אָדער אויסגעליידיקט געוואָרן פון ווינט; אָבער אויסדרייענדיק די פלאַכטע און אָנווענדנדיק מיין גאַנצע קראַפט, האָב איך זיי אונטערגעהאַלטן.

איינס האָב איך געוואוסט: איך האָב געטון ווי ס׳דאַרף צו זיין. כ׳האָב אַזוי לאַנג געשלעפט, ביז כ׳האָב מיר דורכגעלעכערט אַלע מיינע פינגער; און בשעת כ׳האָב געשלעפט, זענען די דרייקאַנטיקע זעגלען און די זעגלשטריק צעריסן געוואָרן און ס׳איז פון זיי גאָרנישט געבליבן.

כ׳האָב געהאַלטן אין איין שלעפן, פעסט צוהאַלטנדיק ביז דאָס צווייטע מאָל האָט מיר געגעבן אַ גרעסערן אָנהאַלטונגס-פונקט. דאַן האָט זיך די פלאַכטע זייער לייכט אונטערגעגעבן און וואָלף לאַרסען איז געשטאַנען לעבן מיר, געהויבן די פלאַכטע און איך האָב צוגעהאָלפן אונטערהאַלטן די אַראָפּהענגנדיקע שטיקער.

„בינדט פעסט צו!" האָט ער געשריגן. „און גייט אַוועק!"

נאָכגייענדיק נאָך אים, האָב איך באַמערקט, אַז נישט קוקנדיק אויף די צעבראָכענע שטיקער און פאַרניכטונג האָט זיך באַקומען אַ שטיקל אָרדנונג.

דאָס געשפענסט איז געגאַנגען אויף צוריק. טראָץ דעם האָט זי געאַרבעט און געגאַנגען פאָרויס.

הגם זי האָט פאַרלוירן די רעשט זעגלען, און די דרייקאַנטיקע זעגלען זענען אָנגעשטעלט צו דער ווינט-ריכטונג, און די הויפּט-זעגל, שטאַרק אויפגעבלאָזן, האָבן זיי זיך געהאַלטן און געהאַלטן דעם שפּיץ פון דער שיף קעגן דעם צעבושעווען ים.

בעת וואָלף לאַרסען האָט געבּרענגט אין אָרדנונג די שיפּ־אויסשטאַטונג, האָב איך געזוכט דאָס שיפל און עס דערזען לינקס אויף אַ גרויסער כוואַליע, נישט איבּעריק ווייט פון אונז.

און וואָלף לאַרסען האָט אַזוי גענוי אויסגערעכנט, אַז מיר זענען באַלד צוגעקומען צום שיפל, אַזוי אַז ס'איז מער נישט געווען וואָס צו טון, נאָר צוצובינדן עס מיט פּאָקעס פון ביידע זייטן און עס אַרויפנעמען אויפן דעק.

אָבער דאָס טוט זיך נישט אַזוי גרינג, ווי עס שרייבט זיך.

אין שפּיץ פון שיף איז געזעסן קערפּוט, אופּטי־אופּטי אין עק, און קעלי אינמיטן. צוקומענדיק נעענטער צום שיפל, האָט עס זיך אויפגעהויבן אויף אַ כוואַליע, אַזוי אַז מיר זענען געבליבן אונטן, און גלייך איבּער מיר האָב איך געזען די קעפּ פון די דריי מענטשן, וואָס האָבן זיך איבּערגעבויגן איבער דעם אָנלען און אַראָפּגעקוקט אויף מיר. דאַן האָט עס אונז געגעבן אַ הויב אין דער הויך, בעת זיי זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אונטן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך, אַז ביים צווייטן מאָל זאָל דאָס געשפּענסט נישט צעשמעטערט ווערן ווי אַ שאָל פון אַן איי.

אָבער אין דעם פּאַסיקן מאָמענט האָב איך דערלאַנגט קאַנאַקן דעם קאַנאַט, און וואָלף לאַרסען האָט דאָסזעלבע געטון מיט קערפּוטן.

ביידע קאַנאַטן זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין איין אויגנבליק, און די דריי מענטשן, קונציק אויסמיידנדיק די כוואַליעס, זענען גלייכצייטיק אַרויפגעשפּרונגען אויפן דעק פון סקונער. ווען דאָס געשפּענסט האָט זיך אויפגעהויבן פון וואַסער אַפיר, האָט זיך דאָס שיפל אויך אויפגעהויבן, און איידער די שיף האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן, האָבן מיר עס געגעבן אַ

שלעפּ אַרויף און מיט אַן איבערגעדרייטן דנאָ עס אַרויסגעלייגט אויפן דעק.

כ׳האָב געזען ווי ס׳בלוט גיסט זיך פון קערפּוטס לינקער האַנט.

אויף אַן אומבאַקאַנטן אופן איז אים דער מיטעלער פינגער צעריבן געוואָרן ווי אַ פּאַפּקע, אָבער ער האָט נישט ארויסגעוויזן קיין צייכן פון ווייטאַק און מיט דער אייניציקער רעכטער האַנט האָט ער אונז צוגעהאָלפן צוצובינדן דאָס שיפל.

„העלפט-צו אַראָפּשלעפּן די דריי-קאַנטיקע זעגל״! האָט וואָלף לאַרסען געקאָמאַנדעוועט, אין דערזעלבער מינוט, ווען מיר האָבן פאַרענדיקט מיטן שיפל. „קעלי, גייט אַרויף און מאַכט לויז די הויפּט-ליילעכער! איר, קערפּוט, גייט און זעט, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט קוקי! מר. וואַן ווײַדן, קלעטערט אַרויף אינדערהויך און שניידט אָפּ דעם וועג די בלאָנדזשנדיקע שיפלעך״!

געבנדיק דידאָזיקע באַפעלן, איז ער מיט זיינע אייגנאַרטיקע טיגרישע, שפּרינגנדיקע טריט אַרויף צום ראָד. בעת איך האָב מיך מיט גרויס מי אַרויפבאַקומען אויף די פאָדערשטע זעגלען, האָט זיך דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט פאַמעלעך געלייגט אונטערן וואַסער.

אָבער איצט, בעת מיר זענען אַראָפּ אונטערן וואַסער און אונטערגעשווענקט געוואָרן, איז שוין נישט געווען קיין זעגל אַוועקצושליידערן. און כ׳בין געלעגן האַלב-וועגס אויף די מאַסטן און אויסגעצויגן אויף די ליינעס, מיטן גאַנצן כוח פון ווינט צוגעפעסטיקט, אַזוי אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען כ׳זאָל אַראָפּפאַלן.

דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט האָט זיך וואָסאַמאָל מער געלייגט אויפן וואַסער, און די מאַסטן האָבן זיך שוין אויסגעגלייכט מיטן וואַסער. ווילנדיק קוקן אויפן געשפענסט, האָב איך נישט געקוקט אַראָפּ, נאָר אין אַ גלייכער ליניע, אין דער זעגל-ריכטונג, און איך האָב געזען נישט דעם דעק, נאָר דאָס אָרט, ווו דער דעק

האָט געדאָרפֿן זײַן, װײַל ער איז געװען באַגראָבן אונטער אַ װילדן כאַאָס פֿון װאַסער.

כ'האָב געזען װי פֿון אונטערן װאַסער אַפֿיר שטאַרצן אַרױס צװײ מאַסטן, און דאָס איז עס געװען אינגאַנצן. דאָס געשפּענסט איז צײַטװײַליק געלעגן אונטערן װאַסער.

אַזױ װי דער דרוק פֿון װאַסער איז שװאַך געװאָרן, האָט זיך דאָס געשפּענסט אױסגעגלײַכט, צעבראָכנדיק דערבײַ איר דעק, פּונקט װי אַ װאַלפֿיש ברעכט מיט זײַן רוקן די כװאַליעס.

דאַן זענען מיר געלאָפֿן אין אײן אימפּעט איבער דעם װילדן ים, און אין דער צײַט בין איך געהאָנגען װי אַ פֿליג אױף די מאַסטן און געזוכט די אַנדערע שיפֿלעך. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָב איך דערזען דאָס צװײטע שיפֿל אין אַ נעבעלדיקן צושטאַנד, אַרױף מיטן דנאָ, אָן װעלכן עס האָבן זיך פֿאַרצװײפֿלט געקלאַמערט דזשאָק האָרנער, דער פּעטער לואיס און דזשאָנסאָן.

דאָסמאָל בין איך געבליבן אינדערהױך, און װאָלף לאַרסענען האָט אָפּגעגליקט צוצוקומען צו זײ, נישט װערנדיק פֿאַרפּלײצט. אַזױ װי פֿריער, האָבן מיר זיך צוגעקאָלערט צום שיפֿל.

די האָקעס זענען שנעל געמאַכט געװאָרן און די שטריק זענען געװאָרפֿן געװאָרן צו די מענטשן, װאָס זענען אַרױפֿגעקראָכן אױפֿן דעק פּונקט װי מאַלפּעס.

דאָס שיפֿל גופֿא איז בעתן אַרױפֿקומען צעשמעטערט און צעבראָכן געװאָרן אָן דעם סקונערס זײַטן; אָבער די צעבראָכענע טײלן זענען באַלד צוגעבונדן געװאָרן, װײַל מ'האָט זײ געקענט פֿאַרריכטן.

װידעראַמאָל איז דאָס געשפּענסט פֿאַרכאַפּט געװאָרן פֿון שטורעם, דאָס מאָל אַזױ, אַז עס האָט זיך אונטערגעטונקען אין משך פֿון אַ פּאָר סעקונדעס און איך האָב געמײנט, אַז עס װעט שױן מער נישט קאַפּױער קומען.

אַפילו דאָס ראָד, וואָס איז אַ סך העכער ווי דער צווישנשיפּטייל, איז געווען באַדעקט און ווידעראַמאָל און אָבער אַמאָל פאַרזונקען אונטערן וואַסער.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָב איך מיך מאָדנע געפילט אַליין מיט גאָט, אַליין מיט אים און זיך צוגעקוקט צום כאַאָס פון זיין צאָרן.

און דאַן איז דאָס ראָד קאַפּויער געקומען, און וואָלף לאַרסענס ברייטע אַקסלען און זיינע הענט האָבן פעסט אָנגענומען די שפּריכעס און געפירט דעם סקונער לויט דער ריכטונג פון זיין ווילן, ער אַליין אן ערדישער גאָט, וואָס באַצווינגט דעם שטורעם, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די אַרויפשפּרינגנדיקע כוואַליעס און פירנדיק דעם שטורעם צו זיינע אייגענע צילן. און אָ! די גרויסע נסים! די גרויסע נסים! יענער קליינער מענטש דאַרף לעבן, אָטעמען און אַרבעטן, און קערעווען מיט אַזאַ שוואַכן מעכאַניזם פון האַלץ און לייוונט דורך אַזאַ שרעקלעכן נאַטור-קאַמף!

אַזוי ווי פריער האָט זיך דאָס געשפּענסט אַרויסגעריסן פונם ים, אויפהויבנדיק איר דעק פון וואַסער אַפער און געלאָפן פאַרויס פאַרן וואָיענדיקן ווינט.

ס'איז איצט געווען האַלב-זעקס, און אין אַ האַלבע שעה שפּעטער, ווען די לעצטע מינוטן פון טאָג זענען אונטערגעגאַנגען אין אַ טונקעלן און ווילדן בין-השמשות, האָב איך געזען אַ דריט שיפל.

עס איז געווען מיטן דנאָ אַרויף, און מ'האָט נישט געזען קיין צייכן פון איר מאַנשאַפט.

וואָלף לאַרסען האָט איבערגעחזרט זיין מאַנעוור, אַרויס פון ווינט, און צוגעקייקלט זיך צום שיפל, אָבער דאָס מאָל האָט ער נישט געטראָפן מיט פערציק פיס, און דאָס שיפל איז אַוועק.

„שיפל נומער פיר"! האָט געשריגן אופטי-אופטי, וועמענס שאַרפע אויגן האָבן איבערגעלייענט דעם נומער אין דער-

יעלבער מינוט, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן פון שוים אַרויס, און מיטן שפּיץ אַראָפּ.

דאָס איז געווען הענדערסאָנס שיפל און מיט אים זענען אַוועקגעקומען האַליאוק און וויליאַמס, איינער פון די מאַטראָזן, וואָס פאָרן לאַנגע שטרעקעס.

זיי זענען בלי-ספק פארלוירן געוואָרן; אָבער דאָס שיפל איז געבליבן, און וואָלף לאַרסען האָט געמאַכט נאָך איין אומבארעכנטן פרווו עס צו דערגרייכן.

איך בין אַרויפגעקומען אויפן דעק און געזען, ווי האָרנער און קערפוט האָבן אומזיסט פראָטעסטירט קעגן דעמדאָזיקן פרווו.

„כ'שווער ביי גאָט, איך וועל מיר נישט לאָזן צונעמען מיין שיפל פון וועלכן-נישט-איז שטורעם, וואָס ווייעט אַרויס פון גיהנום"! האָט ער געשריגן, און הגם מיר פיר זענען געשטאַנען מיט די קעפּ גלייך, כּדי מיר זאָלן הערן, האָט זיין שטימע אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען שוואַך און פון ווייטנס, גלייך ווי זי וואָלט געקומען פון אַ וויטן מהלך.

„מר. וואַן ווידן"! האָט ער געשריגן, און איך האָב געהערט זיינע ווערטער אינם גערויש, ווי מ'הערט אַ שאָרך. „שטייט לעבן יענעם דרייעקיקן זעגל מיט דזשאָנסאָנען און אופּטין! די איבעריקע זאָלן אַרויפגיין צו די הויפּט-ליילעכער, איצט לעבעדיק! אַנישט, שיק איך אייך אַלע אָפּ אין צוקונפטיקן קינינגרייך אַריין! פאַרשטאַנען"?

און ווען ער האָט איבערגעדרייט דאָס ראָד און דעם נ ע ש פ ע נ ס ט ס דזשאָב האָט זיך אַ וואָרף געטון, איז גאָרנישט נעבליבן פאַר די יעגער, נאָר צו האָרכן און טון וואָס זיי קענען בעת אַזאַ ריזיקאַלישער סיטואַציע.

ווי גרויס ס'איז געווען די ריזיקע, האָב איך באַגריפן ערשט דאַן, ווען כ'בין ווידעראַמאָל געווען באַדעקט אונטער די שטורמישע כוואַליעס און זיך געראַטעוועט דאָס לעבן, צוהאַלטנ-

דיק זיך ביים פּאָרענטש, ביים עק פון די פּאָדערשטע מאַסטן.

מיינע פינגער זענען געווען צעריסן, און ס'האָט מיך גע-וואָרפן היין און צוריק.

איך האָב נישט געקענט שווימען, אָבער איידער כ'האָב אָנגעהויבן צו זינקען, בין איך ווידער געשליידערט גע-וואָרן.

א שטאַרקע האַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט, און ווען דאָס געשפּענסט איז ענדלעך קאַפּויער געקומען, האָב איך געזען, אַז כ'האָב צו פאַרדאַנקען דזשאָנסאָנען מיין לעבן.

כ'האָב געזען ווי ער קוקט מיט מורא אַרום זיך, און באַמערקט, אַז קעלי, וואָס איז אָנגעקומען אין דער לעצטער מינוט, איז נעלם געוואָרן.

דאָס מאָל, נישט דעריאָגנדיק דאָס שיפל, און נישט גע-פינענדיק זיך אין דערזעלבער פּאָזיציע ווי אין די פריערדיקע ביישפּילן, איז וואָלף לאַרסען געצווונגען געווען צו באַנוצן זיך מיט אַן אַנדערן מאַנעוור: אַוועקלויפן פונם ווינט רעכטס, און צוריקקומען פון דער צווייטער זייט.

„פּרעכטיק"! האָט דזשאָנסאָן אַריינגעשריגן אין מיין אויער, בעת ס'איז אונז געלונגען אַדורכצורייסן זיך דורכן מבול. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס מיינט ער נישט וואָלף לאַרסענס אָנפי-רונגס-פעיִקייט, נאָר דעם אויפטו פון דעם געשפּענסט.

ס'איז געווען אַזוי פינצטער, אַז מ'האָט נישט געזען קיין צייכן פון אַ שיפל; אָבער וואָלף לאַרסען האָט זיך געהאַלטן אין דעמדאָזיקן שרעקלעכן שטורם, ווי געפירט פון נישט אָפּ-נאַרגדיקן אינסטינקט.

דאָסמאָל, הגם מיר זענען יעדע מינוט געווען האַלב-פאַר-גאָסן פון וואַסער, איז אָבער נישט געווען קיין גרוב, אין וועלכן מ'זאָל קענען אונטערגעטונקט ווערן, און מיר זענען גלייך צו-געשווימען צום איבערגעקערטן שיפל און עס שטאַרק צעקלאַפּט, בעתן אַרויפנעמען עס אויפן דעק.

ס'האָט גענומען צוויי שעה פֿון שווערער אַרבעט, אין משך פֿון וועלכע די גאַנצע מאַנשאַפֿט אונזערע — צוויי יעגער, דריי מאַטראָזן, וואָלף לאַרסען און איך — האָבן אַרויפֿגעזעצט די זעגל, צוערשט איינעם און נאָכדעם דעם אַנדערן, די דרייקאַנטיקע זעגל און די הויפּט-זעגל, בעת דאָס געשפּענסט האָט זיך געטונקט אין אָפּגרונט און געשפּרונגען אינדערהויך ווי אַ קאָרק. הגם די זעגל זענען פֿאַרקלענערט געוואָרן, זענען די דעקן געווען פֿאַרהעלטנישמעסיק פֿריי פֿון וואַסער.

אין סאַמע אָנהויב פֿון דאָזיקן שטורם האָב איך מיר צעבלוטיקט די פֿינגער, און בעתן אַרויפֿזעצן די זעגל האָב איך געאַרבעט און די טרערן זענען אַראָפּגערונען פֿון מײַנע באַקן.

און ווען אַלץ איז שוין געווען אין אָרדנונג, בין איך צוזאַמענגעבראָכן ווי אַ פֿרוי און אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן דעק און שיער געחלשט פֿאַר דערשעפּונג.

אין דערזעלבער צײַט האָט מען אַפּערגעשלעפּט טאָמאַס מאַגרידזשן, פּונקט ווי אַ דערטרונקענע שטשורע, פֿון אונטערן אויבערשטן דעק, ווו ער האָט זיך פּחדנותדיק באַהאַלטן. איך האָב געזען ווי מ'שלעפּט אים אַרויף אויבן אין קאַבינע אַרײַן, און מיט שטוינונג האָב איך געזען, אַז די קיך איז נעלם געוואָרן. אויף איר אָרט האָט זיך בלויז געזען אַ שטיק דעק.

אין דער קאַבינע איז געווען פֿאַרזאַמלט די גאַנצע מאַנשאַפֿט, נישט אויסשליסנדיק די מאַטראָזן, און בעת די קאַווע האָט זיך געקאָכט אויפֿן קליינעם אויוועלע, האָבן מיר געטרונקען וויסקי, פֿאַרבײַסנדיק מיט האַרטע סוכאַרעס.

קיינמאָל אין מײַן לעבן האָב איך נישט געפֿילט אַזאַ געשמאַקן טעם אין אַן עסן, און קיינמאָל האָט מיר נישט אַזוי געשמעקט קאַווע.

דאָס געשפּענסט האָט זיך אַזוי געוואָרפֿן, געשליידערט און געטוקעט, אַז אַפֿילו די מאַטראָזן האָבן זיך נישט געקענט אַ ריר

געבן, נישט צוהאַלטנדיק זיך אָן עפּעס, און עטלעכע מאָל, נאָכן געשריי „פּאַרזיכטיק, חברה״! האָט עס אונז אַרויפגעוואָרפן אויף דער וואַנט פון דער קאַבינע, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען דער דעק.

„צום טייוול מיט דער וואָך״, האָט וואָלף לאַרסען אויסגעשריגן, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען. „ס׳איז גאָרנישט דאָ וואָס צו טון אויפן דעק. אויב ס׳דאַרף אונז עפּעס אַרויפפאַלן, וואָלטן מיר סיי־ווי גאָרנישט געקענט עפּעס אויפטון. אַריין אינעווייניק און לייגט זיך צו אַ ביסל שלאָפן״.

פאַרפעסטנדיק צוערשט די ים־לאָמפּן, זענען די מאַטראָזן אַוועק אויפן אויבערדעק, און צוויי יעגער זענען געבליבן שלאָפן אין דער קאַבינע, ווייל ס׳איז געווען געפערלעך צו עפענען דעם איינגאַנגס־לאָך צום רודער־שטיבל.

וואָלף לאַרסען און איך, נעמענדיק צווישן זיך קערפּוטן, האָבן מיר אָפּגעשניטן דעם צעריסענעם פינגער און פאַרנייט אים.

מאַגרידזש, וואָס האָט די גאַנצע צייט געמוזט קאָכן, דערלאַנגען קאַווע און אָכטונג טון אויפן פייער, האָט זיך באַקלאָגט אויף שרעקלעכע שמערצן, און איצט געשוווירן, אַז ער האָט צעבראָכן איין ריפּ אָדער צוויי.

אונטערזוכנדיק אים, האָבן מיר איינגעפונען, אַז ער האָט גאָר דריי צובראָכענע ריפּן, אָבער דאָס פאַרנעמען זיך דערמיט האָבן מיר אָפּגעלייגט אויף צומאָרגנס, הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין גענוג וועגן צעבראָכענע ריפּן, און כ׳האָב פריער געדאַרפט לייענען וועגן דעם.

„כ׳מיין, אַז ס׳האָט גאָרנישט געלוינט אַ צעבראָכן שיפל מיטן פּרייז פון קעלי׳ס לעבן״, האָב איך געזאָגט צו וואָלף לאַרסען.

„אָבער קעלי קומט סיי־ווי נישט אין חשבון אַריין״, האָט ער געענטפערט. „אַ גוטע נאַכט״.

נאָך דעם אַלעם, וואָס איז דאָ געשען, ליידנדיק שרעק־לעכע יסורים אין מיינע פינגער, דאָס פאַרלירן דריי שיפלעך, שוין אָפּגערעדט פון די ווילדע טעג פונם געשפּענסט, האָב איך געמיינט, אַז כ׳וועל נישט קענען איינשלאָפן. אָבער אין זעלבן מאָמענט, ווען כ׳האָב אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, האָבן מיר זיך די אויגן צוגעמאַכט, און איך בין אַדורכ־געשלאָפן די נאַכט ווי אַ געהרגעטער, און דאָס געשפּענסט, אַליין און נישט געפירט פון קיינעם, האָט זיך אויסגעקעמפט אַ וועג אינם שטורם.

## קאַפּיטל אַכצן

צומאָרגנס איז דער שטורם שוואַכער געוואָרן און איך און וואָלף לאַרסען, אָנשטאָפּנדיק זיך מיט ידיעות פון אַנאַטאָמיע און כירורגיע, האָבן מיר אַריינגעזעצט מאַגרידזשס ריפּ. שפּעטער, ווען ס׳איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן, איז וואָלף לאַרסען געפאָרן הין און צוריק איבער יענעם טייל פונם אָקעאַן, ווו מיר האָבן באַגעגנט דעם שטורם, אַ ביסל ווייטער צו מערב־צו, בעת מען האָט פאַרראָכטן די שיפלעך און מ׳האָט אַרויפגעזעצט בייע זעגלען.

מיר האָבן געזען סקונערס, וועלכע האָבן מערסטנטיילס געזוכט זייערע פאַרלוירענע שיפלעך, און כמעט אַלע האָבן גע־פירט מיט זיך די שיפלעך און די מאַנשאַפט, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג און וועלכע זענען גאָרנישט געווען זייערע.

די מאַסע פון דעם פלאָט איז געווען צו מערב פון אונז און די שיפלעך, צעזייעט און צעשפּרייט איבערן ריזיקן שטח, זענען געפלויגן ווי משוגעים, זוכנדיק אַ נאָענט באַהעלטעניש.

צוויי פון אונזערע שיפלעך, מיט זייער מאַנשאַפט, פריש און געזונט, האָבן מיר אַראָפּגענומען פונם סיסקאָ, און צו וואָלף לאַרסענס גרויסער פרייד און צו מיין עגמת־נפש האָט ער פון סאַן־דיעגאָ אַראָפּגעשלעפּט „רויכן" מיט נילסאָנען און ליטשן.

און אַזוי אַרום, נאָך פינף טעג, האָבן ביי אונז געפעלט נאָך פיר מענטשן — הענדערסאָן, האָליאָוק, וויליאַמס און קעלי. און מיר האָבן ווידער געמאַכט אַ געיעג אויף די פלאַנקן פון דער פּאָקע־סטאַדע

נאָכגייענדיק איר צו צפון־צו, האָבן מיר אָנגעטראָפן די שרעקלעכע ים־נעפּלען.

יעדן טאָג האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט די שיפלעך און זיי זענען נעלם געוואָרן פון אונזער בליק, נאָך פריער איידער זיי האָבן אָנגערירט דאָס וואַסער. און מיר, אויפן דעק, האָבן געבלאָזן פון טרומייטערס אין געוויסע צייט־אָפּשניטן און יעדע פופצן מינוט האָבן מיר געשאָסן פון אַ באָמבנוואַרפער. שיפלעך זענען דאָ פאַרלוירן געוואָרן, דאָ אָפּגעפונען געוואָרן, און ס׳איז געוואָרן ביי זיי אַ מנהג צו גיין אויף געיעג מיט יעדן סקונער, וואָס זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפן, אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט מיט זייער אייגענעם סקונער. אָבער ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, האָט וואָלף לאַרסען, ווען ס׳האָט געפעלט אַ שיפל, צוגענומען דאָס ערשטע בעסטע פאַרבלאָנדזשעטע שיפל און געצוווּנגען דער מאַנשאַפט צו גיין אויף געיעג מיטן געשפענסט, נישט דערלויבנדיק עס צוריקצוקערן צו זיין אייגענעם סקונער, ווען עס האָט אים דערזען.

כ׳געדענק ווי אַזוי ער האָט, צושטעלנדיק אַ ביקס צו זייער ברוסט, געצוווּנגען דעם יעגער און זיינע צוויי מענטשן צו שווייגן, בעת זייער קאַפּיטאַן איז אַדורכגעפאָרן און אונז אָנגעפרעגט וועגן אינפאָרמאַציעס.

טאָמאַס מאַגרידזש, וואָס האָט אַזוי מאָדנע און עקשנות־דיק זיך געקלאַמערט אָן לעבן, האָט זיך ווידער געפּלאָנטערט

אויפן שיף און אויסגעפירט זיינע טאָפּלטע פליכטן אַלס קוכער און קאַיוטע־משרת.

דזשאָנסאָן און ליטש זענען, ווי שטענדיק, אָנגעגריפן און געשלאָגן געוואָרן פון וואָלף לאַרסענען, און זיי האָבן זיך גע־ריכט, אַז זייער לעבן וועט זיך ענדיקן צוזאַמען מיטן סוף פון געיעג־סעזאָן; און די איבעריקע מאַנשאַפט האָט געפּ־רט אַ הינ־טיש לעבן און ווי הינט געיאָגט געוואָרן פון זייער אומברחמנות־דיקן באַלעבאָס צו דער היגטישער אַרבעט.

וואָס שייך וואָלף לאַרסענען און מיר, זעמיר ביידע געווען אין גוטע באַציִונגען, הגם כ'האָב מיך נישט געקענט אָפּ־ששעפּן פונם געדאַנק, אַז מיין מאָראַלישע פליכט באַשטייט אין דערהרגענען אים.

ער האָט מיך געוואַלדיק פאַרכישופט, און כ'האָב פאַר אים זייער מורא געהאַט. און דאָך האָב איך מיר נישט געקענט פאַר־שטעלן, אַז ער ליגט אַ טויטער.

ער איז ווי געווען איינגעהילט אין דער אייביקער יוגנט, וואָס האָט נישט דערלאָזט אַזאַ פאָרשטעלונג.

כ'האָב אים געקענט פאָרשטעלן נאָר אַלס אַ לעבעדיקן, שטענדיק אַ קאָמאַנדירנדיקער, אַ קעמפנדיקער און פאַרגיכטנ־דיקער, וואָס לעבט זיך אַליין איבער.

בעת מיר זענען געווען אין סאַמע מיטן פון דער סטאַדע און דער ים איז געווען צו־שטורמיש, אַז מען זאָל אַראָפּלאָזן די שיפלעך, האָט ער געהאַט אַ באַזונדער פאַרגעניגן אַראָפּצו־לאָזן זיך אין אַ שיפל מיט צוויי וויעסלעס און אַ רו־דערער.

ער איז געווען אַ גוטער שיסער, און ער איז צוריקגע־קומען פון געיעג מיט אַ שפּאַר ביסל פעלעכלעך, און די יעגער האָבן דערציילט גוזמאות וועגן זיינע אויסטערלישע טרעפענישן אויפן געיעג.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער אָטעמט מיט דעם ריזיקירן

מיטן לעבן און מיטן קאַמף קעגן די שרעקלעכע כּוחות.

איך האָב וואָסאמאָל מער זיך פאַרפּולקאָמט אין דער שפּעריי־קונסט; און אין איין שיינעם טאָג — אַ זעלטענע זאַך אין דער איצטיקער צייט — האָב איך געהאַט די סאַטיספאַקציע אַליין אָנצופירן מיטן ג ע ש פּ ע נ ס ט און אַרויפנעמען די שיפלעך.

וואָלף לאַרסען האָט געליטן אויף אַן אַטאַק פון קאָפּווייטאָק, און איך בין געשטאַנען ביים ראָד פון אינדערפרי ביז אויף דער נאַכט, שווימענדיק לענג־אויס דעם אָקעאַן, האַלטנדיק זיך לעבן דעם לעצטן שיפל, וואָס פון דער זייט פון ווינט, לאַווירנדיק און אַרויפנעמענדיק עס אָן באַפעל אָדער רמז פון זיין זייט.

פון צייט צו צייט זענען ווידער אָנגעקומען וויכערס, ווייל מיר האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער און שטורמישער געגנט. און אינמיטן יוני האָט זיך אויפגעהויבן אַ טייפון, וואָס איז מיר געבליבן אין זכּרון און וואָס האָט געהאַט אַ וויכטיקן באַטייט פאַר מיר, צוליב די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין מיין לעבן.

מיר זענען פאַרכאַפּט געוואָרן נאָענט פונם צענטער פון דאָזיקן לויפנדיקן שטורם. וואָלף לאַרסען איז אַנטלאָפן אין דער דרום־ריכטונג, צום ערשטן אונטער טאָפּעלע אַרויפגעזעצטע דרייקאַנטיקע זעגלען, און שפּעטער אונטער אַנטבלויזטע מאַסטן. איך האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס זענען מעגלעך אַזעלכע גרויסע כוואַליעס. די כוואַליעס, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעטראָפן, האָבן אויסגעזען ווי וואַסערפאַלדן אין פאַרגלייך מיט דידאָזיקע, וועלכע זענען געלאָפן אַ האַלבן מייל פון רוקן צו רוקן און זיך געוואָרפן איבער אונזערע מאַסטן. אַזוי גרויס זענען געווען דידאָזיקע כוואַליעס, אַז אפילו וואָלף לאַרסען האָט נישט געוואַגט צו לאַווירן, הגם ער איז פאַרטריבן געוואָרן העט־ווייט צו דרום צו, אַ שטיק וועגס פון דער פאַקעססטאַציע.

מיר האָבן אַוודאי זיך געפונען אינם שליאַך פון די טראַנס-פּאַציפישע דאַמפערס, ווען דער טייפון איז געוואָרן אַ ביסל מילדער, און דאָ, צו דער איבעררעשונג פון די יעגערס, האָבן מיר זיך געפונען אין מיטן פון די פּאָקעס— אַ צווייטע סטאַדע, אַ מין רוקן-וואַך, האָבן זיי דערקלערט, איז אַ העכסט-אומגעוויינלעכע זאַך. אַלזאָ, ווידער האָט מען געהערט די קאָ-מאַנדע „די שיפלעך”, דאָס טראַסקען פון די האַרמאַטן און אַ העסלעכע שחיטה אין משך פון אַ גאַנצן טאָג.

טאַקע דאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען ליטש. כ'האָב נאָר-וואָס געהאַט פאַרענדיקט דאָס אויסצײלן די פעלעכלעך פון לעצטן שיפל, ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, אין דער פינ-סטער, און געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

„קענט איר מיר נישט זאָגן, מר. וואַן ווײדן, ווי ווייט מיר זענען פונם ברעג, און וואָסער קורס דאַרף מען נעמען קיין יאָקאהאמא?”

מיין האַרץ האָט אויפגעציטערט פאַר צופרידנהייט, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער האָט אין זינען, און כ'האָב אים געזאָגט דעם קורס — מערב—צפון—מערב. פינף הונדערט מייל פון דאַנען.

„אַ דאַנק אייך, סיר”, האָט ער בלויז געזאָגט, אַוועק-שלייכנדיק זיך צוריק אין דער פינסטערניש אַריין.

צומאָרגנס האָט געפעלט דאָס שיפל נומער 3 מיט דזשאָנ-סאָנען און ליטשן.

ס'האָבן אויך געפעלט די פעסלעך מיטן זיסן וואַסער און דער פּראָוויאַנט פון די איבעריקע שיפלעך, ווי אויך דאָס בעט-געוואַנט און די ים-זעק פון די אַוועקגעקומענע צוויי מאַטראָזן.

וואָלף לאַרסען איז אַרומגעגאַנגען אַ צעווילדעוועטער.

ער האָט אַרויפגעזעצט די זעגל און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו מערב-צפון-מערב. צוויי יעגערס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי די הויפּט-מאַסטן און געגישטערט דעם ים מיט שפּאַקטיוון, און ער אַליין האָט געשפּרייזט הין און צוריק

אויפן דעק ווי א צעיושעטער לייב. ער האט גאנץ גוט געוווּסט, אַז איך סימפּאַטיזיר מיט די אַנטלאָפֿענע, און ער האָט מיך דעריבער נישט אַרויפֿגעשיקט אינדערהייך זיי באַכצושפּיאָנירן.

ס'האָט געבלאָזן אַ לייכטער, אָבער קאַפּריזנער ווינט, און ס'האָט אויסגעזען ווי מ'זוכט אַ נאָדל אין אַ סטויג היי — אַרויסצובאַקומען דאָס קליינטשיקע שיפֿל פֿון דעם ריזיקן בלאָען, גרעניצלאָזן שטח. אָבער וואָלף לאַרסען האָט געיאָגט דאָס געשפּענסט מיט דער גרעסטער שנעלקייט אַזוי, אַז ער זאָל זיך געפֿונען אינמיטן צווישן די דעזערטירן און דער יבשה. דערציילנדיק דאָס, האָט ער צוריקגעקרייזט איבער די וואַסערן, וועלכע, ווי ער האָט גוט געוווּסט, זיי קענען נישט אויסמיידן.

אין דריטן טאָג, אינדערפֿרי, נאָכן אַכטן קלונג, האָט זיך דערהערט דאָס קול פֿון „רויכן”, וועלכע איז געשטאַנען בײַם הויפּט-מאַסט, אַז ער זעט דאָס שיפֿל. די גאַנצע מאַנשאַפֿט האָט זיך אַ לאָז געטון צום פּאָרענטש. פֿון מערב האָט געבלאָזן אַ שניידנדיקער ווינט מיט אַ צוזאָג פֿון אַ נאָך-שטאַרקערן ווינט, און דאָרט, אין דער זייט פֿון ווינט, אין דעם מוטנעם זילבער פֿין דער אויפֿגייענדיקער זון, האָט זיך באַוויזן און נעלם געוואָרן אַ שוואַרצער פֿלעק.

מיר האָבן אים איבערגעשניטן דעם וועג און זיך געלאָזט לויפֿן נאָך אים.

מײַן האַרץ איז געוואָרן שווער ווי בליי. בײַם געדאַנק, וואָס דאָ וועט געשען, האָב איך געפֿילט, אַז עס ווערט מיר נישט גוט. און בעת איך האָב געקוקט אויפֿן טריומפֿירנדיקן פֿייערל אין וואָלף לאַרסענס אויגן, איז זײַן געשטאַלט פֿאַר מיר געשטאַנען ווי אין אַ נעפּל. און איך האָב געשפּירט אין זיך אַ נישט אָפּשטויסנדיקן אימפּעט זיך צו וואַרפֿן אויף אים; די נערוון האָבן מיך אַזוי פֿאַרלאָזט בײַם געדאַנק וועגן דער נקמה, וואָס וואָלף לאַרסען וועט נעמען אין דזשאָנסאָנען און לישן, און כ'האָב געמיינט, אַז כ'גיי אַראָפּ פֿון זינען. איך

געדענק, אַז כ'האָב מיך אָוועקגעשלייכט אין דעם רודער-שטיבל אַריין ווי אַ צעמישטער, און כ'האָב אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אויפן דעק, מיט אָנגעלאָדענעם ביקס אין דער האַנט, ווען איך האָב געהערט דעם דערשטיקטן געשריי:

„פינף מענטשן זענען דאָ אין דאָזיקן שיפל!"

כ'האָב מיך ווי עס איז געהאַלטן אין מיטן וועגס, אַ שוואַכער און ציטערנדיקער, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, פון די באַמערקונגען פון די איבעריקע מאַטראָזן, אַז דאָס איז אמת. דאַן האָבן זיך מיינע קניען אונטערגעבראָכן, איך בין אַנידערגעפאַלן. איך בין באַלד געקומען צו זיך, אָבער צע-טרייסלט פון דעם באַוווסטזיין, וואָס איך האָב געזאָלט טון. איך בין געווען זייער דאַנקבאַר, וואָס איך קען אַוועקלייגן די ביקס און זיך צוריק אַרויסגעשלייכט אויפן דעק.

קיינער האָט נישט באַמערקט מיין אָפּוועזנהייט. דאָס שיפל איז געווען צו-נאָענט לעבן אונדז, און מיר האָבן דערזען, אַז עס איז גרעסער ווי אַ פּאַקע-שיפל און ס'איז גאָר אַנדערש געבויט.

צוקומענדיק נענטער, האָט מען דאָרט אַראָפּגענומען די זעגלען. מ'האָט אָנגעהויבן צו רודערן מיט די וויעסלעס און די, וואָס זענען געזעסן אינעווייניק האָבן געוואַרט, אַז מיר זאָלן זיך דערנענטערן און זיי אַריינעמען אויפן דעק.

„רויך", וואָס איז געגאַנגען אויפן דעק אַרויף און איז איצט געשטאַנען לעבן מיר, האָט אָנגעהויבן באַדייטונגספול צו כי-ביקן. כ'האָב אויף אים געקוקט פרעגעריש.

„רעדט פון אַ געבראָטנס!" האָט ער געחוזקט.

„וואָס איז?" האָב איך געפרעגט.

ער האָט זיך ווידער צעלאַכט.

„צי זעט איר נישט דאָרט, הינטער די זעגל? זאָל איך נישט דערלעבן צו דערשיסן אַ פּאַקע, אויב דאָס איז נישט אַ פרוי!"

כ'האָב מיך נענטער צוגעקוקט, אָבער כ'בין אַלץ נישט

געוועו זיכער, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו שרייען פון אַלע זייטן.

אין שיפֿל זענען געזעסן פיר מענער און די פינפטע פער־זאָן איז אויף זיכער געוועו אַ פרוי.

מיר אַלע זענען געוואָרן אויפגעהייטערט פון אויפרעגונג, אַלע, חוץ וואָלף לאַרסען, וועלכער איז צו־באַשיינפּערלעך גע־וועו אַנטוישט, ווייל דאָס איז נישט געוועו זיין אייגן שיפֿל מיט די צוויי קרבנות פון זיין שלעכטסקייט.

מיר האָבן אַראָפּגענומען די דרייקאַנטיקע זעגלען, גע־האַלטן די לייַלעכער צום ווינד צו און געפאָרן אַקעגן ווינט. די וויעסלעס האָבן אָנגעהויבן צו פּלוסקען אין וואַסער און נאָך אייניקע מאָל איז דאָס שיפֿל שוין געוועו ביים דעק.

איצט האָב איך ערשט דערזען די פרוי. זי איז געוועו איינגעהילט אין אַ לאַנגן מאַנטל, ווייל ס'איז געוועו אַ קילער פרימאָרגן.

כ'האָב גאָרנישט געזען, נאָר איר פּנים און לייכט־ברוינע האָר, וואָס האָבן אַפּער געקוקט פון מאַטראָזן־היטל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, שוואַרצע, בלישטשנדיקע, דאָס מויל שיין און ליידנשאַפטלעך, און דאָס פּנים איז געוועו דעליקאַט אָוואַל, הגם די זון און דער גע־זאַלצענער ווינט האָבן אָפּגעברענט איר פּנים אויף רויט.

זי האָט פאַר מיר אויסגעזען ווי אַ וועזן פון אַן אַנדערער וועלט.

כ'האָב געשפּירט, אַז כ'עס זי אויף מיט די אויגן, ווי אַ הונגעריקער אַ שטיקל ברויט. כ'האָב דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען קיין פרוי. דאָס באַווייזן זיך פון דערדאָזיקער פרוי איז פאַר מיר געוועו אַ גרויס וווּנדער, כ'בין געוועו דערשטוינט — דאָס איז, אַלזאָ, אַ פרוי? איך האָב מיך אַזוי פאַרגעסן, פאַר־געסן אָן מיינע פליכטן אַלס באָצמאַן, און נישט גענומען קיין אָנטייל אין אַרויפנעמען די נייע אָנגעקומענע אויף אונזער שיף.

און ווען איינער פון די מאַטראָזן האָט זי אויפגעהויבן,

און זי איבערגעגעבן אין וואָלף לאַרסענס אויסגעשטרעקטע אָרעמס, האָט זי געקוקט אין אונזערע נייגיריקע פּנימער און אַזוי זיס און ליבלעך געשמייכלט, ווי נאָר אַ פרוי קען שמייכלען, און אַזוי ווי איך האָב שוין אַזוי לאַנג נישט געזען קיין פרוי, האָב איך גאָר פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירן אַזעלכע שמייכלען.

„מר. וואן ווידן!"

פון וואָלף לאַרסענס גראָבער שטימע בין איך געקומען צו זיך.

„וועט איר אַזוי גוט זיין און אַראָפּפירן די ליידי אונטן און זי באַקוועם איינאָרדנען? עפנט אויף יענע קאַבינע און זאָל קוקו זיך נעמען צו דער אַרבעט. און טוט עפּעס פאַר איר פּנים. עס איז זייער שטאַרק אָפּגעברענט געוואָרן".

ער האָט זיך שנעל אַוועקגעדרייט פון אונז און אָנגע-הויבן אויסצופרעגן די ניי-אָנגעקומענע געסט.

דאָס שיפל איז דורכן ווינט פאַרשלעפּט געוואָרן אין ים אַריין, און איינער פון זיי האָט אויסגעשריען:

„אַ חרפּה און אַ שאַנד! און אַזוי באָענט פון יאָקאָהאַמאַ..."

כ'האָב עפּעס שטאַרק מורא באַקומען צוליב דער פרוי, וואָס האָט זיך איצט געפונען צווישן אונז.

אַראָפּפירנדיק זיך בין איך געווען עפּעס אַזוי אומגעשיקט. כ'האָב צום ערשטן מאָל געטראַכט: וואָס פאַר אַ דעליקאַט, שוואַך וועזן אַ פרוי איז! און ווען, העלפנדיק איר אַראָפּצוגיין די טרעפּ, איך האָב זי אָנגענומען ביים אָרעם, בין איך איבערראַשט געוואָרן פון איר קליינעם און שוואַכן אָרעם. און פאַקטיש, זי איז געווען אַ שלאַנקע, דעליקאַטע פרוי, ווי פרויען זענען, אָבער פאַר מיר איז זי געווען אַזוי עטעריש-שלאַנק און דעלי-קאַט, אַז כ'האָב געמיינט אָט-אָט וועט זיך איר אָרעם צעקריש-לען פאַר מיינע אויגן.

דאָס אַלץ דערצייל איך דאָ אָפנהערציק, כדי צו ווייזן וואָס פאַר אַ רושם ס'האָט אויף מיר געמאַכט דאָס באַווייזן זיך פון אַ פרוי בכלל און מאוד ברוסטער בפרט, נאָכדעם ווי כ'האָב אַזאַ לאַנגע צייט נישט געזען קיין פרוי.

„איר דאַרפט זיך נישט אַזוי מטריח זיין צוליב מיר", האָט זי פּראָטעסטירט, ווען איך האָב זי אַנידערגעזעצט אין וואָלף לאַרסען פאָטעל, וועלכן כ׳האָב אין איילעניש אַרויסגעשלעפּט פון זיין קאַבינע. „היינט אינדערפרי האָבן די מיטפאָרנדיקע יעדע מינוט זיך געריכט צו דערזען יבשה. און ביינאַכט האָט דאָס שיפל געדאַרפט זיין אין פּאָרט; ווי מיינט איר?"

איר פּשוטער גלויבן אין דער נאָענטסטער צוקונפט האָט מיך איינגאַנצן צעטומלט. ווי אַזוי האָב איך געקענט איר דערקלערן אין וואָס פּאַראַ לאַגע זי געפינט זיך, וועגן דעם מאָדנעם מענטש, וואָס שפּרייזט אין ים, ווי דער גורל, אַלץ וועגן וואָס איך בין געוואָר געוואָרן נאָך לאַנגע חדשים? אָבער איך האָב געענטפערט געוויסנהאַפט:

„אויב מיר וואָלטן געהאַט צו טון מיט אַן אַנדערן קאַפּיטאַן, נישט מיט אונזערן, וואָלט איך געזאָגט, אַז מאָרגן וועט איר זיך געפינען אין יאָקאָהאַמאַ. אָבער אונזער קאַפּיטאַן איז אַ מאָדנער מענטש, און איך בעט אייך, אַז איר זאָלט זיין צוגעגרייט אויף אַלעם — פאַרשטאַנען? אויף אַלעם".

„איך—איך בין זיך מודה, אַז כ׳פאַרשטיי קוים, וואָס איר מיינט", האָט זי זיך געקווענקלט, און אין אירע אויגן האָט זיך באַמערקט אַן אומרויִקער אָבער נישט קיין איבערגעשראָקענער אויסדרוק.

„צי האָב איך נישט קיין טעות, אַז שיפּברוך־געליטענע קומט מען שטענדיק צו הילף? דאָס איז אַזאַ קלייניקייט, איר וועט מסכּים זיין צו דעם. מיר זענען דאָך אַזוי נאָענט פון דער יבשה".

„אָפנהערציק גערעדט, ווייס איך נישט", האָב איך מיך אָנגעשטרענגט זי צו באַרויִקן. „איך וויל אייך נאָר צוגרייטן צום ערגסטן, אויב דאָס ערגסטע דאַרף פּאָרקומען. דערדאָזיקער מענטש, דערדאָזיקער קאַפּיטאַן, איז אַ בעסטיע, אַ דעמאָן, און קיינער קען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס פאַראַ משוגעת ער וועט אָפּטון".

איך בין געוואָרן אויפֿגערעגט, אָבער זי האָט מיך איבערגעריסן מיט „אָ, איך פֿאַרשטיי”, און איר שטים האָט אויסגעזען צו זיין מיד. ווייזט אויס, אַז ס'איז איצט פֿאַר איר בכלל שווער צו דענקען. זי האָט זיך באַשיינפּערלעך געפֿונען אין אַ חלשותדיקן צושטאַנד פֿאַר דערשעפּונג.

זי האָט מיך שוין מער גאָרנישט געפֿרעגט, און איך ווידער האָב זיך אָפּגעהאַלטן פֿון צו מאַכן וואָסערע עס איז באַמערקונגען און זיך גענומען אויסצופֿירן וואָלף לאַרסענס באַפֿעל און זי איינגעאָרדנט ווי מעגלעך באַקוועמער.

איך האָב מיך אַרומגעדרייט, ווי אַ באַלעבאָסטע, צוגעגרייט אַ פֿליסיקייט פֿאַר איר אָפּגעברענט פּנים, אַרויסגענומען פֿון וואָלף לאַרסענס פּריוואַטע זאַפּאַסן אַ פֿלעשל פּאָרטערוויין, און געהייסן טאָמאַס מאַגרידזשן, אַז ער זאָל ברענגען אין אָרדנונג די קאַבינע.

דער ווינט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, דאָס געשפּענסט האָט זיך אַלץ שטאַרקער געשאָקלט, און ווען די קאַבינע פֿאַר דער פֿרוי איז געווען צוגעגרייט, האָט די שיף זיך געוואָרפֿן אין וואַסער ווי אַ לעבעדיקער פֿיש.

כ'האָב שוין אינגאַנצן געהאַט פֿאַרגעסן, אַז עס לעבן אויף דער וועלט אַ ליטש און אַ דזשאָנסאָן. ווען פּלוצלונג, ווי אַ קלאַפּ פֿון דונער, האָט זיך דערהערט אַ געשריי: „אַ שיפֿל!” דאָס האָט געשריגן „רויך”, וועלכער איז געשטאַנען ביי די הויפּטמאַסט.

איך האָב געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער פֿרוי, אָבער זי איז געלעגן אָנגעלענט אין פֿאָטעל, אירע אויגן זענען געווען פֿאַרמאַכט, אויסערגעוויינלעך מיד.

כ'בין אין ספֿק, צי זי האָט עפּעס געהערט, און איך האָב באַשלאָסן, אַז זי זאָל נישט בייווינען די ברוטאַליטעט, וואָס וועט געשען נאָכן כאַפּן די דעזערטירן. זי איז מיד, זייער גוט. זאָל זי שלאָפֿן.

אויפֿן דעק האָבן זיך געהערט שנעלע באַפֿעלן, אַ גע-

טופעריי פון פיס און דאָס רייסן זיך פון די זעגל.

דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט איז אַריין אין ווינט און מ׳האָט גע־פּיטן די שטריק.

בעת די שיף האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, האָט זיך דער פּאָטעל געגליטשט אויף דער פּאָדלאָגע פון דער קאַבינע און כ׳האָב באַוויזן צו צולויפן, כּדי נישט דערלאָזן, אַז די אָפּגעראַטעוועטע פרוי זאָל ארויסגעוואָרפן ווערן.

אירע אויגן האָבן זיך שווער געקלעפּט און זי האָט אויף אַ ווײַלע געעפנט די אויגן, ווי אַ פאַרחידושטע, בעת איך האָב זי אַריינגעפירט אין דער צוגעגרייטער קאַבינע.

מאַגרידזש האָט געקריצט מיט די ציין, ווען כ׳האָב אים געהייסן אַרויסגיין און נעמען זיך צו זיין אַרבעט. ער האָט אָן מיר גענומען נקמה, פאַרשפּרייטנדיק פּלאָטקעס צווישן די יע־גערס, אַז כ׳בין אַן אויסגעצייכנטע „פּאָקאָיוווקע״.

זי האָט זיך שווער אָנגעלענט אויף מיר, און איך גלייב, אַז זי איז ווידער איינגעשלאָפן צווישן פּאָטעל און קאַבינע. אין דעם האָב איך מיך איבערצייגט, ווען זי איז שיער אַריינגע־פאַלן אין דער נאַרע, בעת דער סקונער האָט זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטון. זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, פאַרשלאָפן גע־שמייכלט און ווידער איינגעשלאָפן; איך בין אַוועק און זי גע־לאָזט שלאָפן אונטער אַ פּאָר גראָבע מאַטראָזישע קאָלדרעס, און איר קאָפּ האָט זי געהאַלטן אויף אַ קישן, וואָס איך האָב צו גענומען פון וואָלף לאַרסענס נאַרע.

## קאַפּיטל ניינצן

כ׳בין אַרויף אויפן דעק און דערזען, אַז דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט, גייענדיק לינקס, יאָגט זיך צו דער ווינטזייט פון באַקאַנטן זעגל, וואָס בלאָזט דאָרט.

די גאַנצע מאַנשאַפט איז געווען אויפן דעק, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז ס'וועט עפּעס געשען, ווען מען וועט אַרויפנעמען אויפן דעק ליטשן און דזשאָנסאָנען.

ס'האָט געקלונגען פיר מאָל. לואיס איז אַרויפגעקומען אויבן, כדי צו פאַרטרעטן דעם רודערער.

אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ פייכטקייט און איך האָב באַמערקט, אַז ער גייט אָנגעטון אין גומענעם מאַנטל.

„וואָס וועט זיין?‟ האָב איך אים געפרעגט.

„אַ שטאַרקער בלאָז פון אַ ווינט מיט אַ רעגן, וואָס וועט אונז קוים אָנרירן‟, האָט ער געענטפערט.

„דאָס איז שלעכט, וואָס מיר האָבן זיי דערזען‟, האָב איך געזאָגט, ווען דעם געשפּענסט דזשאָב איז אָפּגעשפּרונגען פון אַ גרויסער כוואַליע, און דאָס שיפל איז פאַרבייגעשפּרונגען פאַר אונזערע דרייקאַנטיקע זעגלען און אַריין אין אונזער זעונג-קרייז.

לואיס האָט צוגעלייגט אַ שפּריכע און איינגעהאַלטן דאָס ראָד.

„כ'מיין, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט דערזען די יבשה.‟

„איר מיינט אַזוי?‟ האָב איך געפרעגט.

„ניין, סיר. צי פילט איר דאָס נישט?‟ (אַ שטאַרקער ווינט האָט אַ כאַפּ געטון דעם סקונער, און לואיס איז געווען געצוווּנגען אַ קערעווע צו טון מיטן ראָד, כדי אויסצומיידן דעם ווינט) „אין אַ שעה אַרום וועט אָנקומען אַ כוואַליע, און דאָס שיפל וועט זיך נישט קענען דערהאַלטן; ס'איז אַ גליק, וואָס מיר וועלן זיי קענען אויפנעמען‟.

וואָלף לאַרסען, נאָכן דורכשמועסן זיך מיט די אָפּגעראַטעוועטע, איז אַרויפגעקומען צו אונז מיט זיין קעציש-אַרטיקן שפּרונג און זיין גאַנג איז איצט געווען מער בולט ווי אַלעמאָל און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט.

„דריי איילשמירער און איין אינזשיניער‟. דאָס איז געווען אָנשטאָט באַגריסונג. „אָבער מירן מאַכן פון זיי מאַטראָזן,

לכל הפחות וויעסלערס. נו, און וואָס הערט זיך ביי דער ליידי?״

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר בעת ער האָט אַרויסגערעדט די לעצטע פּאָר ווערטער האָב איך דערפילט אַ ווייטאָק, ווי פון אַ שניט מיט אַ מעסער.

כ׳מיין, אַז דאָס איז געווען אַ נאַרישע צערייצטקייט פון מיין זייט, אָבער טראָץ מיין ווילן האָב איך דאָס נישט געקענט גובר זיין, און איך האָב בלויז געקוועטשט מיט די אַקסלען אָנ־שטאָט ענטפער.

וואָלף לאַרסען האָט צוגעפּרעסט די ליפּן אויף אַ לאַנגן, הוזקדיקן פייף.

„אַלזאָ, ווי הייסט זי?״ האָט ער געפרעגט.

„איך ווייס נישט״, האָט איך געענטפערט. „זי שלאָפט. זי איז זייער מיד. כ׳מיין, אַז כ׳וועל פון אייך עפּעס געוואָר ווערן. וואָס פאַרא שיף איז דאָס געווען?״

„אַ פּאָסט־דאַמפער״, האָט ער לאַקאָניש געענטפערט, „די „שטאָט טאָקיאָ״ פון סאַן פראַנציסקאָ, באַשטימט פאַר יאָקאָהאַמאַ. געוואָרן אומפעיִק אין יענעם טייפון. אַן אַלטע שברי־כלי, גע־לעכערט אינגאַנצן ווי אַ זיפּ. פיר טאָג זיך געטראָגן איבערן וואַסער. און איר ווייסט נישט ווער זי איז? פרייל׳ן, פרוי, אלמנה? גוט, גוט.״

ער האָט מיט חוזק געשאָקלט מיטן קאָפּ, און מיך אָנגע־קוקט מיט לאַכנדיקע אויגן.

„איר ווילט — —״ האָב איך אָנגעהויבן. כ׳האָב אים געוואָלט פרעגן צי ער וועט אַראָפּלאָזן די גראַטעוועטע אין יאָקאַהאַמאַ.

„וואָס וועל איך?״ האָט ער געפרעגט.

„וואָס האָט איר בדעה צו טון מיט ליטשן און דזשאָנ־סאַנען?״

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„אין אמתן, העמפּ, איך ווייס נישט. איר זעט דאָך, מיט

דידאָזיקע געראַטעוועטע האָב איך שוין די גאַנצע מאַנשאַפט, וואָס איז מיר נויטיק."

"און זיי האָבן טאַקע נאָר געוואָלט אַנטלויפן", האָב איך געזאָגט. פאַרוואָס זאָלט איר זיי נישט באַהאַנדלען בעסער? נעמט זיי אַרויף און באַהאַנדלט זיי איידל. דאָס וואָס זיי האָבן געטון ביז איצט, איז דערפאַר, וואָס מ'ד'האָט זיי געצוווּנגען דערצו".

"דורך מיר?"

"דורך אייך", האָב איך שטרענג געענטפערט. "און איך וואָרן אייך, וואָלף לאַרסען, אַז כ'וועל פאַרגעסן אָן מיין אייגענעם גוף און דערהרגענען אייך, אויב איר וועט זיך דערלויבן צו גיין צו־ווייט און פייניקן דידאָזיקע אומגליקלעכע".

"בראַוואָ", האָט ער אויסגערופן. "איך בין שטאָלץ מיט אייך, העמפּ! איר שטייט איצט אויף אייערע אייגענע פיס! איר זענט שוין אַ מענטש. דער שלעכטער גורל האָט אייך פאַרוואָרפן אין ערטער, ווו מ'פירט אַ גרינג לעבן, אָבער איר אַנטוויקלט זיך, און איר געפעלט מיר דערפאַר בעסער."

זיין שטימע און אויסדרוק האָבן זיך געענדערט נישט צום דערקענען, דאָס געזיכט האָט געקוקט ערנסט.

"צי גלייבט איר אין צוזאָגן?" האָט ער געפרעגט. "צי איז אַ צוזאָג הייליק?"

"אוודאי", האָב איך געענטפערט.

"אויב אַזוי שליסן מיר אַן אָפּמאַך", האָט ער ווייטער גערעדט, דער געבוירענער אַקטיאָר. "אויב כ'זאָג אייך צו נישט אָנצורירן ליטשן און דזשאָנסאָנען, צי וועט איר דערפאַר צוזאָגן נישט צו פּרוּוון מיך צו דערהרגענען?"

"אָ, כ'זאָג עס נישט דערפאַר, וואָס כ'האָב מורא פאַר אייך, נישט דערפאַר, וואָס כ'האָב מורא פאַר אייך", האָט ער צוגעגעבן אין איילעניש.

כ'האָב נישט געוואָלט גלייבן מיינע אייגענע אויערן. וואָס טוט זיך מיט דעם מענטש?

„געמאַכט?" האָט ער געפרעגט אומגעדולדיק.

„געמאַכט", האָב איך געענטפערט.

ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און ווען איך האָב זי געדריקט, קען איך שווערן, אַז דער חוזק-טייוול האָט אויף אַ ווייל אויפגעבליצט אין זיינע אויגן.

מיר האָבן שפּאַצירט ביי דער זייט פון ווינט. דאָס שיפל האָט זיך איצט געפונען נאָענט פון אונז, אין אַ נעבעכדיקן צושטאַנד, דזשאָנסאָן האָט גערודערט און ליטש האָט געשעפּט דאָס וואַסער.

מיר האָבן זיי איבערגעיאָגט, מאַכנדיק צוויי פּיס אויף זייער איינעם. וואָלף לאַרסען האָט געגעבן אַ ווונק און לואיס איז אַ ביסל אַראָפּ פון קורס און מיר האָבן זיך שוין געפונען האַרט ביים שיפל אַ פּאָר טריט פון דער ווינט-ריכטונג.

דאָס געשפּענסט האָט פאַרשטעלט דאָס שיפל. און דער זעגל האָט זיך פאַרמאַכט און עס איז געבליבן ליגן אויף אַ גלייכן קיל, אַזוי אַז די צוויי דעזערטירן האָבן שנעל געמוזט ענדערן זייער פּאָזיציע, כּדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין.

אַ הויכע כוואַליע האָט אונז אַ הייב געטון, און דאָס שיפל איז אַריין אין אַ טאָל.

אין דעם מאָמענט האָבן ליטש און דזשאָנסאָן זיך געטראָפן מיט די בליקן פון זייערע חברים, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט לענגאויס דעם פאָרענטש אויפן צווישנדעק. קיינער האָט זיי נישט באַגריסט.

די חברים האָבן זיי געהאַלטן פאַר פאַרמשפּטע צום טויט, און צווישן זיי האָט זיך געפונען דער תהום, וואָס צעשיידט די לעבעדיקע און די טויטע.

אין אַ מינוט אַרום זענען זיי שוין געווען קעגנאיבער דעם אויבערדעק, ווו איך און וואָלף לאַרסען זענען געשטאַנען. מיר זענען אַריינגעפאַלן אינם טאָל, און זיי האָבן זיך געטראָגן איבער די כוואַליעס.

דזשאָנסאָן האָט געקוקט אויף מיר און איך האָב געזען, אַז זיין פּנים איז אויסגעמוטשעט און אויסגעפּייניקט. כ'האָב געפּאַכעט צו אים מיט דער האַנט און ער האָט געענטפערט אויף מיין באַגריסונג, וואָס האָט אויסגעדרוקט האָפנונגסלאָזי־קייט און יאוש. ס'האָט אויסגעזען ווי ער געזעגנט זיך אויף שטענדיק.

איך האָב נישט געזען ליטשס אויגן, ווייל ער האָט גע־קוקט אויף וואָלף לאַרסענען, און זיין פּנים איז געווען פאַר־קרומט פון אומבארחמנותדיקער שנאה.

אין אַ ווייל אַרום האָבן זיי זיך געפונען אונטערן הינ־טערשטן שיפטייל. די זעגל, אָנגעפּילט מיט ווינט, האָבן אַרויס־געגעבן דאָס שוואַכע שיפל, אַז ס'האָט זיך שיער איבערגע־דרייט.

אויבן האָט געשוימט אַ ווייסע שוים, און זיך געטראָגן ווי אַ שניי־ווייסער קנויל.

דאַן איז דאָס האַלב־פאַרטרונקענע שיפל קאַפּויער געקומען.

ליטש האָט געשעפּט דאָס וואַסער. און דזשאָנסאָן האָט זיך געקלאַמערט אָן דער רודער־ווישעלע, און זיין פּנים איז געווען בלייך און טויט־בלאַס.

וואָלף לאַרסען האָט אַריינגעברומט מיט אַ געלעכטער אין מיין אויער און אַריבער אויף דער ווינט־ריכטונג פונם אויבער־דעק. איך האָב זיך געריכט, אַז ער וועט געבן באַפעלן, אַז דאָס געשפּענסט זאָל לאַווירן, אָבער די שיף האָט זיך געהאַלטן ביי איר קורס און ער האָט נישט געגעבן קיין שום צייכן.

לואיס, ווי נישט אים מיינט מען, איז געשטאַנען ביים ראַד, אָבער כ'האָב באַמערקט, ווי די פאַרזאַמלטע מאַטראָזן האָבן מיט פאַרחושכטע פּנימער געקוקט אין אונזער ריכטונג.

און דאָס געשפּענסט איז זיך ווייטער געלאָפן, ביז דאָס שיפל האָט אין אונזערע אויגן אויסגעזען ווי אַ פלעק. דאַן האָט אַ קלונג געטון וואָלף לאַרסענס קול, באַפעלנדיק, און

ער איז אַרויף אויף דער רעכטער זייט פון דער שיף.

מיר האָבן זיך געהאַלטן צוויי מייל ווייט אין דער ווינט־ריכטונג פונם קעמפנדיקן מיט שטורם שוואַכן שיפל, ביז מיר האָבן אַראָפּגענומען די דרייקאַנטיקע זעגלען און זיך דערנענטערט צו אים.

די פּאַקע־שיפלעך זענען נישט געבויט, אַז זיי זאָלן קענען לאַווירן קעגן ווינט. זייער איינציקער שטיצפּונקט איז, וואָס זיי האַלטן זיך אין דער ווינט־ריכטונג, אַזוי אַז אין פאַל פון אַ פאַרשטאַרקטן ווינט זאָלן זיי זיך קענען באַהאַלטן אונטערן דעק.

אָבער אויפן גאַנצן דאָזיקן ווייטן שטח, איז נישט געווען קיין אַנדער מקום־מקלט פאַר ליטשן און דזשאָנסאָנען, נאָר אויפן געשפּענסט און זיי האָבן ענערגיש אָנגעהויבן אַרייַנרייסן זיך אין ווינט.

דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט אין דעמדאָזיקן שווערן שטורעם. זיי האָבן יעדע מינוט געקענט פאַרגאָסן ווערן פון די ברויזנדיקע כוואַליעס.

אומצאָליקע מאָל איז דאָס שיפל פאַרקראָכן צווישן די ווייסע שוים־היטלען און געשליידערט געוואָרן ווי אַ קאָרק.

דזשאָנסאָן איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ים־מענטש און ער האָט זיך געקענט אויף קלייַנע שיפלעך, ווי אויף גרויסע.

אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום האָט ער זיך געפּונען לעבן אונז, שטייענדיק לעבן הינטערשטן שיפטייל און זיך געצילט צו דעריאָגן אונז.

„אַזוי האָט איר זיך איבערגעקלערט?" האָב איך געהערט ווי וואָלף לאַרסען ברומט, האַלב צו זיך, האַלב צו זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן געקענט הערן. „איר ווילט אַרויף אויפן דעק, האַ? גיט, איר מוזט אַביסל צו וואַרטן".

„שטאַרקער מיטן רודער!" האָט ער באַפוילן אופּטי־אופּטין, דעם קאַנאַקא, וועלכער האָט איצט פאַרטרעטן ביים ראָד לואיסן.

וואָלף לאַרסען האָט געהאַלטן אין איין געבן באַפעלן. בעת דער סקונער האָט זיך אונטערגעגעבן, האָט מען צוליבן שטאַרקן ווינט אַראָפּגעלאָזט די פאָדערשטע און אויבערשטע זעגלען און מיר זענען ווידער געווען אונטערן ווינט און געשפּרונגען, ווען דזשאָנסאָן, אַראָפּלאָזנדיק דעם זעגל, נישט געקוקט אויף דער בפירושער סכּנה, האָט אין אַ הונדערט פיס פון אונז איבערגעשניטן אונז דעם וועג.

ווידער האָט לאַרסען געלאַכט און אין דער־זעלבער צייט געווונקען צו זיי מיט דער האַנט, אַז זיי זאָלן אים נאָכלויפן. עס איז געווען קלאָר, אַז זיין כּוונה איז צו רייצן זיך מיט זיי, — אַ לעקציע, מיין איך, אָנשטאָט זיי צו שלאָגן, הגם אַ געפערלעכע לעקציע, ווייל דאָס שוואַכע שיפל איז געווען אין סכּנה יעדע מינוט איינגעשלונגען צו ווערן פון די כוואַליעס.

דזשאָנסאָן האָט געענדערט דעם קורס און זיך געיאָגט נאָך אונז. ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה. דער טויט האָט געלאָקערט אומעטום, און ס'איז נאָר געווען אַ פראַגע פון מינוטן, ווען איינע פון די ריזיקע כוואַליעס וועט אָנפאַלן אויפן שיפל און עס איבערדרייען.

„זייערע הערצער קלאַפּן פאַר טויט־שרעק", האָט לואיס אַריינגעברומט אין מיין אויער, בעת כ'בין פאַרבייגעגאַנגען פאַר אים צו זען, אַז מ'זאָל אַראָפּנעמען די דרייקאַנטיקע און אַנדערע זעגל.

„אָ, אין אַ פּאָר מינוט וועט ער צו פאָרן און זיי אַרויפנעמען", האָב איך געענטפערט פריילעך, „ער וויל זיי נאָר אָנלערנען, דאָס איז עס אינגאַנצן".

לואיס האָט כיטרע אַ קוק געטון אויף מיר.

„איר מיינט אַזוי?" האָט ער געפרעגט.

„אַוודאי", האָט איך געענטפערט. „ווי מיינט איר?"

„איך מיין גאָרנישט, היינטיקע צייטן, טראַכט איך, נאָר וועגן מיין אייגענער פעל," — האָט ער געענטפערט, — „און מיך וווּנדערט נאָר, ווי אַזוי די געשעענישן לויפן אַזוי. אַ שיי־

נע חתונה האָט מיר אָנגעמאַכט דער פראַנציסקאַ'ער וויסקי. אַ איך ווייס, אַז כ'בין אַליין שולדיק, אַלטער נאַר".

„וואָס מיינט איר צו זאָגן?" האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט עפּעס זיך געפּאָרעט ביים שטעקן און זיך אוועקגעדרייט.

„וואָס איך מיין?" האָט ער געשריגן. „איר זאָלט מיך דאָס פרעגן? נישט איך מיין, נאָר דער וואָלף מיינט! דער וואָלף, איר הערט! דער וואָלף!"

„צי קען איך רעכענען אויף אייך אין פאַל פון עפּעס אַ סכנה?" האָב איך אימפּולסיוו געמרעגט, ווייל זיינע ווערטער האָבן געקלונגען מיט אייגענער מורא.

„רעכענען אויף מיר? רעכענען אויפן אַלטן פעטן לואיס? איך היט מיר מיינע ביינער, ס'וועט גענוג זיין אָן מיר". מיר האַלטן ערשט ביי בראשית, איר הערט? עס הייבט זיך ערשט אָן".

„כ'האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט אַזאַ פּחדן", האָב איך געהוזקט.

ער האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק.

„איך וויל נישט אַ ריר טון מיט אַ פינגער פאַר יענעם אָרעמען שוטה", — אָנווייזנדיק אויפן קליינעם זעגל, — און איר מיינט, אַז כ'וועל אַוועקגעבן מיין קאָפּ פאַר אַ פּרוי, וואָס איך זע זי ערשט היינט צום ערשטן מאָל?"

כ'האָב מיך אַוועקגעדרייט פון אים און אַרויף אין דער הייך.

„מר. וואן ווערדן", האָט וואָלף לאַרסען געזאָגט, ווען איך בין אַרויפגעקומען אויפן אויבערדעק. „פאַרוויקלט בעסער יענע הויכע זעגלען".

כ'האָב דערשפּירט, אַז עס ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן, לכל הפּחות, וואָס שייך דידאָזיקע צוויי מענטשן. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער וויל נישט צו־ווייט אַנטלויפן פון זיי. ביים דאָזיקן געדאַנק האָב איך באַקומען מער מוט און

זיך געגומען שנעלער אויספירן זיין באַפעל.

נאָך איידער כ'האָב געעפנט דאָס מויל אַרויסצוגעבן די נויטיקע באַפעלן, און שוין האָבן זיך די אומגעדולדיקע מאַטראָזן געלאָזט לויפן זיי אויסצופירן. וואָלף לאַרסען האָט באַמערקט דידאָזיקע אומגעדולד מיט אַ פינסטערן שמייכל.

מיר האָבן אַלץ פאַרגרעסערט אונזער שנעלקייט, און ווען דאָס שיפל האָט זיך געפונען אַ פּאָר מייל פון האַפן, האָבן מיר אָנגעהויבן לאַווירן און וואַרטן.

אַלע האָבן אָנגעשטרענגט זייערע אויגן, אַפילו וואָלף לאַר-סען, אָבער ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געווען גלייכגילטיק.

לואיס, אײַנקוקנדיק זיך מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, האָט פאַרראַטן אומרויקייט, וועלכע ער איז נישט אומשטאַנד געווען צו באַהאַלטן.

דאָס שיפל האָט זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט, וואַרפנדיק זיך אויף די ברויזנדיקע, גרינע כוואַליעס, ווי אַ לע-בעדיק וועזן. עס האָט זיך געהויבן, געשפרונגען אויף די גרוי-סע רוקן-כוואַליעס, אָדער גאָלם געוואָרן אונטער זיי און נאָכדעם ווידער זיך באַוויזן.

עס האָט אויסגעזען אַז ס'איז אוממעגלעך, אַז עס זאָל קענען לעבן בלייבן, אָבער מיט יעדן שטויס האָט עס דער-גרייכט דאָס אוממעגלעכע. עס האָט געיאָגט אַ רעגן-שקוואַל. און דאָס שיפל איז קאַפּויער געקומען פון די פליענדיקע כוואַ-ליע, כמעט לעבן אונז.

„הע', דרייט שטאַרקער, שנעלער!", האָט וואָלף לאַרסען געשריגן און ער אַליין איז צוגעלאָפן צום ראָד און אָנגעהויבן דרייען.

ווידער איז דאָס געשפעגסט אָפּגעשפּרונגען און אַנט-לאָפן פון די צוויי דעזערטירן, וואָס האָבן אונז געיאָגט אין משך פון צוויי שעה. מיר האָבן לאַווירט און אַנטלאָפן, לאַווי-רירט און אַנטלאָפן, און יעדעס מאָל האָט זיך דער רעגן גע-

נייגט צום הימל און אַריינגעלאָפן אין די ברויזנדיקע טאָלן. אָבער, געפונענדיק זיך אַ פערטל מייל פון אונז, האָט אַ געדיכטער שקוואַל־רעגן פאַרשטעלט פאַר אונז דאָס שיפל.

עס האָט זיך שוין מער נישט באַוויזן. עס האָט גענומען בלאָזן אַ ווינט, אָבער אויף דער ברויזנדיקער אויבערפלאַך האָט מען שוין נישט געזען אפילו אַ צייכן פון אַ זעגל.

אַ ווײַלע האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זע דעם דנאָ פון איבערגעדרייטן שיפל, שוואַרץ אין די געפּלאַצטע כוואַליעס, אָבער ווייטער גאָרנישט. פאַר דזשאָנסאָנען און ליטשן האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירן אונזער וועלט.

די מאַנשאַפט איז געבליבן שטיין אויפן צווישנדעק. קיינער איז נישט אַראָפּגעגאַנגען, און קיינער האָט נישט איבערגעריסן די שטילקייט. אפילו מיט די בליקן האָבן זיי זיך נישט געביטן. יעדער איינער האָט אויסגעזען ווי פאַרשטיינערט — ווי טיף פאַרטראַכט, אינגאַנצן נישט זיכער וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער וואָלף לאַרסען האָט זיי נישט געגעבן קיין צייט צו טראַכטן.

ער האָט באַלד געלאָזט אין גאַנג דאָס ג ע ש פ ע נ ס ט אויף איר געוויינלעכן קורס—דאָס האָט געהייסן צו דער פּאַקעסטאַדע, נישט צום יאָקאָהאַמער פּאָרט. אָבער די מאַנשאַפט האָט זיך איצט שוין נישט געאײַלט ווי פריער, און פון זייערע פאַרקרימטע ליפּן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אָן לעבן, האָבן זיך געהערט קללות.

אָבער גאָר אַנדערש האָבן זיך אויפגעפירט די יעגער.

„רויך”, דער נישט אײַנגעהאַלטענער, האָט דערציילט עפּעס אַ מעשה און ווען זיי זענען אַראָפּ אונטן אין זייער קאַיוטע האָבן זיי געריטשעט פאַר געלעכטער.

ווען כ'בין אַרויפגעגאַנגען אויבן, ליגקס פון דער קיך, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער אינזשיניער, וועלכן מיר האָבן געראַטעוועט. זיין פּנים איז אינגאַנצן געווען בלאַס און זיינע ליפּן האָבן געציטערט.

„גאָט מיינער, סיר! וואָס פאַר אַ שיף איז דאָס?" האָט ער געשריגן.

„איר האָט אויגן, איר האָט געזען", האָב איך געענטפערט במעט ברוטאַל, ווילנדיק דערשטיקן דעם ווייטיק און שרעק, וואָס האָט מיך אַרומגענומען.

„אייער צוזאָג?" האָב איך געזאָגט צו וואָלף לאַרסענען.

„ווען כ'האָב געגעבן דעם צוזאָג", האָב איך לחלוטין נישט געטראַכט וועגן אַרויפנעמען זיי אויפן דעק", האָט ער געענטפערט. „און איר מוזט מודה זיין, אַז איך האָב זיי נישט אָנגערירט מיט אַ פינגער".

„כ'האָב זיי נישט אָנגערירט", האָט ער געלאַכט.

כ'האָב דערויף גאָרנישט געענטפערט. כ'האָב נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט, עס האָט זיך מיר געמישט אין מוח.

איך ווייס, איך מוז זיך גוט פאַרטראַכטן, איידער כ'גיי עפּעס טון. איך טראָג איצט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פרוי, וואָס שלאָפט איצט אין דער קאַבינע, און איך ווייס, אַז איך טאר איצט נישט באַגיין קיין איבעראיילטן, אומבאַרעכנטן שריט, אויב כ'וויל איר מיט וואָס עס איז העלפן.

# סוף

# פאַרלאַג מ. יערוכעמזאָן, וואַרשע

## גאָר וואָס דערשינען

## נ. בוכאַרין

# טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם

(איבערזעצט (פון דער לעצטער רוסישער אויסגאַבע 1925) דורך שרה לערמאַן)

טיף און גרונטלעך שעפּט בוכאַרין אויס יענע **אַלע** פּראָבלעמען וואָס וויבּרירן אין מוח פון יעטוועדן דענקנדן מענטש.

די קענסט זיין אַן אָנהענגער, אָדער אַ קעגנער פון דער דאָזיקער געשיכטס-פילאָזאָפיע דאָך גלייכגילטיק וועט נישט אַדורכגיין קיין שום דענקנדיקער מענטש, פאַר דידאָזיקע צוויי אייביקע פּראָבלעמען גייסט און מאַטעריע. וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר די אומאויפהערלעכע צוזיונקס און אָפּשטויס קראַפט פונם מענשליכן געדאַנק דורך אַלע דורות.

פאַר דעם קלאַסן באַוווסטזיניקן אַרבעטער אָבער, איז די דאָזיקע געשיכטס-פילאָזאָפיע געוועזן דורך דעם גאַנצן דורותדיקן קאַמף, פאַר זיין באַפרייונג — ביזן היינטיקן טאָג. איןווירבל און דראַנג פון געשיכטליכע געשעענישן דער עמוד האש, דער לייכט-טורם וואָס האָט באַלויכטן, און באַלויכט דעם געשלענגלטן באַרג אַרויף וועג, צו זיין אַנטגילטיקע באַפרייונג דער סאָציאַליזם.

דאָס בוך איז צוטיילט אין 8 ביכער 4 טאָפּל-בענדער. פּרייז פון יעדן טאָפּל-באַנד באַזונדער 350. אַלע פיר צוזאַמען 14.50 גילדן געבונדן אין 2 בענדער נאָך 3 גילדן.

**פאַר בוכהענדלער, ביבליאָטעקן און גרופּן, געהעריקער ראַבאַט.**

**מיט באַשטעלונגען געגן נאַכנאַמע זיך צו ווענדן לויטן אַדרעס:**

M. JERUCHEMSOHN, Warszawa, Miodowa 20/37.